
UNION
HEBREW
COLLEGE
EX LIBRIS
Established 5635-1875.
Class.................Book.................
1907

זשול ווערן

# די שולע
# פון די ראבינזאנס

(ראָמאַן)

יידיש: מ. גרין

[192-?]

פאַרלאַג א. גיטלין ווארשע

# די שולע פון די ראָבינזאָנס

PQ
2469
E3.19

Druk B-cia Lewin Epsztein i S-ka Warszawa Pawia 38.

## קאַפּיטל איינס.

אויב דער לעזער איז א בעלן, קען ער איינהאנדלען א פיין אינדזעלע אויפן שטילן אקעאן.

„עס פאַרקויפט זיך אַן אינדזל פאַר מזומן געלט! ווער ווי-
קויפן? ווער גיט מער! ענטפערט! שווייגט נישט!"

אזוי האָט געשריען דין פעלפּאָרג, דער פאַרוואַלטער איבער
דערדאָזיקער אויסטערלישער קניה. די באַקן זענען אים אָנגעלאָפן
געוואָרן מיט בלוט, אויפן האַלדז האָבן זיך אים אויפגעהייבן די-
קע אַדערן.

„עס פאַרקויפט זיך אַן אינדזל! עס פאַרקויפט זיך אַן
אינדזל!" — האָט קוויטשיק, ווי אַ גלעקל, געקלונגען די שטימע
פון זיין געהילף, וואָס האָט מיט ברייטע טריט אַדורכגעשניטן דעם
עולם „קונים". — „עס פאַרקויפט זיך אַן אינדזל! קונים, רעדט
א וואָרט!"

און יענער, דער פאַרוואַלטער, האָט ווידער געבאַסעוועט:

„אַן אינדזל פאַרקויפט זיך! אַן אינדזעל פאַרקויפט זיך! ווער גיט מער? ענטפערט, ווער גיט מער?!"

דידאָזיקע אויסטערלישע קניה איז פאָרגעקומען אין גרויסן שטאָטזאַל, אויף דער סאַקראַמענטאָ - גאַס.

עס איז געווען אַן עולם מענטשן פון קאַליפאָרניע, אָרעגאָן און אוטאַ, אַ ביסל פראַנצויזן, מעקסיקאַנער, כינעזער און בכלל פאַרשידענע געשטאַלטן פון פאַרשידענע שטעט און פראָווינצן.

אין זאַל איז געווען ענג, הייס, דושנע. עמעץ האָט אונטער־געהוסט. אַ צווייטער, קענטיק, אַ פּאַקאַטערטער, האָט אַלע ווײַלע געגאָסן און איז אַרײַנגעפאָרן מיט די פאַרקאַטערטע נאָז - קלאַנגען אין די געשרייען פון די פאַרקויפער.

און די פאַרקויפער האָבן אַלץ געוועקט דעם עולם.

דין פעלפאָרג האָט געבאַסעוועט:

„עס פאַרקויפט זיך אַן אינדזל! עס פאַרקויפט זיך אַן אינדזל!"

און דער געהילף האָט אים אָפּגעענטפערט, ווי אַ דין גלעקל:

„אַן אינדזל פאַרקויפט זיך! אַן אינדזל פאַרקויפט זיך!"

איצט, אַז מיר האָבן אָנגערופן די גאַס, באַדאַרף מען אויך דערמאָנען די שטאָט. דאָס איז געווען אין סאַן - פראַנציסקאָ.

דידאָזיקע שטאָט איז זייער שנעל אויסגעוואַקסן. גאָר אין אַ קורצער צייט האָט זי איבערגעיאָגט אירע שוועסטער פון מערב - אַמעריקע, ווי לימאָ, סאַנט - יאַגאָ, וואַלפּאַראַיזאָ און אַנדערע. און זי איז געוואָרן דער שטאָלץ און דער רום פון דעם אַזויגערופענעם „מערב - ברעג".

דער גרויסער שטאָטזאַל פון דער סאַקראַמענטאָ - גאַס האָט אַרײַנגעשלעפּט אין זיך אַ וועלט מיט מענטשן, אָבער קיין אמתע קונים זענען בעצם נישט געווען. דער עולם איז סתם געגאַנגע



גלאָצן מיט די אויגן אויף דערדאָזיקער אויסטערלישער סצענע. יע־דער איינער האָט געוואָלט זען, צי וועט זיך טאַקע געפינען אַ בעלן אויף אַזאַ מין קניה.

מען האָט געשמועסט, אַז קיינער וועט נישט וועלן איינ־האַנדלען אַ מציאה ביי דער רעגירונג פון די שטאַטן און אַז די גאַנצע סצענע מיט דער קניה איז נישט מער ווי אַ פריילעכער שפּאַס, וואָס וואָלט זיך, איבעריקנס, געפּאַסט פאַר אַ באַלאַגאַן און נישט פאַרן שטאָטזאַל אויף דער סאַקראַמענטאָ - גאַס.

מאַנכע האָבן געלאַכט, געפּאַטשט מיט די הענט, און אין איין ווינקל האָט מען זיך אַפילו איבערגעוואָרפן מיטן שאָלעכטס פון פּאָמעראַנצן.

און דער פאַרוואַלטער איבער דער קניה האָט אַלץ אין איין אָטעם געבאַסעוועט:

„עס פאַרקויפט זיך אַן אינדזל! עס פאַרקויפט זיך אַן אינדזל!"

און זיין געהילף האָט אים קוויטשיק אָפּגעענטפערט, ווי אַ דין גלעקל:

„אַן אינדזל פאַרקויפט זיך! אַן אינדזל פאַרקויפט זיך!"

„אָבער קיינער קויפט נישט!" — האָט אויסגעשריען אַ הויכער אירלענדער מיט אַן אָראָפּגעהאָנגענער ליפּ.

דין פעלפאָרג האָט נישט געקענט אויסהאַלטן און האָט גע־ענטפערט דעם אירלענדער:

„פאַרוואָס? דאָס איז אַ גאָלדענע אינדזל? קאָסט זייער בי־ליק! אַ מציאה פאַר יעדן בעלן!"

„מיר קענען דידאָזיקע מציאות!" — האָט זיך אָפּגערופן אַ גראָבער פערמער, וואָס האָט זיך באַצויגן מיט גרויס אומצוטרוי צו דעם גאַנצן עסק. — „מען וועט באַגראָבן דאָס ביסל געלט — און נישט מער!.."

דין פּעלפּאָרג האָט זיך שוין גאָר צעקאָכט. צוזאַמען מיט ד גראָבע אָדערן אויפן האַלדז האָבן זיך אים אויך אויפגעהייבן אַ פּאָר אָדערן אויפן שטערן.

„ניין, דאָס איז נישט אמת!“ — האָט ער געשריִען מיט אַ באַסאָווען כריפּ. — „דאָס אינדזעלע האַלט גאַנצע הונדערט און צוואָנציק קילאָמעטער אין אומקרייז און עס פאַרמאָגט ביי אַ פערטל מיליאָן אַקער ערד! ווער פון אייך נעמט זיך אונטער צו זאָגן, אַז דאָס איז נישט קיין מציאה?“

„איז עס נישט אַמאָל אַן אינדזעלע, וואָס האַלט זיך ביים צעפאַלן?“ — האָט אַ פרעג געטאָן אַן אַלטער חשובער מעקסיקאַנער, וואָס האָט, קענטיק, אויך געהאַט ווייניק בטחון אין דעם גאַנצן ענין.

„וואָס הייסט צעפאַלן ווערן?“ — האָט זיך דער פאַרוואַלטער געקאָכט. — „דאָס איז דאָך אַן אינדזעלע מיט וואַלד, מיט וועלדער, מיט הויכע אַלטע געדיכטע וועלדער, וואָס פאַרנעמען אַ שטח פון צענדליקער קילאָמעטער!“

„די רעגירונג גיט עפּעס אַ גאַראַנטיע?“ — האָט פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן אַ דאַרער פראַנצויזל מיט בלישטשעדיקע אייגלעך.

דין פּעלפּאָרג האָט שוין רויקער געענטפערט:

„יאָ, מיט אַ גאַראַנטיע! אַוודאי. ווי דען אַנדערש! אַז אַ קניה, איז אַ קניה!“

„אויף וויפל? אויף צוויי יאָר?“ — האָט דער פראַנצויז געפרעגט.

דער פערוואַלטער האָט גיפטיק געענטפערט·

„אויף אייביק!“

„און נאָך מיט אַ שמיצל!“ — האָט עמעץ אונטערגעכאַפּט.

פּעלפּאָרג האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און האָט ווייטער גענומען שרייען:



„עס פאַרקויפט זיך אַן אינדזל אַן בלוטדורשטיקע חיות, אָן שעדלעכע שרצים און רמשים!“

„און אָן פייגל!“ — האָט עמעץ צוגעוואָרפן צוזאַמען מיט אַ נעדיכטן ווילדן געלעכטער.

„און אָן ערד!“

„אין אָן וואַסער!“ — האָט זיך דער עולם געוויצלט.

דערזען, אַז די וויצן הרגענען אַוועק דעם גאַנצן עסק, האָט פּעלפּאָרג זיך אויפגעהייבן אויף אַ בענקל און האָט פאַרשריִען אַלעמענס קולות

„אַ ליציטאַציע אויף אַן אינדזל! ווער קויפט? ווער פון אייך האָט געלט און מוט אין קעשענע! ווער קויפט אַ גאָלדן פרעכטיק גן־עדן־אינדזעלע! אַן אינדזעלע פון שטילן אָקעאַן — דעם שענסטן אָקעאַן אין דער וועלט! ווער קויפט אַ רעגירונגס־מציאה ממש פאַר גאָרנישט, פאַר אַ שמעק טאַבאַק, פאַר אַ מיליאָנדל מיט הונדערט טויזנט דאָלאַר?... ווער קויפט? ווער רעדט עס דאָרט? וואָס זילט איר? איר רעדט נאַרישקייטן?.. ווער קויפט? ווער קויפט? ווער איז אַ בעלן אויף אַ שטיקעלע גן־עדן אין שטילן אָקעאַן?“

די וויצלעך מיט די המצאהלעך האָבן זיך אָבער ווידער געשטאַרקט און האָבן לגמרי פאַרדאָרבן דעם איינדרוק פון פּעלפּאָרגס געשרייען.

עס זענען געפלויגן ווערטלעך פון איין עק זאַל צום צווייטן:

„האָט איר דאָס אינדזעלע אין קעשענע?“

„איך וויל עס אָנטאַפּן!..“

„פאַרקויפט מיר אַן אַרשין אינדזעלע!..“

„אויב עס איז אַזאַ מציאה, ווי איר זענט אונדז דאָ מבטיח, טאָ קויפט עס אַליין!..“

„ווער לאָזט עס אַרויס אַזעלכע מציאות פון די הענט?“

„אפשר קענט איר מיר אויסבאָרגן דעם מיליאָנטשיק מיט די

הונדערט טויזנט דאָלאַר, וואָלט איך געקויפט דאָס אינדזעלע !..״

„זוכט ערגעץ אַנדערש נאַראָנים, אָבער נישט אין סאַן פראַנציסקאָ !..״

אין זאַל האָט זיך געקייקלט אַ דונער פון געלעכטער און הלצות. אַלע האָבן געשריען און אַלע האָבן זיך געוויצלט און אַלע האָבן געלאַכט.

עמעץ האָט פּלוצלונג פאַרשריען אַלעמען:

„צוויי דאָלאַר קריגט איר אומגעזען, אויב איר ווילט !״

פעלפּאָרג האָט זיך אַ ווײַלע מיישב געווען מיט זײַן געהילף און האָט אויפגעהאָנגען אויף דער ווענט אַ וואַפּע פונם אינדזעלע.

דידאָזיקע מאַפּע, גענוי און גוט באַאַרבעט, האָט באַוויזן די קאָנטורן פון דעמדאָזיקן אינדזעלע, זײַן הידראָגראַפישע נעץ, זײַנע וואַלד־שטחים, זײַן אָרט אין שטילן ים, זײַן צוזאַמענשטעל פון באָדן, זײַן קלימאַט און זײַנע וועגן. און מען מוז מודה זײַן, אַז דער אמתער קונה וואָלט דאָ, אויף דער מאַפּע, געקענט געפינען אַן ענטפער אויף אַלע זײַנע פראַגן און ספקות.

אייגנטלעך, האָט זיך דאָ געהאַנדלט וועגן אַן ערנסטער קניה, וואָס וועגן איר האָבן שוין לאַנג באַריכות געשריבן די צײַטונגען און מען האָט געשמועסט אין דער געזעלשאַפט. דאָס איז נישט געווען קיין שווינדל, ווי מאַנכע האָבן זיך לייכטזיניק און אומגעלומפּערט אויסגעדריקט אין שטאָטזאַל אויף דער סאַקראַמענטאָ־גאַס.

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער אינדזל ספענסער, וואָס איז געלעגן אין דרום־מערב פון סאַן פראַנציסקאָ, בײַ אַ פיר־הונדערט און זעכציק מײַל פון קאַליפאָרנישן ברעג, אונטער $32^0$ 15′ פון דער צפונברייט.

דאָס איז געווען זייער אַן איינזאַם און אָפּגעזונדערט אינדזעלע, ווייט פון מענטשלעכן טומל און גערודער. אַ פאַרבײַגייענדיקע שיף האָט מען דאָ זעלטן געזען. די וויכטקסטע אָקעאַנישע



טראַקטן, וואָס פאַרבינדן דעם נײַעם קאָנטינענט מיטן אַלטן, דאָס הייסט מיט יאַפּאָניע און כינע, האָבן זיך געצויגן ווײַטער אין דרום. דאָס איז געווען אַן אינדזעלע פון פײַנער איינזאַמקייט און מנוחה.

אַ מענטש, וואָס דאָס שטאָטישע לעבן האָט אים פאַרדאָרבן דאָס נערוונסיסטעם צוזאַמען מיטן כאַראַקטער, האָט דאָ, אויף דעמדאָזיקן אינדזעלע, געקענט קומען צו די כוחות און געזונט ווערן. דערעיקרשט אָבער איז עס געווען אַ גאָלדענער ווינקל פאַר פרײַוויליקע ראָבינזאָנס, ווען דידאָזיקע לײַט וואָלטן כאָטש אַמאָל פאַרמאָגט אַ פאָר גראָשן בײַ דער נשמה.

עס פרעגט זיך נאָר, פאַרוואָס אייגנטלעך האָבן די פאַרייניקטע שטאַטן געוואָלט פטור ווערן פון אים? וואָס פאַר אַ מלוכה־איינפאַל האָט געקענט שטעקן אין דערדאָזיקער קניה? איז דאָס אפשר געווען אַ מלוכה־קאַפּריז? אַן אויסטערלישע פאַנטאַזיע פון רעגירונגסלײַט?

ניין, גרויסע אומות הייסן נישט פון מלוכה־קאַפּריזן און פאַנטאַזיעס. די זאַך איז אַ סך פּשוטער, ווי זי זעט אויס אויפן ערשטן קוק. די אינדזל ספענסער איז בעצם געווען אַן איבעריקע באַשעפעניש און האָט גאָרנישט אַרײַנגעבראַכט אין דער מלוכה־קאַסע. קיינער האָט פון איר קיין נוצן נישט געהאַט. עס זענען אויך נישט געווען קיין בעלנים זיך צו באַזעצן אַפילו גאָר בחינם אין אַזאַ העק: קאָלאָניסטן און פערמער האָבן גאָרנישט געוואָלט הערן פון איר.

פון מיליטערישן שטאַנדפונקט, ווידער, האָט זי קיין שום ווערט נישט געהאַט: זי האָט לגמרי נישט געקענט זײַן קיין באַזע פאַר אַ פלאָט און איז בכלל געלעגן אַזוי ווייט און אָפּגעזונדערט פון די ים־וועגן, אַז זי איז קיינמאָל נישט געקומען אויפן רעיון דעם שעף פון פלאָט־שטאַב.

די פראַקטישע מענטשן פון קאָנגרעס האָבן אָבער געוואָלט פאַרוואַנדלען אין מזומן געלט דעמדאָזיקן טויטן קאַפּיטאַל און האָבן דעריבער אויפגעגעבן דעם פּלאַן פון אַן עפנטלעכער ליציטאַציע. דערביי איז אַרויסגערוקט געוואָרן אַ באַזונדער תנאי, אַז דער קונה מוז זיין אַ בירגער פון דער פרייער אַמעריקע.

מען מוז אָבער מודה זיין, אַז דער פּרייז איז געווען אַ צו הויכער פאַר אַ יחיד. מענטשן, מיט העכער אַ מיליאָן דאָלאַר אין קעשענע, וואַלגערן זיך נישט אין די גאַסן. אַ געזעלשאַפט וואָלט יאָ געקענט קויפן די אינדזל ספּענסער, אָבער צו וואָס? צו שווינדל און שפּעקולאַציע האָט זי זיך נישט געטויגט און מיט פאַלשע שרייענדיקע רעקלאַמעס וואָלט מען דאָ אויך גאָרנישט אויפגעטאָן.

וועגן דעם האָט מען שוין געשמועסט אין מאַנכע געזעלשאַפטן. מען האָט איבערגעלייגט און איבערגעדרייט די זאַך מיט די פּראַקטישע אַמעריקאַנישע מוחות און מען איז יעדעס מאָל געקומען צו איין באַשלוס, אַז דאָס איז לגמרי נישט קיין סוחרישער ענין. מען וועט אַריינבראָקן אַ סך געלט, אָדער „קעש“, ווי זיי רופן עס און אַרויסנעמען וועט מען קדחות.

אויך איינצלנע מיליאָנערן, וואָס ליידן דווקא אויף גרויסע קאַפּריזן און וואָלטן זיך יאָ געקענט פאַרגינען דעם לוקסוס איינצוהאַנדלען ביי דער רעגירונג דידאָזיקע מציאה, האָבן אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט און גאָרנישט געוואָלט רעדן דערפון. פאַר זיי איז עס געווען אַזאַ נאַרישקייט, וואָס בינדט זיך נישט אַפילו מיט דעם מינדעסטן קאַפּריז פון זייערע איבערגעזעטיקטע פאַלאַנגען.

מאַנכע, וואָס האָבן אַפילו יאָ געפּרווּט צוליגן אַן אויער צו דעמדאָזיקן עסק, האָבן אויפגעוויזן דער רעגירונג, אַז דער פּרייז איז לעכערלעך הויך.

„לאָזט אַראָפּ, וואַרפט, שמייסט אַראָפּ דעם פּרייז,“ — האָבן



זיי געטענהט צו די רעגירונגס-לייט, — „וועט מען קענען ערנסט שמועסן מיט אייך! וועלכער משוגענער מענטש וועט זיך וועלן פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט אַזאַ אַוואַנטורע ביי אַזאַ לעכערלעך הויכן פּרייז!“

דער קאָנגרעס, איז אָבער געשטאַנען שטאָל און אייזן ביי דאָס זייניקע:

„קיין איין סענט נישט ווייניקער פון דער אָנגערופענער סומע! און שלאָגט אייך קאָפּ אין דער וואַנט

עס איז כדאַי נאָך צו באַמערקן, אַז דער קויפער האָט באַין אופן נישט געקענט האָבן דאָס רעכט פון אַ קעניג אויף דער אינדזל ספּענסער. ער האָט נאָר געקענט האָבן דעם טיטל פון רעפּובליק-פּרעזידענט. אין די פאַרקויף-אַקטן איז בפירוש אָנגעוויזן געוואָרן, אַז אויף דער אינדזל ספּענסער קען נישט זיין קיין מאָנאַרכיע. די איינאָרדענונג מוז זיין אַ רעפּובליקאַנישע, מיט פרייע וואַלן, מיט אַ פּאַרלאַמענט און דער פּרעזידענט ווערט געוויילט אין געוויסע צייטן דורך דער פרייער באַפעלקערונג. דערצו איז צוגעגעבן געוואָרן אַ באַמערקונג, אַז די פרייע שטאַטן וועלן קיינמאָל נישט איינגיין דערויף, אַז אין די ברייטע אַמעריקאַנישע וואַסערן זאָל שטעקן אַן אינדזעלע מיט אַ מאָנאַרכיסטישער אָרדענונג.

ווי די מעשה זאָל אָבער נישט זיין — קיין קונים האָט מען אין די אויגן נישט געזען. דין פעלפאָרג איז שוין הייזעריק געוואָרן שרייענדיק, זיין געהילף האָט שוין לגמרי פאַרלאָרן דעם קוויטש— און ס'איז קיין זכר נישט געווען פון אַ קונה. אין זאָל זענען בלויז געפאַלן וויצן און ווערטער, דער עולם האָט זיך, קענטיק, געוויילט און זיך לוסטיק געמאַכט און די גאַנצע ליציטאַציע איז געווען ענלעך צו אַ ביליקן פאַרס.

טיילמאָל האָט דין פעלפאָרג אַליין, דער גאַנצער מאַכער

ביי דער ליציטאַציע, זיך אויך אָנגעשטעקט מיט די וויצן פון זאַל. דערדאָזיקער געשיקטער יונג האָט געענטפערט מיט וויצן אויף וויצן, און דער עולם האָט זיך געקייכט פאַר געלעכטער.

„צי איז נישטאָ דאָרט ביי אייך אויפן אינדזעלע עפּעס אַ ווולקאַן?" — האָט אָקהערסט, דער שענקער פון דער מאָנהאָמערי-גאַס, אַ פרעג געטאָן פעלפּאָרגן.

און דער לעצטער האָט געענטפערט:

„צום באַדויערן, איז נישטאָ... ווען דאָרט וואָלט געווען אַ ווולקאַן, וואָלט דאָס אינדזעלע געקאָסט טייערער!.."

געלעכטער צעגיסט זיך איבערן גאַנצן זאַל

די צייט לויפט דערווײַלע. עס ווערט שפּעט.

דין פעלפּאָרג הייבט זיך אויף צום לעצטן מאָל אויפן בענקל און רופט אויס מיט אַ טויטן הייזעריקן באַס:

„אַן אינדזל פאַרקויפט זיך! אַן אינדזל פאַרקויפט זיך! די ליציטאַציע ענדיקט זיך! דער זאַל ווערט צוגעמאַכט! ווער גיט! ווער קויפט! איינס, צוויי...

קיינער ענטפערט נישט אַ וואָרט. אַפילו די וויצלער שווייגן אויך דאָסמאָל.

„נאָך איינמאָל!" — שרייט דין פעלפּאָרג. — „איינס, צוויי..."

פּלוצלונג פאַלן אין זאַל עטלעכע שאַרפע ווערטער און בלייבן הענגען איבער די קעפּ פון עולם, ווי אַן עכאָ פון אַ שאָס:

„א מיליאָן מיט צווייהונדערט טויזנט דאָלאַר!.."

אַלע וואַרפן זיך מיט די אויגן צו יענעם ווינקל, פון וועלכן עס איז אַרויסגעשאָסן געוואָרן דידאָזיקע ציפער.

יאָ, דאָס איז געווען וויליאַם קאָלדערופּ פון סאַן פראַנציסקאָ...



עפּעס אַ שווערער זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון אַלע־מענס הערצער, און נאָכדעם האָבן זיך קליינע גרופּקעלעך לאַנג געסודעט.

דער זאַל איז באַלד אָפּגערייניקט געוואָרן פון דעם געדיכטן עולם, און אַרויסגייענדיק אין גאַס, האָט דער שענקער אָקהערסט אַ זאָג געטאָן צו זיין שכן, דעם פליישער, אַ בייכיק מענטשל מיט צוויי לעכער אַנשטאָט אַ נאָז:

„יאָ, ער האָט אַ האַנט מיט אַ בייטל, דערדאָזיקער וויליאַם... ער קען שיטן מיט מיליאָנען!"

די ליציטאַציע האָט זיך נאָך נישט געענדיקט: עס איז נאָר געווען אַ הפסקה ביז מאָרגן.

## קאַפּיטל צוויי.

ווי אַזוי וויליאַם קאָלדערופ פון סאַן-פראַנציסקאָ האָט געקאָנקורירט מיט טאַסקינאַרן פון סטאָקטאָן.

אָן אַ גוזמא קען מען זאָגן, אַז וויליאַם קאָלדערופ האָט געהערט צו די סאַמע רייכסטע מענטשן אין דער וועלט. ביי דעמדאָזיקן מענטשן האָט זיך ממש געגאָסן גאָלד. מען האָט געשמועסט, אַז ער איז רייכער פון דזשאָנסן פון נעוואַדאַ, אַז ער איז רייכער אפילו פון מאַקייען, וואָס האָט זיך נישט ווי אַהינצוטאָן מיט זיינע קאַפּיטאַלן, און אז ער איז רייכער פון אַן אַנדער מלוכה מיט איר אַרמיי און פלאָט און מיט אירע אַלע מלוכה-אוצרות צוזאַמענגענומען.

וועגן אַזוינע קליינישיקע מיליאָנערטשיקעס, ווי אַ רויטשילד אָדער אַ וואַנדערבילט אָדער אַפילו אַ הערצאָג פון נאָרטומבערלאַנד, איז דאָך גאָר נישטאָ וואָס צו רעדן. זיי האָבן דאָך געמעגט ביי



אים פשוט פוצן די שטיוול. אַזוינע געלט-מאַגנאַטן האָט ער תמיד אויסגעטרייסלט פון אַרבל, און וואָס ביי זיי איז געווען אַ מיליאָן, איז ביי אים געווען אַ טויזנטער.

וויליאַם קאָלדערופ האָט אָנגעהערט צו די גרעסטע שפּעקולאַנטן אין דער וועלט, אין די התחלה פון זיינע געוואַלדיקע קאַפּיטאַלן האָט ער געמאַכט ביי די ערשטע גאָלדגרובן אין קאַליפאָרניע.

און אז דידאָזיקע התחלה איז געמאַכט געוואָרן, האָט זיך אָנגעהייבן צו גיסן אַ מבול פון גאָלד, און ד'ער מבול האָט נאָך ביז היינט נישט אויפגעהערט. דער מענטש איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט גאָלד. ער האָט געקענט פשוט דערטרונקען ווערן אין דעם און כדי אָפּצוציען אַ ביסל דעם אָטעם און צו מאַכן זיך פרייער דלופט, האָט ער געלאָזט רינען זיינע קאַפּיטאַלן סיי אין די גרעסטע אונטערנעמונגען פון אייראָפּע און סיי אין די ריזיקע געשעפטן פון אַמעריקע.

„זאָלן אַוועקפליסן די קאַפּיטאַלן״, — האָט ער געזאָגט, — „נישקשה, זיי וועלן קומען צוריק געשוואָלן, מעוברת...״

און די קבצנים פון סאַן-פראַנציסקאָ האָבן עפּטער געזאָגט:

„וואָס ביי אונדז א'ז אַ סענט, איז ביי אים אַ מיליאָן! אַ מיליאָן! אַ מיליאָן! גאָט אין הימל!״

און די קבצנים האָבן זיך אָנגעכאַפּט פאַר די נישט געשוירענע קעפּ.

אַלע האָבן געוווסט, אַז וויליאַם קאָלדערופ איז דער אייגנטימער פון צווייטויזנט ביוראָס אין אַלע טיילן פון דער וועלט, אַז אין זיינע קאַנטאָרן פון אייראָפּע, אַזיע און אַמעריקע אַרבעטן ביז אַכטהונדערט טויזנט אָנגעשטעלטע און דרייטויזנט קאָרעספּאָנדענטן; אַז זיין פלאָט פון פינפהונדערט שיפן שניידן טאָג-טעגלעך דורך די וואַסערן פון אַלע ימים און אָקעאַנען און אַז בלויז אויף מאַרקעס אַליין גייט ביי אים אַוועק אַ מיליאָן דאָלאַר אַ יאָר.

ער איז געווען דער כבוד און דער רום און דער גלאַנץ ען די פּאָן, אַזוי צו זאָגן, פון דער רייכער און זוניקער פריסאָ, ווי די אַמעריקאַנער פלעגן קיצלדיק רופן די הויפּטשטאָט פון קאַליפאָרניע.

דאָס איז געווען אַ הויכער מאַן מיט ברייטע אייזערנע אַקסלען און מיט אַ גרויסן קאָפּ. אין זיינע געדיכטע שוואַרצע האָר זענען ווו נישט ווו אַריינגעפאַלן ווייסע פעדעם, וואָס האָבן אָבער בשום אופן נישט גערעדט פון זקנה. די גרויסע אויגן האָבן תמיד געקוקט רויק, שווער, מיט אַ שאַטירונג פון חוזק. קיין וואָנסן האָט ער נישט געטראָגן און זיין לאַנגע נאָז האָט דעריבער אויסגעזען לענגער, ווי זי איז געווען אינדעראמתן. אַ קליין געדיכט בערדל האָט אים געוואַקסן סאַמע אונטער דער גאָמבע און האָט זיך אין גלייכע ליניעס געצויגן צו זיינע גרויסע אויערן. און אַז ער האָט געעפנט די ליפּן, האָבן עפּעס אומגעריכט אַ בלישטשע געטאַז צוויי שטאַרקע ווייסע שורות ציין, ווי ביי אַ חיה...

מען האָט טאַקע געשמועסט, אַז די קלענסטע באַוועגונג פון זיינע ליפּן איז געווען אַ פראַגע פון מיליאָנען.

צומאָרגנס איז די ליציטאַציע אין שטאָטזאַל פאָרמעל באַנייט געוואָרן. נעכטן איז זי איבערגעריסן געוואָרן בלויז צוליב דעם, ווייל עס איז שוין געווען צו שפּעט.

אין זאַל איז געווען נאָך ענגער ווי נעכטן. מען איז געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ. אַלע האָבן פאַרלאָזט די געשעפטן און מען איז געלאָפן אין שטאָטזאַל אויף דער סאַקראַמענטאָ-גאַס. מען איז געלאָפן, ווי אויף אַן אמתער פאָרשטעלונג. מען האָט געוואָלט זען, ווי אַזוי דערדאָזיקער געלט-ריז וועט עס איינצאָלן דאָס געלט און ווי אַזוי מען וועט אים פייערלעך איבערגעבן די אַקטן פון דער קניה. אויסערדעם, האָט מען סתם געוואָלט זען וויליאַם קאָלדערופן, כאָטש קוקן אויף אים און בעת מעשה זיך



פאַרשטעלן, ווי אַזוי ער וואַרפט עס מיט צאַפּלדיקע מיליאָנען אויף רעכטס און אויף לינקס.

דין פעלפאָרג האָט זיך ווידעראַמאָל אויפגעהייבן אויפן בענקל, און אַלע זענען געבליבן שטיין מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם. דאָסמאָל האָט זיך שוין קיינער נישט געוויצלט. דער גרויסער אָפּשיי פאַר געלט האָט אַלעמען באַלד אויפן אָרט דיסציפּלינירט. אַ שווערע שטילקייט האָט זיך אַזוי ווי בליי אויסגעגאָסן איבער אַלעמענס קעפּ.

דין פעלפאָרג האָט אַ פיר געטאָן מיט די כיטרע אייגלעך איבער דער פאַרזאַמלונג און האָט אויסגערופן מיט זן אויסגערוטן באַס:

„עס פאַרקויפט זיך אַן אינדזל פאַר אַ מיליאָן מיט צוויי הונדערט טויזנט דאָלאַר! ווער גיט מער?”

צווישן די געדיכטע קעפּ פון דער פאַרזאַמלונג האָט אַרויסגעשפּאַרט אַ הויכער האַרטער קאָפּ מיט צוויי רויקע שווערע אויגן. וויליאַם קאָלדערופ איז געשטאַנען און האָט זיך נישט באַוועגט. ער האָט געוואַרט. דער שענקער אָקהערסט, וואָס האָט ממש געברענט פון התפעלות און טיפע געלט-איבערלעבונגען, האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און האָט קוים צום הערן אַ שעפּטשע געטאָן צו זיין שכן, דעם פליישער:

„אָט, נאַראָנים... מען קען איצט געבן פינף מיליאָן און צען: אונדזער וויליאַם וועט נישט נאָכלאָזן. ער, פאַרשטייסטו מיך, האָט עס פיינט... און אַ האַנט און אַ בייטל האָט ער און ער קען שיטן מיט מיליאָנען...”

דער אויסגערוטער באַס האָט זיך ווידער געלאָזט הערן אין זאַל.

„ווער רעדט עס דאָרטן?” — האָט ער געפרעגט. — „איך בעט די חשובע קאָמערסאַנטן נישט צו שטערן מיך אין מיין

ארבעט. אַזוי, ווער גיט מער? ווער דערלייגט עפּעס צו דער אָנגערופענער סומע?"

עס איז שטיל, ווי אויף אַ בית-עולם.

„איין מאָל, זאָג איך!"

„צוויי מאָל, זאָג איך!"

זיין געהילף האָט אים נאָכגעטאַנצט:

„צוויי מאָל!"

„אַזוי, די אינדזל ספּענסער ווערט פאַרקויפט!.."

„ווערט פאַרקויפט..." — האָט נאָכגעקוויטשעט זיין געהילף.

„פאַר..."

„פאַר..." — האָט יענער ווידעראַמאָל נאָכגעקוויטשעט.

אַך, ווי ס'איז שטיל, פּונקט ווי די גאַנצע שטאָט וואָלט פּלוצלונג אויסגעשטאָרבן. יעדער האָט מורא אָפּצוציען דעם אָטעם. ביי מאַנכע פלאַמען די באַקן פון האַרצקלאַפּעניש. ביי אַנדערע ברעגען די אויגן, ווי אין אַ היצקראַנקהייט.

אָט זאָגט פעלפּאָרג:

„דריי!"

און די אינדזל איז פאַרקויפט.

אָבער ער זאָגט נאָך נישט. ער וואַרט אַ קורצע רגע און זי ציט זיך, ווי אַן אייביקייט.

אָט-אָט באַוועגט ער שוין מיט אַ ליפּ און פאַרזשמורעט אַן אויג. מען פילט שוין אינדערלופטן דאָס וואָרט „דריי". אָבער אין דער אייגענער רגע דערטראָגט זיך ערגעץ פון אַ ווינקל דידאָזיקע נצחונדיקע ציפער, אַ ווי דונער אין אַ געוויטער:

„אַ מיליאָן מיט דרייהונדערט טויזנט דאָלאַר!"

פון אַלעמענס הערצער רייסט זיך ווידער אַרויס אַ שווערער זיפץ. דער עולם אָבער בלייבט שטיין, ווי פאַרגליווערט. דידאָזיקע



סומע איז אַזאַ גרויסע, אָבער געגעבן ווערט זי אַזוי לייכט, און אַזוי קאַלט, אַז דער עולם ווערט ממש פאַרעלעקטריזירט פון גרויס חידוש, פון געלט-כישוף. מען איז צעמישט, מטושטש און מען שווייגט.

ווער איז אָבער דער געבער?

ווער איז דער מע.ט.ז, וואָס האָט געהאַט די העזה צו קאָנקורירן מיט דעם לייב פון סאַן-פראַנציסקאָ?

ווער האָט זיך עס געקענט דערוועגן אַרויפצולייגן זיין געלט אויפן פייערלעכן בלישטשעדיקן גאָלד פון וויליאַם קאָלדערופּ?

דאָס איז געווען טאַסקינאַר פון סטאַקטאָן.

יאָ, טאַסקינאַר פון סטאָקטאָן איז געווען רייך, ווי קרח. און אַ גרייסן בויך האָט ער געהאַט און געוויגן האָט ער נישט מער און נישט ווייניקער, ווי פירהונדערט און ניינציק פונט! אויב ער איז געווען דער „צווייטער" פון די שווערגופּיקע און גראָבלייביקע אויפן קאָנקורס אין טשיקאַגאָ, איז עס געשען בלויז דורך אַ מכשול: מען האָט אים נישט געלאָזט אָפּעסן זיין מיטאָג, ווי עס געהערט צו זיין און דעריבער האָט ער פאַרלאָרן, ווי פון דער האַנט, אַ וואַסערע צען פונטלעך...

דערדאָזיקער עוג מלך הבשן, וואָס האָט געמוזט האָבן אַ ספּעציעלע שטול צום זיצן און אַ ספּעציעלע בעט צום שלאָפן און אַ ספּעציעלן טיש צום עסן, האָט געוווינט אין סטאָקטאָן און האָט געפירט אַן אומרויק ווילד לעבן.

זיינע שווערע מיליאָנען האָט ער געמאַכט ביי די גאָלדגרובן און ביי קאָלאָסאַלע תבואה-געשעפטן. ער האָט אויך „צוגעהאַנדלט" מיט נעפט. אין דער פרייער צייט האָט ער געשפּילט אין קאָרטן, אין פּאָקער, ביי דער רולעטקע און איז שטענדיק אַרויס אַ געווינענער מיט קופּעס געלט.

בטבע איז דאָס געווען אַ מענטש אַ בעל-גאווה און אַ כעסן. ער האָט זיך תמיד אָנגעצונדן, זיך אָנגעגאָסן מיט

בייזן פייער און אין אַזאַ מאָמענט איז ער געווען מסוגל אַ דריק צו טאָן דאָס צינגל פון אַ „דערינגער", דאָס הייסט פון אַ קאַליפאָרנישן רעוואָלווער.

דערדאָזיקער טאַסקינאַר האָט פון תמיד אָן פיינט וויליאַמען. ער האָט אים פיינט געהאַט פאַר אַ סך זאַכן: פאַר זיין געזעלשאַפטלעכער שטעלונג, פאַר זיינע גרויסע וועלטגעשעפטן, פאַר זיין רומפולן נאָמען, פאַר זיין שטאָלץ און האַלטן הויך דעם קאָפ.

און ווי עס טרעפט שטענדיק אין אַזוינע פאַ"ן, האָט אים יענער געענטפערט מיט פאַראַכטונג אויף דער פיינטשאַפט.

און טאַסקינאַר האָט טאַקע באַזונדערס פיינט געהאַט קאָלדערופן פאַר דערדאָזיקער פאַראַכטונג...

דאָס גאַנצע לעבן האָט אָט דער עוג מלך הבשן זיך נאָכגעיאָגט נאָך קאָלדערופס כבוד און רום און האָט אים קיינמאָל נישט געקענט דעריאָגן. ער האָט נישט געזשאַלעוועט זיין שווערופיקייט, זיינע מיליאָנען, זיינע אוצרות — און איז שטענדיק געבליבן זיצן אויף דער פליישיקער באַנק.

זענען געווען שטאָטישע וואַלן, האָט ער אַרויסגערוקט זיין קאַנדידאַטור צוגלייך מיטן מיליאָנער פון סאַן-פראַנציסקאָ. אין אַזאַ פאַל דאַרף מען, נאַטירלעך, „שמירן". האָט עוג מלך הבשן געשמירט... [ער האָט געוואָרפן מיט געלט פאַר גרויס און קליין, פאַר אַלט און יונג, האָט זיך געקושט, ווען מען האָט באַדאַרפט, מיט לאַבוסעס-ווײַלער ערגעץ אין די אונטערשטאָטישע שענקען, איז געקראָכן צו די „הויכע ספערן" פון דער שטאָט, האָט לאַנג איינגעטענהט דאָרט און געשענקט ימען געלט אויף קירכעס און קהלישע אינסטיטוציעס, און ס'איז אַלץ געווען גוט און ווויל און גלאַט. נאָר אָט אין דער לעצטער מינוט, ווען מען האָט אונטערגעפירט דעם סך הכל פון די וואַלן, איז תמיד שטרענג און



פייערלעך אַרויסגעשווומען דער פאַרהאַסטער נאָמען פון וויליאַם קאָלדערופ...

אָט מען, ווידער, געדאַרפט באַגעגענען אַ פרעזידענט אָדער אַן אַנדערע הויכגעשטעלטע פערזאָן, איז דערדאָזיקער עוג מלך הבשן פון סטאָקטאָן אַריינגענומען געוואָרן אין צעטל פון דער דעלעגאַציע און ער איז טאַקע געגאַנגען גלייך מיט די פני צו דעם קבלת פנים, אָבער ער איז געגאַנגען פון הינטן און וויליאַם קאָלדערופ איז געגאַנגען פון פאָרנט.

א טיפן האַס, אַ ברענענדיקע פיינטשאַפט האָט אַרויסגערופן אין אים דער מיליאָנער פון סאַן-פראַנציסקאָ, און אַפילו איצט, אָט דאָ, אין שטאָטזאַל, ביי דער ליציטאַציע וואָלט ער אים אויך געוואָלט פאַרברענען אין אַ קליינינטשקן אויוועלע אָדער דערטרינקען אין אַ לעפל וואַסער...

עס איז שווער צו זאָגן, ווי אַזויאַרום איז דער גראָבער טאַסקינאַר געוואָר געוואָרן, ווי אַזוי האָט ער דערשמעקט מיט זיין גראָבער נאָז, אַז וויליאַם קאָלדערופ איז אַ בעלן צו קויפן די אינדזל ספענסער. דידאָזיקע אינדזל האָט ער, נאַטירלעך, געדאַרפט האָבן אויף טויזנטער כפרות. נישט אין דעם איז אים געגאַנגען. אָט, עס האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט צו קאָנקורירן מיט קאָלדערופן, זיך צו פאַרמעסטן קעגן אים, און ער האָט נישט געוואָלט אַדורכלאָזן דידאָזיקע געלעגנהייט.

די מענטשן אין זאַל האָבן עס פאַרשטאַנען. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז עס האַנדלט זיך נישט וועגן דעם דאָזיקן אינדזעלע, וואָס ליגט זיי ביידן נישט אין דער לינקע פיאה, און אַז דאָ גייט איצט אַ קאַמף צווישן צוויי געלט-גיבורים, צווישן צוויי פאַרביסענע מיליאָנערן מיט גרויסע קאַפריזן און ווילדע פאַנטאַזיעס.

דער שענקער אָקהערסט האָט זיך דריי מאָל פון גרויס-

תענוג אַ גלעט געטאָן איבערן בייכל און האָט זיך אָנגערופן מיט אַ ווייך שעפּטשעלע צו זיין שכן, דעם פליישער:

„הערסטו, ברודער, מען וועט זיך שלאָגן מיט מיליאָנען, ווי מיט סענטן און איינער פון זיי וועט מוזן אַוועקגעלייגט ווערן אויף ביידע לאָפּאַטקעס... אַפילו מיליאָנערן זענען אויך מענטשן, זאָל איך אַזוי זען מיין עלטערבאָבען אין חלום, און עס קען נישט זיין אַז איינער פון זיי זאָל נישט אַוועקפאַלן... די האָב נאָר געדולט, און לאָמיר זען, וואָס דאָ וועט זיין...“

„וואָס קען דאָ זיין?“ — האָט זיך יענער אָנגערופן און בעת מעשה האָבן אים געציטערט די מוסקולן פון פנים. — „קאָלדערופּ וועט אויספירן זיינס. ער האָט גרויסע כוחות, קאָלדערופּ...“

„און דער גראָבער טאַסקינאַר?“

„דער גראָבער טאַסקינאַר וועט אַנידערגעלייגט ווערן אויף ביידע לאָפּאַטקעס...“

„איך ווייס נאָך נישט!..“ — האָט דער שענקער געצווייפלט און האָט זיך גוט אויסגעקראַצט די פּאַטילניצע. — „אַוועקלייגן אַזאַ גראָבע געלט-חיה איז זייער, זייער שווער, גוטער ברודער!.. וואָס זאָל איך דיר זאָגן, איך וואָלט מיך נישט אונטערגענומען אַוועקצולייגן טאַסקינאַרן...“

דער קצב האָט זיך גוטמוטיק צעלאַכט.

דער שענקער האָט אַפילו געוואָלט אַריינוואַרפן זיין חבר נאָך עפּעס אַ ווערטל, אָבער יענער האָט אים גוט-ברודעריש אַ שטויס געטאָן מיטן עלנבויגן אין זייט — ער זאָל שווייגן. איצט איז, אַפּנים, אַ צייט נישט צו רעדן, נאָר צו האַלטן אָפן מויל און אויערן.

און דין פעלפאַרג, אַ כיטרער, ווי אַ שלאַנג, מיט גנבישע שמייכעלעך אין די אויגן און אויף די ליפּן, האָט שוין ווידער גענומען באַסעווען אין זאַל



„אַ מיליאָן מיט דרייהונדערט טויזנט דאָלאַר פאַר דער אינדזל ספּענסער! ווער גיט מער! אַן אינדזל פאַרקוכט זיך! אַן אינדזל פאַרקויפט זיך!“

זיין געהילף האָט אים צוגעקוויטשעט:

„פאַרקויפט זיך! פאַרקויפט זיך!“

ביידע געלט-גיבורים האָבן זיך איבערגעקוקט, אויפהייבנדיק די קעפּ איבערן געדיכטן עולם. אונטער דידאָזיקע מעכטיקע בליקן האָט זיך דער עולם פאַרלאָרן און האָט זיך אינסטינקטיוו פאַנאַנדערגערוקט, אַזוי, אַז עס האָט זיך געבילדעט אין דער מענטשן-געדיכטקייט אַ מין געסל, וואָס האָט געלאָזט די צוויי מיליאָנערן-שונאים זיך בעסער און באַקוועמער אָנצוקוקן, ווי צוויי העַנער.

דער מענטש פון סאַן-פראַנציסקאָ און דער מענטש פון סטאָקטאָן האָבן זיך ביידע לאַנג אָנגעקוקט און קיין איינער פון זיי האָט נישט געוואָלט אַראָפּלאָזן די אויגן פון שוואַכקייט. אַפילו אין די בליקן האָט מען געקעמפט אויף טויט און אויף לעבן.

וויליאַם קאָלדערופּ האָט סוף כל סוף אָפּגעקערט דעם קאָפּ און האָט רויק אויסגערופן:

„אַ מיליאָן מיט פירהונדערט טויזנט דאָלאַר!“

דער גראָבער טאַסקינאַר מיט דער אַראָפּגעהאָנגענער אונטערשטער ליפּ האָט זיך שווער אָפּגעאָטעמט:

„אַ מיליאָן מיט פינפהונדערט טויזנט!..“

מצד סאַן-פראַנציסקאָ:

„אַ מיליאָן מיט זעקסהונדערט טויזנט דאָלאַר!..“

מצד סטאָקטאָן:

„אַ מיליאָן מיט זיבנהונדערט טויזנט!..“

דערדאָזיקער גראַנגל דערמאָנט מיר שוין אַ ביסל די מעשה מיט די צוויי פאַבריקאַנטן פון גלאַזגאָ. יענע האָבן קאָנקורירט נישט מיט הונדערטער טויזנטער דאָלאַרן, נאָר מיט די הויכע

קוימענס פון זייערע פאַבריקן. יעדער איינער פון זיי האָט אַלץ געהייבן זיין פאַבריק־קוימען העכער פון דעם צווייטנס, ביז עס איז געשען אַ קאַטאַסטראָפע מיט מענטשלעכע קרבנות...

מען האָט געזען, ווי וויליאַם קאָלדערופּ האָט אַרויפגעצויגן צוויי טיפע קנייטשן אויפן שטערן. דער מענטש האָט זיך, קענטיק, אַ ווייַלע באַדאַכט. אפשר איז אים איינגעפאַלן, אַז ער האָט זיך נישט וואָס צו ראַנגלען מיטן אָקס פון סטאָקטאָן און אַז יענער איז נישט זיין גלייכן? מיט וועמען אייגנטלעך קאָנקורירט ער דאָ אין כבוד און אַמביציע — מיט דעם ווילדן טאַסקינאַרן, וואָס קיינער נעמט אים נישט ערנסט, נישט געקוקט אויף זיינע מיליאָנען?

טאַסקינאַר איז אָבער געווען זייער קריגעריש געשטימט. זיין אָקסן פּנים האָט עדות געזאָגט, אַז ער וועט זיך ראַנגלען ביז דעם לעצטן סענט פון זיין פאַרמעגן.

פלוצלונג האָט ער ווידעראַמאָל צוגעוואָרפן.

„אַ מיליאָן מיט אַכטהונדערט טויזנט דאָלאַר!..”

דין פעלפאָרג האָט באַלד אָפּגעבאַסעוועט אין זאַל:

„אַ מיליאָן מיט אַכטהונדערט טויזנט דאָלאַר!!”

נאָך אים האָט נאָכגעהונקען דאָס קוויטשל פון זיין געהילף:

„אַ מיליאָן מיט אַכטהונדערט טויזנט!..”

וויליאַם קאָלדערופּ האָט אָבער נישט אויסגעהאַלטן.

ער האָט אויסגערופן:

„צוויי מיליאָן דאָלאַר!”

הונדערטער מיילער האָבן אָפּגעקרעכצט אין זאַל. אַ קאַלטער שווייס האָט באַדעקט די פּנימער פון די צוקוקער. עמעץ, קענטיק, אַ גרויסער אביון האָט זיך אַפילו אַראָפּגעלאָזט אויף די קני. די־דאָזיקע סומע האָט אים אַ זעץ געטאָן אין די שלייפן, ווי אַ באָמבע...



אין דעם אָקסענעם האַלדז פון דעם סטאָקטאָנער מיליאָנער האָט אַ ציטער געטאָן די לופט ביים אַריינאָטעמען זי... עפּעס איז אים מיטאַמאָל געוואָרן שווער אין די אַקסלען און שווער אין בויך. די קליינע פאַרגאָסענע אויגן האָבן אים אַ ביסל צוגעפינטלט.

דער אומגעדולדיקער אָקהערסט האָט שוין אַפילו אַ שעפּטשע געטאָן צו זיין שכן, דעם קצב:

„דאַכט זיך, אַן טאַסקינאַר פאַלט אַנידער אויף ביידע לאַפּאַטקעס... ווי מיינסטו?”

אָבער אנשטאָט אַן ענטפער, האָט אים יענער, שטאַרק פאַרכאַפּט פון דערדאָזיקער סצענע, ווידער אַ שטורכע געטאָן מיטן עלנבויגן אין זייט.

„שווייג!” — האָט ער געזאָגט. — „דו שטערסט מיר, אָקהערסט”.

און אָט האָט טאַסקינאַר געעפנט דאָס מויל, אַ צי געטאָן לופט אין די לונגען און אַריינגעוואָרפן אין זאַל אַריין, ווי אַ באָמבע:

„צוויי מיליאָן מיט אַ האַלבס!..”

וויליאַם קאָלדערופּ האָט זיך שוין מער נישט באַוועגט און נישט געטראַכט. ער איז געשטאַנען אויסגעצויגן גלייך, ווי אַ שטעקן און האָט שוין כמעט מעכאַניש אויסגערופן:

„צוויי מיליאָן מיט זיבנהונדערט טויזנט!..”

דער באַס מיטן קוויטש האָבן באַלד איבערגעחזרט די־דאָזיקע סומע.

פון סטאָקטאָן איז אָבער געקומען אַ קול:

„צוויי מיליאָן מיט ניינהונדערט טויזנט!..”

און באַלד דערויף האָט סאַן־פראַנציסקאָ געענטפערט:

„דריי מיליאָן!..”

דערהערט דידאָזיקע סומע, איז דער עולם אין זאַל משוגע געוואָרן. מאַנכע האָבן פאַרבּ׳סן די ציין און זיך געשלאָגן קאָפּ אין דער וואַנט, מאַנכע האָבן ספּאַזמירט און אַנדערע האָבן ווילד אַפּלאָדירט, ווי אויף אַ פאָרשטעלונג, דעם מיליאָנער פון סאַן-פראַנציסקאָ.

די דיסציפּלינירטע שטילקייט איז מיטאַמאָל איינגעבראָכן געוואָרן.

אָבער אין טומל און רעש האָט מעכטיק געזומען שווימע דין פעלפּאָרגס באַס:

„שטילער זאָל דאָ ווערן!!! אנישט, הייס איך באַלד אָפּ-ריניקן דעם שטאָטזאַל!.. אַלע מוזן שווייגן!!!

דער קוויטש איז אַדורכגעלאָפן:

„די פּאָליציי וועט אונדז העלפן! ס׳איז אַ ליציטאַציע!..”

די דיסציפּלין האָט זיך ווידער באַוויזן. דער עולם האָט זיך באַלד איינגעשטילט. אָבער די אויגן האָבן געברענט און די הערצער האָבן שטאַרק געקלאַפּט.

„אַלזוי, מיר האַלטן ביי קיילעכדיקע דריי מיליאָן!!” — האָט דינס באַס פייערלעך געמאָלדן.

איצט האָט מען שוין גזזען בחוש, ווי דעם גראָבן טאַסקינאַר פון סטאָקטאָן פאַרפעלט אַ ביסל אָטעם. זיין אַראָפּגעהאָנגענע ליפּ האָט אים שוין באַלד דערגרייכט ביז דעם שפּיץ פון דער גזמבּז און די נאָזלעכער האָבן זיך משונה צעשפּרייט. איין אויג האָט זיך אַזוי צעפינטלט, אַז ער האָט עס געמוזט אויף אַ ווײַלע צומאַכן און נאָך אַ גוט אויסרייבן מיט אַ האַנט, וואָס איז געווען ענלעך צו אַ בערישער לאַפּע.

פונדעסטוועגן האָט ער אַרויסגעשאָסן:

„דריי מיליאָן מיט אַ האַלבּס!..”

און יענער האָט כמעט ווי שלעפעריק צוגעגעבן:



פיר מיליאָן!..”

דאָס איז שוין נישט געווען קיין ציפער, נאָר אַ שאַרפע האַק, וואָס האָט מיט איין קלאַפּ אַראָפּגעהאַקט דעם קאָפּ. דאָס איז שוין סתם געווען אַ סומע, וואָס האָט טויב געמאַכט דאָס אויער און פאַרבלענדט די אויגן. ווער האָט עס בכלל כוחות און געזונט אויסצוהאַלטן דעם מוראדיקן שטויס פון אַזאַ מטבע?

„פיר מיליאָן!”

דין פעלפּאָרג האָט זיך באַלעקט, ווי אַ קאַץ נאָך אַן אָוועק-געלקחנטן שטיקל פּוטער. אפילו אָט דער ביטערער נפש, וואָס האָט געקענט צונויפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט און האָט געקענט זיין קאַלט, ווי דער אייז אין שבט — אפילו ער איז אויך צעמישט געוואָרן און עס האָט אַוועקגענומען אַ היבש שטיקל צייט, ביז ער האָט פונדאָסניי געקענט באַוועגן מיט דער צונג און אַריינבאַסעווען אין זאַל אַריין:

„פיר מיליאָן! פיר מיליאָן!!”

אָבער דער אָקס פון סטאָקטאָן האָט זיך אומטערגעגעבן. אומזיסט האָט דין פעלפּאָרג געשריען אין זאַל:

„פיר מיליאָן! ווער גיט מער?”

קיינער האָט נישט געענטפערט. טאַסקינאַר איז געשטאַנען מיט אַ גרויסן רויטן טיכל און האָט זיך כסדר געווישט דעם שווייס פון פנים, ווי נאָך אַ הייסער באָד. און וואָס מער ער האָט זיך געווישט מיטן טיכל, אַלץ מער שווייס האָט אים אַרויסגעשלאָגן אויף דעם צעפלאַמטן שטח פון זיין אָקסענעם פנים.

נאָכדעם האָט ער זיך לאַנג אָפּגעהוסט און האָט זיך שטיל, אָן שום שהיות, אַרויסגערוקט.

„אָבער דער גראָבער איז פאָרט אַוועקגעלייגט געוואָרן אויף ביידע לאָפּאַטקעס!” — איז אָקהערסט אַרויפגעפאַלן זיין שכן, דעם קצב אויפן האַלדז און האָט מער נישט געקענט רעדן. ער האָט

זיך געוואָלט צעווייגען, דער שענקער, אָבער ער איז געווען אַ שטאַרקער מענטש און האָט זיך געקענט איינהאַלטן.

און זיין שכן, דער קצב, פאַרשטיקט אין די ברייטע אָרעמס פונם שענקער, האָט געשריען ווי פון אַ טיפן ברונעם ארויס:

„פיר מיליאָן, אָקהערסט! דאָס דאַרף מען האָבן אַן אייזערנע גבורה!"

דער עולם האָט זיך איצט צערעדט פאַר דער גאַנצער צייט פון דער געצוואונגענער שטילקייט:

„פיר מיליאָן פאַר אַן אינדזעלע!.."

„פאַר אַ ווילד אינדזעלע!"

„פאַר אַ מדבר!..."

עמעץ האָט ספּאַזמירט און געשריען:

„מיט פיר מיליאָן וואָלט איך דאָך חתונה געמאַכט אַלע אַלטע מיידלעך פון סאַן-פראַנציסקאָ, נאָך מיט אַ פיינעם רעשטל פון סטאָקטאָן!.."

„פיר מיליאָן דאָלאַר!"

„פיר מיליאָן דאָלאַר!"

מיט דידאָזיקע געשרייען האָט מען, מידע, פאַרשוויצטע און פאַרשמאַכטע, פאַרלאָזט דעם גרויסן שטאָטזאַל אויף דער סאַקראַמענטאָ-גאַס.



## קאַפּיטל דריי.

אַ שמועס צווישן פיגאַ האַלאַני און גאָדפריי מאָרגאַן אונטערן אַקאָמפּאַנימענט פון קלאַוויר.

וויליאַם קאָלדערופּ איז אַוועק אַהיים אויף דער מאָנהאָמערי-גאַס. דאָס איז זייער אַ רייכע און אַ באַלעבטע גאַס, וואָס ציט זיך פּאַראַלעל מיטן האַפן. טראַמוואַיען, קאַרעטן, משא-פורן, לייכטע דראָשקעס, הונדערטער פוסגייער און גאַסנהענדלער — דאָס אַלץ קלאַפּט און רוישט און טומלט און פאַרגיסט די גאַס מיט לעבן און באַוועגונג.

אויף דערדאָזיקער גאַס האָט וויליאַם קאָלדערופּ געהאַט אַן אייגן פּאַלאַצל מיט אַ סך צימערן און קאָרידאָרלעך. געווען איז דאָס פּאַלאַצל נישט איבעריקס שיין. מען קען נישט זאָגן, אַז דער מיליאָנער פון פריסקאָ האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ סך געשמאַק

און מיט גרויס ליבע צו קונסטווערק. בטבע האָט ער נישט געהאַלטן פון דידאַקטיקע זאַכן.

ליב האָט ער נאָר געהאַט באַקוועמלעכקייטן: אַ ברייט בעט, אַ פעטן טיש און אַ גוט גלעזל וויין. און אַמאָל — אַ געמיטלעכן שמועס מיט אַ מיליאָנער וועגן געשעפט.

אין זיין פּאַלאַצל אויף דער מאַנהאַטער - גאַס האָט דאָך נישט געפעלט קיין קלאַוויר, און אַז ער איז אַריין אין שטוב, האָט אים באַגעגנט אַ לייכטע מעלאָדיע פון עפעס אַ מוזיקאַלישער פּיעסע.

אַהאַ", — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיך, — „ביידע זיצן שוין דאָרט! לאָמיר נאָר פאַרענדיקן מיט דער „קניה", וועל איך אַריינגיין צו זיי."

פאַרענדיקן מיט דער קניה האָט ביי אים געהייסן — אויסשרייבן אַ טשעק פאַרן קאַסיר, ער זאָל אויסצאָלן דער רעגירונג פיר מיליאָן דאָלאַר פאַר דער אינדזל ספּענסער.

ער האָט זיך טאַקע באַלד גענומען צום טשעק, פאַרגעסנדיק בעת מעשה, אַז ער האָט דאָ ערשט שעהנלאַנג קאָנקורירט מיט זיין פאַרביסענעם שונא פון סטאָקטאָן, און דאָרט, אין זאַל, האָט מען אַלץ געשפּילט אויפן קלאַוויר.

עס איז געווען אַ פּאָרל: אַ יונג מיידל מיט אַ יונגנמאַן. דאָס מיידל איז געזעסן ביים קלאַוויר און דער יונגערמאַן איז האַלב געלעגן אויף אַ קאָזעטקע און מיט צעזייטע רעיונות זיך צוגעהערט צו די קלאַנגען פון קלאַוויר.

דאָס מיידל האָט געטאַנצט מיט די דינע פינגער איבער די ווייסע קלאַווישן פון אינסטרומענט, און געפרעגט דעם יונגנמאַן:

„דו הערסט?"

און דער יונגערמאַן האָט געענטפערט:



„איך הער, פּינאַ, איך הער!.. דו האָסט נאָך קיינמאָל נישט געשפּילט אַזוי זיס, ווי היינט, פּינאַ."

„גאָדפריי, דיר דאַכט זיך עס", — האָט דאָס מיידל געזאָגט און איז צוגעפאַלן מיט די פינגער צו די צאַרטע דיסקאַנטן. — „איך שפּיל היינט, ווי געוויינלעך..."

דער יונגערמאַן האָט געוואָלט פאַרבאָרגן זיין גלייכגילטיקייט און האָט זיך אָנגערופן מיט כלומרשטן אימפעט.

„ניין, פּינאַ, דיינע קלאַנגען ברענען היינט!.."

דאָס מיידל איז געבליבן שטיין מיט די צעטאַנצטע פינגער ביי די דיסקאַנטן און האָט אָפּגעקערט די אויגן צו דער קאָזעטקע. אויף אירע פיין געשניצטע בעקלעך האָט זיך צעגאָסן אַ דורכזיכטיקע רויטקייט. דער יונגערמאַן האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

ווער איז געווען דאָס מיידל פּינאַ האָלאַניי און וואָס טוט זי דאָ ביי קאָלדערופן אין זאַל? זי איז געווען אַ יתומה און וויליאַם קאָלדערופ האָט זי דערצויגן, ווי אַן אייגענע טאָכטער

דאָס איז געווען זייער אַ שיין און זייער אַ גוט דערצויגן 'עכצניעריק פריילן, וואָס האָט אין קאָלדערופס פּאַלאַצל פאַרגאָסן עפעס אַ הייסן ליכטיקן שטראַל.

זי איז געווען אַ בלאָנדינקע מיט שווארצע אויגן, וואָס האָבן פאַרציילט פון אַ שטאַרקן ליידנשאַפטלעכן כאַראַקטע·

מיס פּינאַ האָלאַניי איז געווען אַ טיפּישע אַמעריקאַנערין און צו אירע זעכצן יאָר האָט זי איבערראַשט אירע נאָענטע און באַקאַנטע מיט איר פּראַקטישן שכל און שטייפן כאַראַקטער. זי האָט געהערט צו יענע מיידלעך, וואָס חלומען נאָר אין שלאָף, אָבער נישט אויכן וואָר. אין זייער וואָכעדיקייט זענען זיי תמיד מונטער און דרייכט און לאָזן זיך קיינמאָל נישט פאַרפירן.

„גאָדפריי", — האָט זי פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן, — „וו ביזטו?"

„לעבן דיר, פינא", — האָט ער געענטפערט. — אָט דאָ, אין זאַל.."

ניין, דו ביזט דאָ נישטאָ", — האָט זי געזאָגט. — „איך פיל דיך נישט... דו ביזט ערגעץ ווייט, ווייט.. אויף יענער זייט ים..."

און ביי דידאָזיקע ווערטער איז אונטער אירע פינגער אַרויסגעשפרונגען פון גרויסן שוואַרצן אינסטרומענט עפּעס אַ צאַרטע אומעטיקע מעלאָדיע, עפּעס אַ געוויין אַן טרערן, ווערטער, וואָס ענען קוים דערשוואומען צום אויער...

יאָ, דער יונגער גאָדפריי האָט זיי אוודאי נישט געהערט און נישט פאַרשטאַנען. ער איז געזעסן אַ צעזייטער, ווי פריער, און האָט געקוקט דורכן פענסטער אויף די שפּיצן פון די דעכער.

ווער איז געווען דערדאָזיקער גאָדפריי מאָרגאַן?

ער איז אויך געווען אַ יתום און האָט זיך דאָ, אין קאָלדערופס פּאַלאַץ דערצויגן, ווי פינאַ האָלאַניי.

ער איז געווען דעם מיליאָנערס אַ לייבלעכער פּלימעניק און האָט זיך געפּילט אַזוי, ווי קאָלדערופס אוצרות וואָלטן מער געווען זיינע, ווי קאָלדערופס. ער איז געווען צעבאַלעוועט, פויל, צעזייט און האָט אַליין נישט געוווסט, וואָס ער האָט געוואָלט.

אַלט איז ער געווען צווייאונצוואָנציק יאָר און ער האָט שוין געענדיקט די אוניווערזיטעט. אין אַ קעשענע האָט ער ערגעץ געהאַט ליגן דעם אוניווערזיטעט-דיפּלאָם, אָבער זיינע ידיעות זענען בעצם געווען גאַנץ קליינע. צו וואָס האָט ער אייגנטלעך באַדאַרפט אַ סך לערנען און וויסן, אַז ער האָט געהאַט אַזיינע ברייטע פּריי̈ע וועגן אין לעבן. און ווער האָט אים געקענט שטערן? וואָסער וואָלקנדיק האָט אים געקענט פאַרשטעלן די זון.

צו זיין שבח מוז געזאָגט ווערן, אַז ער איז געווען הויך און שיין געבויט, איז שטענדיק געגאַנגען עלעגאַנט אָנגעטאָן, אָבער



אָן איבעריקע באַפּוצונגען און צירונג. ער האָט קיינמאָל נישט געטראָגן קיין דימענטן און בריליאַנטן, ווי אַנדערע מיליאָנערישע יונגעלייט אין אַמעריקע.

אויפן גלייכן שכל לייגט זיך, אַז ער האָט באַדאַרפט זיין דער חתן פון דער שיינער פינאַ האָלאַניי.ביידע יונגע, ביידע שיינע און ביידע שטיינרייכע, האָבן זיי בלי שום ספק געדאַרפט פאַרבינדן זייערע וועגן אויף אייביק. און מען מוז מודה זיין, אַז דאָס האָט אויך געוואָלט ווילי̈אַם קאָלדערופּ.

דעמדאָזיקן פּאָרל האָט ער געוואָלט אוועקגעבן זיין גאַנץ פאַרמעגן, וואָרים נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געווען אַ גרויסער מיליאָנער, איז ער דאָך געווען גענוג עלנט, און חוץ דידאָזיקע צוויי יונגע וועזנס, האָט ער קיינעם נישט געהאַט אויף דער גרויסער טומלדיקער וועלט.

אין זיי האָט ער אויך געזען דעם המשך פון זיין לעבן. ער האָט געהאָפט, אַז דאָס, וואָס ער האָט דערוואָרבן און אָנגעזאַמלט דורך פאַרשידענע שפּעקולאַציעס און אונטערנעמונגען, וועט ער קענען מיט אַ רויק געוויסן אָפּלייגן ביי דעם פּאָרל, ווען ער וועט דאַרפן צומאַכן די אויגן.

אַזאַ עשירות טאָר דאָך נישט גיין פאַרפאַלן! עס וואָלט דאָך געווען אַן עבירה פאַר גאָט און אַ חרפּה פאַר לייטן.

מען האָט אויך געקענט גאַנץ לייכט איינזען, אַז דאָס פּאָרל איז זיך איינאַנדער געפעלן — ער איר און זי אים. פאַראַן עפּעס אַ ליבע-ציטער אין זייערע באַגעגענישן, אין זייערע ווערטער און זייער פאַרהאַלטן זיך צו איינאַנדער.

און דאָך...

און דאָך איז דער גאַנצער ענין געשטאַנען אונטער אַ גרויסן פראַגע-צייכן.

דער יונגער גאָדפריי האָט נאָך גאָרנישט געהאַלטן ביי

חתונה האָבן. מען מוז מודה זיין, אַז ביי זיינע צווייאונצוואָנציק יאָר איז ער שוין געווען איבערגעזעטיקט מיטן לעבן. דער אַפּעטיט איז אין אים אָפּגעשטאָרבן, די ענערגיע געפאַלן, דער געדאַנק האָט זיך נישט געקענט קאָנצענטרירן.

ער האָט אַרומגעבלאָנדזשעט, אַ צעזייטער, און האָט נישט געוווּסט, צו וואָס מען כאַפּט זיך.

פון אַלץ האָט אים געעקלט, קיין שום זאַך האָט אים נישט צופרידנגעשטעלט.

ביינאַכט האָט ער שלעכט געשלאָפן.

ער האָט געטראַכט פון עפּעס אַ נסיעה, וואָס זאָל אים אויפמונטערן און אַראָפּוואַשן פון אים די מיליאָנערישע איבערגעזעטיקטקייט.

וואָס האָט ער געזען אין זיין לעבן?

מיט סאַן-פראַנציסקאָ האָט ער אָנגעהייבן און מיט סאַן-פראַנציסקאָ האַלט ער דערוויי. די וועלט, די גרויסע וועלט, וואָס טראָגט אויף זיך אַזוינע ריזיקע לאַטעס, ווי אייראָפּע, אַזיע, אַפריקע, אַמעריקע און אויסטראַליע, האָט ער נאָך נישט געזען.

ווער ווייס, אפשר ליגט אין זיי, אין דידאָזיקע וועלטטיילן זיין ישועה? מען דאַרף אַרויסקריכן פון דעמדאָזיקן צו וואַרעמען נעסט און מען דאַרף אָנהייבן צו מאַכן יענע גימנאַסטיק, וואָס הייסט וועלט-נסיעה.

מען דאַרף פאַרן, פאָרן. מען טאָר אַזוי לאַנג נישט זיצן אויף איין אָרט.

אָבער וווהין פאָרט מען און ווי אַזוי פאָרט מען?

זוכנדיק אַ תשובה אויף דערדאָזיקער פיינלעכער פראַגע, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף רייזע-באַשרייבונגען. ביינאַכט איז ער געלעגן אין בעט און געלייענט. צוזאַמען מיט מאַרקאָ-פּאָלאָ האָט ער אַנטדעקט די הימלישע אימפּעריע, מיט קאָלומבוסן —



אַמעריקע, מיט קוקן — דעם שטילן אָקעאַן און מיט די דיומאָן ד'ארוויל — דעם דרום-פּאָל... און ביינאַכט, ליגנדיק אין בעטבוים פייער פון לאָמפּ, מיט דידאָזיקע רייזע-באַשרייבונגען, האָט ער געוואָלט זיין אויפן דרום-פּאָל, אין די טויטע מדבריות פון אַפריקע, אויף די וועגן צום צפון-פּאָל. ער האָט געוואָלט זיין דאָרט, ווו די גרויסע וועגלייט זענען געווען פאַר אים, און דאָ האָט ער זיך פּלוצלונג גאָר דערמאָנט אין ראָבינזאָנען...

ראָבינזאָן האָט אים לגמרי פאַרכישופט.

ער האָט אים פאַרכישופט דערמיט, וואָס ער האָט געליטן, און ער האָט אויך געוואָלט ליידן. דעם יונגן מאָרגאַן איז נמאס געוואָרן דאָס זאַטע לעבן, די ברייטע פרייע וועגן, אויף וועלכע מען געפינט נישט קיין פינטעלע פון אַ מניעה. אַלע טירן זענען פאַר אים אָפן, אַלע זיינע פאַרלאַנגען און באַגערן ווערן תיכף ומיד צופרידנגעשטעלט.

אַפילו די ליבע מיט דער יונגער שיינער פינאַ, וואָס האָט גאָלדענע האָר און שוואַרצע אויגן, איז אויך אַזאַ לייכטע. מען דאַרף זיך גאָרנישט מוטשען און מען דאַרף נישט ליידן, ווי עס ווערט עפּעס באַשריבן אין די גרויסע ערנסטע און נישט ערנסטע ראָמאַנען.

מיס האָלאַביי קען זיין זיינע צו יעדער צייט, צו יעדן מאָמענט, און צו יעדן מאָמענט קען ער מיט איר חתונה האָבן...

ווו איז עס פאַראַן אויף דער וועלט אַ ליבע אָן יסורים און אָן איבערלעבונגען?

דאָס קען געשען נאָר ביי קאָלדערופן אין פּאָ-אַצ׳, ווו דער דיקער שטראָם פון גאָלד דערשטיקט אַלץ און אַלעמען.

און אָט, ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האָט זיך אין זיין צעזייטן קאָפּ אַריינגעזעצט איין פעסטע און האַרבע מחשבה: זען די וועלט!

נאָך מיט אַ חודש צוריק האָט ער איינמאָל, אין אַן אינטימען שמועס, געמאָלדן דעם בלאָנדן מיידל, אַז ער וויל אַוועקפאָרן און דערביי האָט ער זיך פלוצלונג אָנגערופן:

„מיר זענען דאָך חתן ־ כלה, פינאַ... צו וואָס לייקענען און פאַרשטעלן זיך די אויגן... אָבער איידער מיר גייען חתונה האָבן, וויל איך זען די וועלט..."

דאָס איז אַפילו צו אומגעריכט און צו ווילד אַרויסגעזאָגט געוואָרן, אָבער פינאַ האָלאַניי האָט זיך נישט פאַרלאָרן. זי האָט נאָר געשוויגן און האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

זי האָט געטראַכט: אפשר איז ער גערעכט? זאָל ער טאַקע פריער זען די וועלט און ערשט נאָכדעם גיין אונטער דער חופּה. אמת, זי וואָלט בעסער איצט געוואָלט אָפּשפּילן די חתונה מיט אים און אָנהייבן אַ שיין ניי לעבן צוזאַמען. אָבער זי איז געווען צו פּראַקטיש און האָט פאַרשטאַנען, אַז מען טאָר קיינמאָל נישט שפּילן מיט יענעמס קאַפּריזן. פריער מוז מען זיך באַפרייען פון דידאָזיקע קאַפּריזן.

טיילמאָל אָבער האָט זי זיך נישט געקענט איינהאַלטן, און האָט אים, ווי דאָ ערשט, צוגעוואָרפן:

„ניין, איך פיל דיך נישט לעבן מיר... דו ביזט ערגעץ אויף יענער זייט ים..."

ער האָט זיך אויפגעהייבן פון דער קאָזעטקע, אַן אומעטיקער, אַ ליידנדיקער פון דעם, וואָס ער ליידט קיינמאָל נישט, האָט ער געמאַכט אַ פּאָר ברייטע שפּרייזן איבערן זאַל, איז צוגעגאַנגען צום קלאַוויר און אַ דריק געטאָן מיטן פינגער אַ קלאַוויש.

דער קלאַוויר האָט זיך באַלד אָפּגערופן מיט „רע" ־ בעמאָל, אַ נאָטע זייער אַ צאַרטע און אַן אומעטיקע, און ער האָט אין איר געפילט, ווי אַן ענטפער אויף זיינע צעזייטע רעיונות.



נאָכדעם איז ער געבליבן שטיין אַ הויכער, אַן איבערגעזעטיקטער, מיט צעשפּרייטע פיס, מיט די הענט אין די הויזנקעשענעס און געקוקט מיט בלאַסע אויגן אויף דער שיינער פינאַ.

זי האָט זיך דערשפּירט נישט באַקוועם אונטער דעמדאָזיקן ווייסן טויטן בליק, און זי האָט אים געוואָלט זאָגן, אַז ער מוז טאַקע וואָס פריער אַוועקפאָרן, עס וועט זיין גלייכער אין געזינטער פאַר ביידן, פאַר ביידנס געפילן, אָבער אין דער אייגענער רגע איז וויליאַם קאָלדערופּ לאַנגזאַם אריין אין זאַל.

פאַרענדיקט מיט דער ספּענסער ־ „אָפּעראַציע", האָט ער איצט געוואָלט אויך פאַרענדיקן מיט אַ צווייטער אונטערנעמונג.

„נו", — האָט ער זיך אַנידערגעזעצט ביים פענסטער און פאַרוואָרפן אַ פוס אויף אַ פוס, — „לאָמיר באַשטימען די צייט. צו וואָס אַזוי לאַנג צעגערן און וואַרטן?"

גאָדפריי האָט געפרעגט:

„וואָס מיינט איר דערמיט, פעטער?"

וויליאַם קאָלדערופּ האָט רויק געזאָגט, ווי רויק ער האָט אָנגערופן די גרויסע דאָלאַר ־ סומע אויף דער סאַקראַמענטאָ ־ גאַס:

„שוין צייט חתונה צו האָבן... דאָס הייסט נישט מיר, נאַטירלעך, נאָר אייך, קינדער... איך מיין, אַז מען דאַרף באַשטימען די צייט..."

מיס האָלאַניי האָט זיך גוטמוטיק אָנגערופן:

„מען דאַרף זיך אָבער באַדאַכטן..."

„וואָס הייסט באַדאַכטן?" — האָט דער מיליאָנער געפרעגט— „עס איז שוין אַלץ לאַנג און גוט באַאַדכט געוואָרן!"

ער האָט אַ קנייטש געטאָן מיטן שטערן און געלאַסן צוגעגעבן:

„איך מיין, אַז אין אַ חוש אָרום איז די ריכטיקע צייט... מען וועט אָפּשפּילן די חתונה".

גאָדפריי האָט געשוויגן. ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויף די לאַנגע צעשפּרייטע פיס און האָט נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן.

דאָס מיידל האָט זיך אָנגערופן:

„מען מוז נאָך אָבער וואַרטן, פּאָטער, ווייל גאָדפריי וויל מאַכן אַ קליינע נסיעה... ער גרייט זיך דערצו".

„וואָס, אַ נסיעה?" — האָט וויליאַם קאָלדערופּ אַ פרעג געטאָן און אָנגעשטעלט אַ פּאָר שווערע בליקן אויפן מיידל.

„יאָ, אַ נסיעה..." — האָט שוין דאָס מיידל נישט זיכער געענטפערט.

דער מיליאָנער האָט זיך אויפגעהייבן און אָנגענומען דעם פלימעניק ביי דער האַנט, פּונקט ווי ער וואָלט אים געוואָלט צוהאַלטן, ער זאָל נישט אַנטלויפן.

„דו, גאָדפריי, ווילסט אַוועקפאָרן? אַוועקפאָרן גאָר?" — האָט ער צוויי מאָל געפרעגט און האָט בעת מעשה אַ דריק געטאָן מיט די ברייטע אייזערנע אַקסלען.

„יאָ, פעטער..." — האָט יענער אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

„און אויף לאַנג ווילסטו פאָרן?

„נו, איך ווייס... אויף אַ וואַסערע צוויי יאָר, פעטער... אויב..."

„וואָס, אויב?"

„אויב איר וועט מיר דערלויבן און פינאַ וועט וועלן וואַרטן אויף מיר, ביך איך וועל מיך אומקערן... איך טראַכט אַלץ וועגן דעם..."

דער מיליאָנער האָט זיך פלוצלונג ברייט צעלאַכט און זאָל



האָט זיך אַזוי ווי צעדונערט. ער האָט איינגעלאָזט, ווי אַ שמאַטקע דעם פלימעניקס האַנט און געזאָגט:

„ווי געפעלט אייך עפּעס דער חתן, האַ? אַ חתן, וואָס וויל אַנטלויפן פון אונטער דער חופּה! עס געפעלט מיר, כלעבן, דער עסק!"

און דער מיליאָנער האָט ווידער אויסגעשאָסן מיט אַ דונערדיקן געלעכטער.

דאָס יונגע מיידל האָט זיך שטיל אָנגערופן:

„ניין, פּאָטער, זאָל גאָדפריי פאָרן... איך האָב לאַנג געטראַכט וועגן דעם... איך בין נאָך אַזוי יונג און איך האָב מיך נישט וואָס צו איילן. נו, און גאָדפריי איז אויך יונג. אַ נסיעה וועט אים אַ סך געבן. ער וועט ווערן פּראַקטישער, דערפאַרענער... ער וועט געפינען אַ ציל אין לעבן... ער וועט קומען אַ פאַרטיקער מענטש אַהער. און וואָס טויג אונטער דער חופּה אַ מענטש, וועלכער ווייס נאָך נישט גענוי, וואָס ער וויל... אונטער דער חופּה, פעטער דאַרף שוין אַ מענטש האָבן אַ פאַרטיקן ציל פאַר די אויגן..."

וויליאַם קאָלדערופּ האָט געפרעגט:

„ווילסטו אים, זע איך, אַוועקלאָזן? זאָל ער פאָרן אין דער וועלט אַריין, האַ, פינאַ!"

דאָס מיידל האָט רויִק געענטפערט:

„יאָ, זאָל ער פאָרן אויף צוויי יאָר!.."

„נו, און דו וועסט וואַרטן אויף אים?"

יאָ, פּאָטער, איך וועל וואַרטן... מען זאָגט, אַז ווען מען האָט ליב, וואַרט מען..."

„אַזוי גאָר?" — האָט וויליאַם קאָלדערופּ געשאָקלט מיטן גרויסן קאָפּ. „אַז מען האָט ליב, וואַרט מען!.. דאָס איז גאָרנישט שלעכט געזאָגט, און איך הער עס צום ערשטן מאָל!"

דאָס מיידל האָט אים נישט געענטפערט.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים קלאַוויר און האָט אָנגעהייבן שפּילן דעם באַקאַנטן פראַגמענט פון „דער חתן פאָרט אַוועק.“ אין אירע קלאַנגען איז אַריינגעפאַלן עפּעס אַן אומעט, הגם דאָס ווערט געוויינלעך געשפּילט אין אַ לייכט פריילעכן טאָן. ביידע, דער אַלטער מיטן יונגן, זענען געשטאַנען מיט עטוואָס אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און האָבן זיך צוגעהערט.

דער מיליאָנער האָט אַרויפגעלייגט די הענט אויפן האַרצן און האָט מיט שווערע טריט אַ פּאָר מאָל אַדורכגעשפּאַצירט איבער צימער. און דער קלאַוויר האָט אַלץ געגאָסן און געגאָסן מיט אומעטיקע קלאַנגען. פינאַס ווייסע דינע פינגער האָבן געטאַנצט אויף די ווייסע קלאַווישן.

גאָדפריי איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אין אַ ווינקל פון זאַל. צי האָט ער זיך פאַרזונקען אין די קלאַנגען, צי אין דעם פעטערס טריט, צי ער האָט זיך אפשר גאָר פאַרזונקען אין די ציענדיקע רעיונות וועגן אַ ווייטער נסיעה?

דער מיליאָנער איז צוגעגאַנגען צו אים און האָט אים פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן:

„דו מיינסט עס טאַקע מיט אַן אמת?“

„מיט אַן אמת...“ — האָט גאָדפריי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

„אָל רייט!“ — האָט קאָלדערופ אַ ברום געטאָן. — „אַז דו מיינסט עס מיט אַן אמת, איז גאָר אַנדערע ווערטער!.. איך ווייס, אפשר ביזטו גערעכט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך אָנגערופן

אַ מאָדנע זאַך: אַ מענטש וויל פריער אַ נסיעהלע און נאָכדעם חתונה האָבן!.. ביי לייטן, טוט מען פאַרקערט... יעדער מענטש האָט זיך זיינע קאַפּריזן



ער האָט אָנגענומען דעם אויסגעפּיצטשעטשטן און איבערגעזעטיקטן פלימעניק ביי דער האַנט.

„און וווּהין ווילסטו אייגנטלעך פאָרן?“

„ווייט, פעטער!“

„ווייט!“ — האָט אים קאָלדערופ לייכט איבערגעקרימט. — „און ווען ווילסטו אַרויספאָרן?

„עס ווענדט זיך אָן אייך, פעטער: ווען איר וועט מיר דערלויבן...“

„נו, און אַז איך וועל דיר דערלויבן כאָטש היינט?“

דער פלימעניק האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ:

„וועל איך כאָטש היינט פאָרן!“

„אָהאָ, סאַר אַ דרייסטער מענטש דו ביזט!“ — האָט קאָלדערופ געשפּאַסט.

„דאָס איז נישט קיין דרייסטקייט, פעטער, נאָר אַ געדאַנק, אַ פאַרלאַנג...“

„אהאַ, איך פאַרשטיי!“

„איך וויל זען די וועלט“

„נישט קיין עוולה!“

„מיין לעבן איז אַדורכגעלאָפן בלויז אין סאַן - פראַנציסקאָ, פעטער...“

„איך ווייס!“

„די אָפענע וועלט וועט מיך שטאַרקן און פאַרהאַרטעווען...“

קאָלדערופ האָט געשמייכלט.

ער האָט אָנגעפּאַטשט דעם פלימעניק אין פּלייצע און האָט גוטמוטיק געזאָגט:

„וועסט פאָרן! וועסט פאָרן, גאָדפריי!..“

ביי דידאָזיקע ווערטער האָט פינאַ איבערגעריסן דאָס שפּילן. איר קליינינטשקער פינגער פון דער לינקער האַנט האָט אומגערן אָנגערירט

דעם „סאָל״ - דיעז, און דידאַזיקע נאָטע איז נישט געווען אין טאָן פון דער מעלאָדיע.

וויליאַם קאָלדערופ האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פנים צום קלאַוויר.

„פינאַ, — האָט ער געזאָגט, — „מען טאָר קיינמאָל נישט נעמען קיין פאלשן טאָן. זאָלסט געדענקען מיינע ווערטער.״

ער איז צוגעגאַנגען צום קלאַוויר, אַראָפּגעלאָזט דעם מיטלסטן פינגער אויף אַ קלאַוויש, און אין זאַל האָט אָפּגעהילכט אַ ריי־נער „ליאַ״.

דער מיליאָנער האָט געהאַט אַ שטיקל השגה אין מוזיק. מער האָט מען נישט געשמועסט.

אַ דינער מיט א בלאס הכנעהדיק פנים האָט זיך אויסגע־צויגן, ווי אַ סטרונע אויף דער שוועל פון זאַל.

„דערלאַנגען קאַווע?״ — האָט ער געפרעגט.

„דערלאנג! דערלאנג!״ — האָט זיך קאָלדערופ צעשריען און האָט פון ווייטן גענומען וואַרפן מיט דער האַנט צו אים — ער זאָל אַוועקגיין.

דער אויסגעצויגענער דינער האָט זיך פאַרנויגט און איז באַלד נעלם געוואָרן.

„זיי קריכן אָבער אַלעמאָל, ווען מען דאַרף זיי נישט!״ — האָט זיך וויליאַם קאָלדערופ געבייזערט.



## קאַפּיטל פיר.

דעם לעזער ווערט דאָ העפלעך פאָרגעשטעלט ט. אַרטעלעט, וואָס אַלע רופן אים טאַרטעלעט.

ווען ט. אַרטעלעט, אַ שטייגער, וואָלט געווען אַ פראַנצויז׳ וואָלטן אים זיינע גלויבנסברידער אוודאי גערופן טאַרטעלעט*)׳ אַזוי ווי דאָס איז אַ גאַנץ העפלעכער נאָמען, וועלן מיר אים אויך פון צייט צו צייט געברויכן אין דער האָפענונג, אַז מיר וועלן קיינעם׳ חלילה, נישט באַליידיקן דערמיט. אגב, האָט אים טאַרטעלעט כשר פאַרדינט.

אין זיין וועגבוך „פון פאַריז קיין ירושלים״ רעדט שאַ־טאָבריאַן**) וועגן עפּעס אַ קליינטשקן מענטשעלע, אַן אָנגעפּו־

*) טאַרטעלעט — אַ זיס פלאַדל.

**) שאַטאָבריאַן — אַ באַרימטער פראַנצויזישער שרייבער.

דערטן און אַן אויסגעצאַצקעטן, אין גרין־עפּלפאַרביקע מלבושים, מיט אַ פּיקענעם וועסטל, מיט דורכזיכטיקע מאַנזשעטלעך און אַ זשאַבאָ. דאָסדאָזיקע מענטשל האָט כסדר געדרימלט אויף אַ קליין פּידעלע און האָט געטאַנצט צווישן די איראָקעזן.

די לייט פון קאַליפאָרניע זענען, נאַטירלעך, נישט קיין איראָקעזן, אָבער טאַרטעלעט איז געווען אַ פּראָפעסאָר פון טענץ און גוטע מאַניערן אין דער הויפּטשטאָט פון קאַליפאָרניע. אויב ער האָט פאַר זיינע לעקציעס נישט באַקומען קיין ביבערישע פעלכלעך און שטיקעלעך בעריש פלייש, ווי יענס מענטשעלע מיטן זשאַבאָ און מיטן קליינעם פּידעלע, האָט מען אים דערפאַר געצאָלט מיט דאָלאַרן...

געווען איז טאַרטעלעט אַן אַלטער בחור, אָבער ער האָט פאַרזיכערט, אַז ער איז נישט עלטער פון פינפאונפערציק יאָר. מיט אַ סך יאָרן צוריק האָט ער שיער נישט חתונה געהאַט מיט אַ מיידל, וואָס איז שוין אויך געשטאַנען אַ סך נאָענטער צום קבר, ווי צו איר וויג. טאַקע אין יענער צייט האָט מען אים געבעטן, ער זאָל עפּעס אָנשרייבן וועגן זיין עלטער, געזעלשאַפטלעכער שטעלונג און כאַראַקטער. טאַרטעלעט האָט דידאָזיקע בקשה דערפילט, און מיר גיבן דאָ איבער זיין שרייבעכטס וואָרט ביי וואָרט.

„ער איז געבוירן געוואָרן דעם 17־טן יולי 1835, דריי אַ זייגער מיט פופצן מינוט פאַרטאָג.

„זיין וווקס — פינף פוס מיט צוויי צאָל.

„די ברייט פון זיינע לענדן — צוויי פוס מיט דריי צאָל.

„זיין וואָג, וואָס האָט זיך לעצטנס פאַרגרעסערט, — הונדערט איינאונפופציק פונט מיט צוויי אונצן.

„דער קאָפּ איז אַ לענגלעכער.



„די האָר, — טונקעלע, שיטער ביים שטערן, עטוואָס גרוי ביי די שלייפן.

„דער שטערן — אַ הויכער.

„דאָס געזיכט — אַ לענגלעכס, די פאַרב פון געזיכט — אַ געזונטע.

„די ראיה — אַ גוטע, מען קאָן זאָגן — אַן אויסגעצייכנטע; די אויגן — גרויע.

„די נאָז, — אַ מיטעלע. ביי דעם לינקן נאָזלעכל — אַ גריבל.

„די אויערן — גרויסע און פלאַכע.

„דאָס מויל — אַ מיטלס, אָן צעפוילטע ציין.

„די ליפּן — דינע און עטוואָס איינגעפּרעסטע, באַרעמלט מיט אַ פּאָר געדיכטע וואָנסן און אַן עספּאַניאָלקע.

„די גאָמבע אַ קיילעכיקע, באַוואַקסן מיט אַ בערדל, געמישט פון פאַרשידענע פאַרבן.

„דער האַלדז — אַ פולער; אויפן האַלדז — אַ קליינינקער בלאָטער.

„אין באָד, אַ שטייגער, קען מען זען, אַז די הויט איז אים ערטערווייז באַדעקט מיט האָר.

„פירט אַ רויק און מעסיק לעבן; האָט זיך קיינמאָל נישט אויסגעצייכנט מיט אַ סך געזונט, דערפאַר אָבער האָט ער שטענדיק אָפּגעהיט דאָס ביסל, וואָס איז אים פון דער נאַטור געשענקט געוואָרן.

„רויכערט נישט, ווייל די לונגען זיינע פאַרטראָגן נישט קיין רויך.

„טרינקט אויך נישט — נישט קיין בראָנפן, נישט קיין וויין, נישט קיין קאַווע; האָט פון תמיד אָן פיינט די אַלע משקאות.

„היט שטענדיק אָפּ דאָס נערוונסיסטעם, ווייל דאָסדאָזיקע סיסטעם איז דער אייגנטלעכער מקור פון לעבן.

„זינט די מאַמע האָט אים געהאַט, איז ער קיינמאָל נישט אָנגעקומען צו דער הילף פֿון אַ דאָקטאָר.

„אין אַ נויט טרינקט ער ביר, צעמישט מיט וואַסער.

„פֿון זיינע אויסגעאַרבעטע לעבנס־כּלים טרעט ער קיינמאָל נישט אָפּ.

„דידאָזיקע כּלים זענען פֿאַר אים אַ לעבנסגעזעץ.

„אין אַלגעמיין קען מען זאָגן, אַז ער איז אַ מענטש מיט טעמפּעראַמענט, אָבער זייער אַ דעליקאַטער מענטש. צוליב דערדאָזיקער אייגנשאַפט זיינער האָט ער אַלץ נישט חתונה געהאַט, ווייל ער האָט מורא, טאָמער וועט ער, חלילה, אומגליקלעך מאַכן זיין פרוי

„ער ליידט זייער דערפֿון, אָבער ער קען זיך, ליידער, נישט העלפֿן".

דערמיט האָט ער פֿאַרענדיקט זיין אייגענע כאַראַקטעריסטיק, וועלכע ער האָט איבערגעגעבן איז די הענט פֿון דער כּלהס עלטערן.

דער סוף איז אַפילו געווען אַ ביסל אַן אומגעריכטער: מען האָט אים נישט געוואָלט פֿאַר אַ חתן און מען האָט אים אָפּגעזאָגט.

דער טאַנצפּראָפעסאָר איז פֿאַרבליבן אַן אַלטער בחור און זיך סוף כּל סוף באַרויִקט דערויף.

ער איז אויך געווען אַ לערער פֿון טאַנצן ביים מיליאָנער אין פּאַלאַץ.

די יאָרן זענען אָבער דערווייל געגאַנגען, דער טאַנצפּראָפעסאָר איז אַלט געוואָרן און די יונגע בחורים אין מיידלעך פֿון סאַן־פֿראַנציסקאָ האָבן אים ביסלעכווייז מוחל געווען זיין טאַנצפּראָפעסאָריי.

עס זענען געווען יינגערע, בעסערע, פֿלינקערע פֿאַר אים.

דער אַלטער בחור האָט באַדאַרפֿט שטאַרבן פֿון הונגער. קיי־



נער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף אים. די יוגנט פֿון סאַן־פֿראַנציסקאָ האָט זיך שוין נישט געניייטיקט אין אים.

דעמאָלט האָט זיך קאָלדערופּ מרחם געווען איבער אים און האָט אים אַריינגענומען צו זיך אין פּאַלאַץ. דאָס האָט געהייסן, אַז מען וועט אים דאָ געבן צו עסן און צו טרינקען און דאָ וועט ער אויסלעבן זיינע יאָרן.

דאָס יונגע פּאָרל, גאָדפריי און פֿינאַ האָבן אים נישט פֿיינט געהאַט און ער האָט געזאָגט, אַז ער איז פֿאַרליבט אין זיי. אַזוי ווי ער האָט שוין געהאַט זייער צרהדיקע פּיס און האָט נישט געקענט מער לערנען טאַנצן, האָט ער דעם יונגן פּאָרל אַלץ געהאַקט אין קאָפּ אַריין די תּורה פֿון שיינע מאַנירן. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ גרויסער בקי אין דידאָזיקע למודים און האָט כּמעט צו זיך קיין גלייכן נישט.

איצט קענט איר אייך פֿאָרשטעלן, אַז דווקא אים, דעמדאָזיקן פּראָפעסאָר מיט די צוויי צרהדיקע אויסגעטאַנצטע פּיס, האָט עס וויליאַם קאָלדערופּ אויסגעקליבן גאָדפרייען פֿאַר אַ באַגלייטער אין זיין נסיעה! ער האָט עס באַדאַרפֿט באַגלייטן גאָדפרייען אין וועג.

קאָלדערופּ האָט, נאַטירלעך, געהאַט זיין חשבון: אַזוי ווי טאַרטעלעט איז אַ האַלב געפּוגרטער מענטש, וועט ער אָפּהיטן דעם יונגן גאָדפרייען פֿון אַ סך היציקע און נישט פּאַסיקע זאַכן. ער וועט אויף אים ווירקן מיט זקנה, מיט מרה־שחורה און מיט זיינע האַרבע אויסגעאַרבעטע כּלים...

צומאָרגנס, דעם 16־טן אַפּריל, האָט ער טאַקע אַריינגערופֿן דעם טאַנצפּראָפעסאָר צו זיך אין קאַבינעט.

דער טאַנצפּראָפעסאָר האָט קודם כּל גוט פֿאַרקאַמט און צוגעגלעט די פּאָר שיטערע הערלעך אויפֿן קאָפּ און די פֿאַרשידנפֿאַרביקע הערלעך פֿון דער באָרד; נאָכדעם האָט ער זיך גוט אויס־

עבערשטעלט און זיך אָפּגעפּרישט מיט קעלניש וואַסער דאָס צעקנייטשטע פּנים, און אַזוי ווי ער איז געווען אַ לערער פון פיינע מאַניערן, האָט ער פריער גוט אויסגעגלייכט די קני פון די צרהדיקע פיס און אַרויפגעצויגן אַן ערנסטע געהאָרזאַמע מינע אויפן פּנים בשעת ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר פון דעם מיליאָנערס קאַבינעט.

אַריינגעגאַנגען אין קאַבינעט, האָט ער זיך פאַרנייגט פריער מיטן קאָפּ און נאָכדעם מיטן רוקן און איז באַלד דערויף פאַרגלייווערט געוואָרן אויפן אָרט. אַן אַנדערער וואָלט זיכער תיכּף ומיד אומגעפאַלן אויף דידאָזיקע צוויי פיס, וואָס האָבן געהאַט אַ נייגונג זיך אונטערצובויגן ביי די קני מיט אַ שפּירונג פון חלשות, אָבער ער, דער אַלטער לערער פון טענץ און גוטע מאַניערן, האָט געקענט בלייבן שטיין אויף איין אָרט און בשום נישט אומפאַלן.

וויליאַן קאָלדערופ האָט זיך אָנגערופן:

„הער טאַרטעלעט, איך האָב צו אייך אַ שטיקל בקשה, און איך פאַרהאָף, אַז איר וועט מיר נישט אָפּזאָגן...”

דער טאַנצפּראָפעסאָר האָט אַזוי אויסגעצויגן די נאָז, אַז זי האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מין הכנעהדיקן לאַנגן פראַגעצייכן, און ער האָט מיט גרויס דרך ארץ געזאָגט:

„איך בין בלויז אייער דינער, הער קאָלדערופ!”

דער מיליאָנער האָט אים אָנגעקוקט מיט עפּעס א לייכטן חוזק און האָט זיך ווידעראַמאָל אָנגערופן:

„מיין פלימעניקס חתונה ווערט אָפּגעלייגט אויף אַ יאָר אָדער צוויי. גאָדפריי וויל מאַכן אַ שטיקל נסיעה... ער וויל זען די אַלטע און די נייע וועלט. ער וויל זען לענדער און פעלקער. ער האָט דאָך טאַקע אַזוי ווייניק געזען. אַלזוי...”

דער מיליאָנער האָט זיך פאַרטראַכט.

דער טאַנצפּראָפעסאָר האָט דערווייַלע געוואָלט ווייזן, אַז ער איז זייער טריי דעם מיליאָנערס הויז און האָט גענומען פינטלען



מיט אַן אויג, ווי ער וואָלט געוואָלט אַראָפּטרייסלען אַ טרער פון ברעם. און דערביי איז ער געשטאַנען אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע, שפּירנדיק בעת מעשה אַ מין חלשות אין די קני.

וויליאַם קאָלדערופ האָט געזאָגט:

„איך גלויב, הער טאַרטעלעט, אַז איר קענט אייך אַודאי נישט שיידן מיט גאָדפרייען”.

דער טאַנצפּראַפעסאַר האָט טעאַטראַליש אויסגעצויגן די דאַרע הענט.

„אָ, ניין, מיין הער!” — האָט ער זייער טראַגיש געזאָגט.

„נו, וועט איר אייך נישט שיידן!” — האָט קאָלדערופ געשמייכלט.

„איך פאַרשטיי נישט.” — האָט טאַרטעלעט מיט אַ פאַרשולדיקטער מינע זיך פאַרנייגט פאַרן מיליאָנער.

ער האָט געמאַכט אַ טריט צוריק און האָט געוואָלט ווייזן נאָך אַ פּאָזיציע פון הכנעה און דאַנקבאַרקייט.

„יאָ”, — האָט דער מיליאָנער געזאָגט פשוט און קאַלט, — „אויב איר ווילט אייך נישט שיידן מיט גאָדפרייען, באַדאַרפט איר מיטמאַכן מיט אים די נסיעה... עס איז קלאָר פאַר אַ קינד... איך וואָלט עס אייך, נאַטירלעך, נישט פאָרגעלייגט אין דער פאָרם פון אַ בקשה, ווען איך זאָל נישט געוועזט וויסן, אַז איר קענט אייך באמת נישט צעשיידן מיט מיין פלימעניק און מיט אייער תּלמיד... איר וועט, אַלזוי, פאָרן צוזאַמען”.

ביים טאַנצפּראָפעסאָר האָבן שוין די פיס כמעט נישט אויסגעהאַלטן. אָט - אָט פאַלט ער אַנידער. ער האָט זיך אָבער גובר געווען און איז אַלץ געשטאַנען מיט דער שפּירונג פון חלשות אין די קני.

דערדאָזיקער מענטש, וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבן זיך אָפּגעגעבן מיט כאָרעאָגראַפיע און איז קיינמאָל אַפילו אויף אַ קילאָ-

מעטער נישט אַרויסגעפאָרן פון סאַן-פראַנציסקאָ, האָט פשוט נישט געקענט סובל זיין די זאַך, ווי אַזוי נעמט מען עס און מען פאָרט עס אַרויס איבער דער וועלט. נאָך וואָס? צו וואָס? איז נישט גלייכער צו ליגן אין בעט און אויסרוען די אַלטע מידע ביינער?

אַ כּחד האָט אים געקילט דאָס האַרץ, און אָנהאַלטנדיק זיך מיט דער האַנט אָן ווענטל פון אַ שטול, אַזוי, אַז דער מיליאָנער זאָל נישט זען זיין שוואַכקייט, האָט ער קוים אַרויסגעשטאַמלט:

„אָבער, הער קאָלדערופּ, אפשר... אפשר טויג איך מיך נישט?"

קאָלדערופּ האָט אָבער קאַלט געענטפערט, פונקט ווי ער וואָלט געשניטן מיט אַ מעסער:

„ניין, איר טויגט יאָ... ווען איר וואָלט זיך נישט געטויגט, וואָלט איך אייך נישט געבעטן דעריבער. איך ווייס, וואָס איך בעט און איך ווייס וואָס איך רעד..."

דער אָרעמער טאַנצפּראָפעסאָר האָט געמוזט שווייגן. וואָס פאַר אַ וואָרט האָט ער דען אין דעמדאָזיקן הויז? אַ וואָרט פון אַ גאָרנישט, פון אַ זעראָ, פון אַ בעזעם, פון אַן אומנוציקן פעקל, וואָס יעדער איינער מעג עס אַרויסוואַרפן דורכן פענסטער.

אָפּגעצויגן דעם אָטעם, האָט ער קוים געפרעגט:

ווען באַדאַרף מען אַרויספאָרן, הער קאָלדערופּ?"

ענער האָט פעסט געענטפערט:

„אין אַ חודש אַרום!"

שפּעטער אַ ווײַלע האָט דער מיליאָנער כּתּם גענומען שיטן איינצלנע ווערטער און זאַצן, וואָס זענען, ווי הייסע קוילן געפאַלן אויפן קאָפּ פון דעם אָרעמען טאַנצפּראָפעסאָר.

„איר וועט פאָרן איבערן ים, איר פאַרשטייט? איבערן ים... מיט אַ שיף... נו, און נאָכדעם וועט איר אַרייַנפאָרן אין זיי-



זעלאַנד... איר וועט זען אַ וועלט! וואָס קען אייך פעלן? איר וועט זיך דאָך מחיה זיין... אַי, אַ שטורעמל, אַי, אַ ווינטעלע, אַי, אַ ימעלע, וואָס פאַרגיסט די שיף מיט זיינע כוואַליעס — טאָ אַ וואָס? איר זענט דאָך עפּעס אַ מאַנסביל?.."

ער האָט זיך צעלאַכט, אָנפּאַטשנדיק דעם טאַנצפּראָפעסאָר אין די דאַרע ביינער

„איך האָב געהערט", — האָט ער געזאָגט, — „אַז די מענטשן פון ניי-זעלאַנד זענען על-פּי-רוב נישט דערצויגן. אַזוי־אַרום וועט איר זיי קענען לערנען שיינע מאַניערן, הער טאַרטעלעט!"

און מיט דידאָזיקע ווערטער האָט ער אים געגעבן אַ צייכן אַז די אוידיענץ איז געענדיקט. דער טאַנצפּראָפעסאָר קען אַוועקגיין.

ער איז אַרויס פון קאַבינעט מיט די נאָגנדיקע אויסגעצאַנצטע קני און האָט לגמרי פאַרגעסן צו מאַכן אַ פּאָר ניייטיקע עלעגאַנטע פּאָזיציעס דערביי. ער איז געווען אַזוי דערשלאָגן און צעבראָכן, אַז ער האָט געוואָלט שטאַרבן און נישט דאַרפן מער ליידן אויף דערדאָזיקער דעספּאָטישער וועלט.

אַריין צו זיך אין צימערל, זענען אים אַרויסגעפאַלן אַ פּאָר אמתע טרערן פון די אויגן. ער האָט געזעסן זיין בעט, אויף וועלכער מען האָט געקענט רויק שלאָפן און זיין טישל, ביי וועלכן מען האָט געקענט רויק עסן און דאָס האַרץ האָט אים פאַרדריקט.

מיט דעם אַלעמען וועט ער זיך איצט, אויף די עלטערע יאָרן, זיך מוזן געזעגענען, און ווער ווייס, צי וועט אים באַשערט זיין צו זען דאָס אַלץ נאָכאַמאָל. ער וועט אַוודאי מוזן צומאַכן די אויגן ערגעץ אויף אַ מיטן ים, אין אַ שטורעם, און אַ וואַלפיש וועט אים איינשלינגען...

נאָך אַ פּאָר אמתע טרערן האָבן אים אַרויסגעקאַפּעט פון די אויגן.

ער האָט זיך געפּאַטשט איבער די קראַנקע קני און געשפּטשעט:

„שלעכט, ביטער, שלעכט!...“

ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין בעט און האָט זיך פאַרגראָבן מיטן פּנים אין קישן.

דער אַלטער בחור האָט איצט איבערגעלעבט די סאַמע שרעקלעכסטע מאָמענטן אין זיין לעבן.

עס האָט אים אויסגעזען, ווי מען נעמט אים, אַן אַלטן, אַ קראַנקן און אַן עלנטן און מען וואַרפט אים אַרויס פאַר די הייפיש אין ים אַריין.

און ער האָט אַלץ געשעפּטשעט פון קישן אַרויס:

„שלעכט, ביטער, שלעכט!..“

## קאַפּיטל פינף.

די הכנות צום אָפּפאָר, עס טומלט און עס רודערט זיך און מען פאָרט דאָך אוועק בשלום.

קוים איז די זאַך באַשלאָסן געוואָרן, העלפן דאָך נישט קיין קשיות. און דער יונגער גאָדפריי האָט באַשלאָסן, אַז איידער ער גייט מאַכן די שווערע נסיעה איבערן לעבן, וואָס הייסט אויפן פּשוטן מענטשלעכן לשון חתונה האָבן, נעמען אַ ווייב, מוז ער פריער מאַכן אַ נסיעה איבער דער וועלט, און אויב מעגלעך — אַ נסיעה אַרום דער וועלט, וואָס שמעקט שוין אַ ביסל מיט סכנות נפשות.

צי טוט ער גוט, צי גלייך? דערויף איז דערווייל שווער צו ענטפערן. מיר וועלן זען, וואָס די צייט וועט שפּעטער זאָגן.

די צייט איז דער בעסטער ריכטער, און ביי איר קען מען

געפינען אַ קלאָרן תּירוץ אויף אַלע שווערע און פאַרפּלאָנטערטע קשיות.

פינאַ, די גאָלדהאָריקע פינאַ מיט די שוואַרצע אויגן, האָט זיך געמאַכט האַרץ און האָט זיך געשטאַרקט.

נאָכמער — זי האָט אים עפּטער אויפגעמונטערט.

„פאָר", — האָט זי געזאָגט, — „און איך וועל וואַרטן. איך בין זיכער, אַז וועסט קומען צוריק געזונט און פריש און וועסט קענען, ווי געהעריק, אָפּשאַצן מיין ליבע. צוליב ליבע טוט מען אַלץ. מען גייט אויף די גרעסטע קרבנות.."

נו, און טאַרטעלעטן איז שוין גאָרנישט געווען צו דערקענען. דערדאָזיקער אויסגעדינטער טענצער האָט שוין געפילט דעם ים אונטער די פיס, און האָט זיך אַזוי אַרומגעוויגט איבער דער גלאַנציקער פּאָדלאָגע פון דעם מיליאָנערס פּאַלאַץ, אַז עס איז ממש געווען אַ רחמנות צו קוקן אויף אים. מען האָט געזען בחוש, ווי ער טרינקט זיך אויף דער פעסטער יבשה...

דער מיליאָנער, ווידער, האָט בכלל איצט ווייניק גערעדט. ער האָט פאַרפּרעסט די ליפּן און געשוויגן. מען האָט געקענט מיינען, אַז ער איז זייער | צופרידן מיט דעם פּלימעניקס איינפאַל. אָבער אַזוי ווי כמעט יעדער מענטש האָט אַ נטיה צו שעפּטשען פאַר זיך, בעת קיינער זעט אים נישט, האָבן טאַקע די ווענט פון זיין קאַבינעט נישט איינמאָל געהערט, ווי ער האָט גערעדט צו זיך, ווי צו אַ פרעמדן און בעת מעשה שטאַרק געמאַכט מיט די הענט:

„דו ווילסט דאָך אַוועקפאָרן, יונגאַטש איינער, טאָ פאָר דיר געזונטערהייט! איך וועל דיך נישט אָפּהאַלטן. איך האָב פיינט אָפּצוהאַלטן אַ מענטשן, בשעת ער וויל דורכאויס טאָן אַ נאַרישקייט... יאָ, זאָל אים די נאַרישייט אַליין דערנאָך גוט אויספּאַטשן די באַקן און אָנלערנען ווי זיך צו פירן... אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט איצט געווען גליקלעך: אַ יונג שיין מיידעלע אוצרות



מיט געלט, פאַרגעניגן, פרייהייט... האָב חתונה, יונגאַטש איינער, דו וועסט דאָך משוגע ווערן פון גליק!.. איז אָבער ניין, ער וויל נישט! נו, און אַז ער וויל נישט, דאַרף מען ניט, זאָל ער טאַקע טאָן, וואָס ער וויל! מיר וועלן זען, ווער עס וועט נאָכדעם חרטה האָבן!.."

אַזוי, בזה הלשון האָט דער מיליאָנער געשעפּטשעט פאַר די ווענט פון זיין קאַבינעט, אָבער אַז ער איז אַרויס צו די קינדער, האָט ער אַרויפגעצויגן אַ פריינטלעכע מינע אויפן פּנים און האָט נישט גערעדט פון דער נסיעה.

און אָט האָבן זיך אָנגעהייבן די הכנות. מען האָט זיך גענומען פּאַקן אין וועג אַריין. דער מאַרשרוט איז נאָך אָבער נישט אויסגעאַרבעט געוואָרן. ווּהין אייגנטלעך פאָרט דער יונגער גאָדפרייי? קיין מזרח? קיין מערב? קיין צפון? קיין דרום?

אָך, דער יונג האָט געהאַט טויזנט אָפענע וועגן.

ער האָט געקענט פאָרן קיין אייראָפּע גלייך מיטן ים פון סאַן־פראַנציסקאָ און ער האָט געקענט פאָרן מיט דער באַן קיין ניו־יאָרק און פון דאָרט מיט אַ שיף קיין אייראָפּע. אָדער ער האָט געקענט פאָרן דירעקט קיין אַפריקע און פון דאָרטן מאַכן די התחלה פון זיין נסיעה אַרום דער וועלט.

ווען עס פאָרט אַ געוויינלעכער מענטש, וואָלט אים די פראַגע וועגן מאַרשרוט לאַנג נישט געפּייניקט. ער וואָלט שוין לכתחילה באַשטימט דעם מאַרשרוט און מיט דער זאַך איז געענדיקט.

אָבער דאָ איז געפאָרן אַ יורש פון אַ מיליאָנער, וואָס די גאַנצע וועלט איז געלעגן פאַרפּלאָנטערט אין נעץ פון זיינע געשעפטן, און דעריבער איז נאָך אַלץ נישט געווען קלאָר, ווי אַזוי און ווּהין דער יונגער גאָדפרייי וועט אַרויספאָרן פון סאַן־פראַנציסקאָ.

ווילי‍אַם קאָלדערופּ האָט דורכאויס געוואָלט, אַז דער פּלי־מעניק זאָל אַרויספאָרן מיט איינער פון זיינע הונדערטער שיפן, וואָס גייען אין אַלע עקן פון דער וועלט. צי פּאַסט עס פאַר אים, פאַר קאָלדערופן, אַז זיין יורש זאָל אַרויספאָרן מיט אַ שיף פון אַ פרעמדער קאָמפּאַניע און זאָל פאָרן אין דער געזעלשאַפט פון פרעמדע אומבאַקאַנטע מענטשן, מעגלעך, שווינדלער, פאַרפירער און באַנדיטן?

גאָדפריי האָט אים אַפילו נישט זיכער אַ פרעג געטאָן:

„צו וואָס דאַרף איך אַזאַ פּאָמפּע מיט אַזאַ פּאַראַד, פעטער? איך וועל מיך בעסער אַריינזעצן אין אַ שיף פון עפּעס אַ קאָמפּאַניע און וועל בשלום אַרויספאָרן פונדאַנען".

אָבער דער מיליאָנער האָט זיך איינגעשפּאַרט.

„דאָ", — האָט ער געזאָגט, — „וועל איך שוין זיין אַן עקשן! ביזאַהער האָב איך דיר נישט געשטערט. קענסט טאָן, וואָס דו ווילסט. אָבער ביי דער שיף וויל איך דווקא זאָגן אַ דעה... דו וועסט פאָרן מיט מיינער אַ שיף!"

און אויך זיין באַפעל האָט מען גענומען צוגרייטן דעם גרויסן דאַמפּער „דרים", וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע פּרעכטיקע קאַיוטעס און מאָדערנע איינריכטונגען.

דער קאַפּיטאַן פון דעמדאָזיקן דאַמפּער איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי דער גוטבאַקאַנטער ים־וואָלף טירקאָט, אַ מענטש אַ מוטיקער און אַ דרייסטער, וואָס האָט אין זיין לעבן דורכגע־וואַנדערט איבער אַלע ימים און אָקעאַנען און איז אויסגעווען, ווי די וועלט האָט נאָר אַן עק".

דערדאָזיקער עכטער ים־וואָלף האָט „געשפּייט" אויף ים־שטורעמס און ים־געוויטערס, ים־זאַוויערוכעס און ים־פּחד, און ביי אים אַוועקלייגן זיך „אין דרייף" בשעת אַ שטורעם און אַזוי־אַרום איבערוואַרטן „די מהומה" אויפן ים, איז געווען ממש אַ שפּילכל.

פון זיינע פופציק יאָר, וואָס ער לעבט און פּיפּקעט די־



ליולקע אויף גאָטס וועלטל, האָט ער פערציק פאַרבראַכט אויף די ימים און אָקעאַנען. בלויז צען מאָגערע יאָרן האָט ער געשענקט דער יבשה, אויף וועלכער ער האָט נישט געקענט קוקן אָן עקל.

דאָס איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט זיך געניטיקט אין דעם גערויש פון ים, אינם קלאַפּן פונם שיפמאָטאָר, אין דער באַוועגונג אויף דער וואַסער־סטיכיע.

אויף דער יבשה איז ער געווען אומבאַהאָלפן, ווי אַ גאַנדז און איז אַרומגעגאַנגען אויף איר, ווי אַ הינקעדיקער. אויף דער יבשה האט ער עפטער געקרענקט פון מרה־שחורה און עגמת־נפש.

דער עקיפּאַזש פון „דרים" איז אינגאַנצן באַשטאַנען פון אכצן פאַרשוין, חוץ דעם קאַפּיטאַן: אַ געהילף, אַ מעכאַניק, פיר הייצערס און צוועלף מאַטראָזן.

דערדאָזיקער עלעגאַנטער דאַמפּער האָט נאָר געהאַט איין חסרון: ער האָט נישט געקענט גיין שנעל אין אַ שטורעם. דער פאַר אָבער האָט ער געהאַט די מעלה, וואָס די כוואַליעס האָבן קיינמאָל נישט געקענט פאַרגיסן דעם שיפדעק, אַ מעלה, וואָס דעקט בלי שום ספק דעם חסרון.

דער פּראַקטישער מיליאָנער, וואָס האָט פון אַלץ געוואָלט אַרויסציען עפּעס אַ נוצן, האָט אויך דאָ צוגעטראַכט אַ קאָמבינאַציע, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו זיינע אוצרות. אויפן וועג האָט „דרים" געדאַרפט באַזוכן עטלעכע אָפּטיילונגען פון זיין פירמע און איבערגעבן זיי אַ פּאָר בייטיקע אינסטרוקציעס.

אָט די אינסטרוקציעס, וואָס זענען בסוד מיטגעטיילט גע־וואָרן דעם קאַפּיטאַן טירקאָט, האָבן געהאַט אַ גרויסן ווערט פאַרן מיליאָנער. און דאָס אַליין האָט שוין געדעקט די הוצאות פון דער נסיעה.

האָט דאָך טאַקע אָקהערסט, דער שענקער פון סאַן־פראַנ־

ציסקאָ נישט איינמאָל איינגעטענהט מיט זיין שכן דעם קצב, אַ אַ גביר לייגט צו קיין זאַך נישט צו אַפילו דעמאָלט, ווען ער וואַרפט אַרויס געלט אין דרויסן.

„אָט וועסטו זען, ברודערל, אַז אַפילו צו דער נאַרישער אינדזל, וואָס קיינער וויל זיך נישט צורירן צו איר, וועט ער אויך נישט דערלייגן?.. מיט אַ גרויסן גביר איז שוין פון תמיד אָן אַזוי, אַז אַלץ, וואָס ער טוט, אַפילו די גרעסטע נאַרישקייט, ברענגט אים אויך אַריין געלט!.. עס גיסט זיך ביי זיי געלט, גוטער ברודער, ווי ביי אונדז שמוציק וואַסער פון דער פּאָמוניצע...״

דער קאַפּיטאַן טירקאָט האָט אַפילו געבעטן אַ היבשע סומע געלט פאַר דער טרחה, דאָס הייסט פאַרן באַזוכן אין וועג די אָפּטיילונגען פון קאָלדערופּס פירמע, און באַזונדערס נאָך פאַר עפּעס, וואָס איז פאַר אַלעמען געווען אַ סוד, און דער מיליאָנער האָט זיך געדונגען און נישט געוואָלט געבן.

איינמאָל האָבן די שטובמענטשן געהערט, ווי דער קאַפּיטאַן שרייט, ווי אין אַ שטורעם, אין דעם מיליאָנערס קאַבינעט און וויליאַם קאָלדערופּ שרייט אויך, אָבער שוואַכער פון קאַפּיטאַן. דער שט.ב-עולם האָט זיך אַפילו שטאַרק געחידושט: געפינט זיך דאָך דאָ יאָ עפּעס אַ מענטש, וואָס וויל נישט בויגן דעם רוקן פאַרן מיליאָנער און שרייט נאָך העכער פאַר אים. וועגן וואָס מען האָט דאָרט געשריען און גערעדט, איז פאַרבליבן אַ סוד, נאָר געענדיקט האָט זיך דאָרט, קענטיק, אַלץ בשלום, און ווי עס שיינט, האָט דער מיליאָנער נאָכגעגעבן.

עמעץ פון די זייטיקע שטובמענטשן האָט נאָר געהערט, ווי דער קאַפּיטאַן, אַ רויטער, ווי אַ ראַק, האָט, אַרויסגייענדיק פון קאַבינעט, בייז געפּיפּקעט די ליולקע און בעת מעשה שטיל געוואָרטשעט:



„זאָל מיר ברענען דער בויך, אויב איך בין פעיק אויף אַזאַ שטיקל אַרבעט! כאַפּט עס דער וואַטעמאַכער!״

דערמיט האָבן זיך געענדיקט דעם קאַפּיטאַנס וויזיטן אין דעם מיליאָנערס קאַבינעט.

עס האָט זיך אָנגעהייבן אַן אינטענסיווע אַרבעט ביים דאַמפער, וואָרים איצט איז שוין אויף זיכער באַשלאָסן געוואָרן, אַז „דרים“ גייט אַרויס פון סאַן-פראַנציסקאָ אין די ערשטע יוני-טעג. מען האָט געמאָלט און געוואַשן און געפּוצט דעם „דרים“, ווי אַ חתן צו דער חופּה

ביים מיליאָנער אין פּאַלאַץ האָט זיך דערווייל אויך געטומלט. מען האָט געפּאַקט גרויסע נסיעה-פּעק פאַר דעם יונגן קאַפּריזנעם יורש.

עס האָט זיך געטומלט ביים מיליאָנער און עס האָט זיך געטומלט אין האַפן פון סאַן-פראַנציסקאָ.

צווישן די צענדליקער שיפן, וואָס האָבן זיך לייכט געוויגט מיט די הויכע זעגלביימער און קוימענס אויף די וואַסערן פון האַפן, האָט זיך „דרים“ אויסגעטיילט מיט זיין עלעגאַנץ און בלישטשעדיקן לאַק. ער איז געווען דער שענסטער און דער רייכסטער פון זיינע חברים-דאַמפערס.

די ברעג-טרעגער האָבן זיך באַלעקט, קוקנדיק אויף אים. מיט זיין שטאָלצער שיינקייט און פּראַכט האָט ער זיי אַפילו טיילמאָל געשטערט אין דער שווערער טרעגערישער אַרבעט.

אָט האָט איינער פון זיי, אַ בערדיקער מענטש מיט גראָבע פאַרלאַטעטע הויזן, אַראָפּגעשליידערט פון רוקן אַ גרויסן קאַסטן, זיך אויסגעגלייכט און אויסגעווישט דעם שווייס, וואָס האָט אים געבלישטשעט אין די צעשויבערטע האָר פון קאָפּ און זיך אָנגערופן צו נאָך אַ טרעגער, וואָס האָט זיך אויך צוגעשטעלט מיט זיין קאַסטן:

„דזשעק, דו קוק נאָר אָן דאָס דאַמפּערל, ווי עס גלאַנצט און שיינט אויפן וואַסער! אַ פּאַלאַצל, דזשעק, אַ פּאַלאַצל פאַר אַ מלך!.. מען קען גאָרנישט אָפּרייסן די אויגן פון אים!.. איך וואָלט אים געוואָלט אַרומנעמען מיט די הענט, אָט אַזוי אָ, זאָלן מיר ביידע אַזוי לעבן!..״

דזשעק, וואָס האָט זיך אויך אַרומגעווישט דעם שווייס, ווי זיין חבר, האָט אַריינגעשטעקט די אויגן אינם דאַמפּער - פּראַנטל און אַ זאָג געטאָן:

„אַלץ די גבירים! עס איז זיי גוט אויף דער יבשה און עס איז זיי גוט אויפן ים. איך וואָלט מיך געוואָלט אַדורכשלאָפן כאָטש איין נאַכט אין דער ווייכער קאַיוטע פון דאַמפּערל...״

דער קאַפּיטאַן איז געקומען מיט מעכאַניקער און מען האָט גוט אַרומגעזוכט, באַטראַכט און אויסגעפּרוווט די מאַשין מיט די קעסלען. אַלץ איז געווען אין דער בעסטער אָרדענונג. „דרים״ האָט אויך באַקומען אַ קליין מפּיל - קינד — אַ פיין מאָטאָרשיפל, וואָס מיט זיין הילף האָט מען געקענט לייכט און שנעל זיך אַרויפכאַפּן אויף עפּעס אַ יבשה.

מען האָט צוגעגרייט אַ סך „לעבעדיקן פּראָוויאַנט: ציגן, בהמות, שעפּסן. מען האָט זיי געהאַלטן אין אונטערדעק, אין אַ ספּעציעלן שטעלכל, וווּ זיי האָבן באַקומען פרישע לופט און ליכט דורך אַ קונציקן אַפּאַראַטל.

מען האָט אויך געמאַכט גרויסע זאַפּאַסן פון קאָנסערוון, סוכאַרעס, וויינען און שטאַרקן שפּירט.

דעם זעקסטן יוני איז שוין אַלץ געווען גרייט און פאַרטיק אויף דער שיף. זי איז געשטאַנען און געוואַרט אויפן באַפעל פון קאַפּיטאַן.

דעם מאַרשרוט האָט באַשטימט דער קאַפּיטאַן צוזאַמען מיטן מיליאָנער. זיי האָבן דערויף פאַרבראַכט צוויי אָוונטן. קיינער ווייס



ניסט, וואָס זיי האָבן דאָרט שעהנלאַנג געשמועסט. ביידע האָבן זיך עפּעס געוויקלט און געקנוילט אין פאַרדעכטיקע סודות. מען האָט נאָר געוווּסט, אַז די ערשטע סטאַציע, וווּ „דרים״ וועט זיך אָפּשטעלן, וועט זיין אַוקלענד, די הויפּטשטאָט פון ניי - זעלאַנד.

באַטירלעך, ביי אַ שטאַרקן ים - שטורעם אָדער ביי אַנדערע אומפאָרויסגעזעענע סיבות קען מען זיך אָפּשטעלן אויך ערגעץ אַנדערש. דאָ האָט שוין די גאַנצע דעה דער קאַפּיטאַן און ער וועט שוין מסתמא וויסן, וואָס ער האָט צו טאָן.

די אַלע פּרטים זענען גאָדפרייען גאַנץ ווייניק אָנגעגאַנגען. ער האָט גאָרנישט געטראַכט פון זיי. זיינע צעזייטע מחשבות האָבן זיך געצויגן און געצויגן איבער דער וועלט, אין וועלכער ער האָט קיין איין באַשטימטן פונקט נישט געזען. פאַר אים איז געווען וויכטיק, ער זאָל זיך נאָר אַרויסרייסן פון סאַן - פראַנציסקאָ.

שטאַרק געליטן האָט אָבער טאַרטעלעט. ער האָט זיך געפילט, ווי אַ געפאַנגענער, וואָס האָט נישט און קען נישט האָבן קיין אייגענע דעה און אים האָט זיך געדאַכט, אַז מען וויל אים אומישנע פאַרקירצן די יאָרן דורך אומענטשלעכע ענויים און יסורים.

ער האָט געוואָלט וויינען, קלאָגן, פאַלן דעם מיליאָנער צו די פיס, ער זאָל אים נישט טשעפּען און איבערלאָזן, ווי פריער, אין זיין ליב צימערל, וווּ מען קען לאַנג און רויק זיך אויסשלאָפן און נאָכדעם נישט שלעכט צובייסן. פון איין זייט, אָבער, האָט ער זיך געשעמט אַזוינס צו טאָן און פון דער צווייטער זייט, איז עס סתם געווען אַ צו שטאַרקע טאַט און ער האָט דערויף קיין כוח נישט געהאַט.

אַז אַלץ איז שוין געווען גרייט און פאַרטיק אין וועג אַריין, איז פאַרבליבן נאָר איין קלייניקייט: מען האָט זיך געדאַרפט אָפּמענטשלען ביי אַ פאָטאָגראַף. דער גלייכער שכל האָט אונטערגע-

זאָגט, אַז קוים לאָזט זיך אָוועק אַ חתן אין אַזאַ לאַנגער נסיעה, באַדאַרף ער איבערלאָזן זיין בי ד ביי דער כלה, און פאַרקערט: די כלה דאַרף אים אויך מיטגעבן איר בילד אין וועג.

און אָט זענען התן - כלה אין אַ שיינעם פרימאָרגן אַריין צו סטעפּענסאָנען, דעם בעסטן פאָטאָגראַף אויף דער מאַנהאַטמערי-גאַס, און מען האָט זיך געלאָזט אָפּמענטשלען. גאָדפריי האָט זיך פאָטאָגראַפירט אין דעם אַנצוג פון אַ טוריסט און פינאַ אין אירע געוויינלעכע קליידער. זי איז געשטאַנען לייכט און רויק, אָנטרוי-ענדיק דעם פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט איר שיין זוניק פנימל, וואָס איז היינט דווקא געווען אַ ביסל פאַרוואָלקנט...

מיט די פאָטאָגראַפיעס האָט מען אייגנטלעך אויסגעדריקט אַ געוויסן באַלעבאַטישן געדאַנק. דאָס האָט געהייסן, אַז מען צעשיידט זיך נישט, אַז מען איז צוזאַמען: זי האָט זיין בילד, ער האָט איר בילד, און ביידע האָבן זיך עפּטער פאַר די אויגן כאָטש שטומערהייט...

דעם נײַנטן יוני זענען שוין אויך געווען פאַרטיק „דרימס" פּאַפּירן מיט די גרויסע שטעמפּלען און מיט דער פעטער אָנווייזונג צו וועמען ער געהערט און אַפילו מיטן אַסעקוראַנץ - פּאָליס. אַלץ, אַלץ איז שוין געלעגן ביים קאַפּיטאַן אין קעשענע.

די ליבע פינאַ האָט זיך פּלוצלונג געכאַפּט, אַז מען האָט אויך געדאַרפט פאָטאָגראַפירן טאַרטעלעטן, דעם טאַנצפּראָפעסאָר. אמת, ער איז נישט קיין חתן און וועט עס שוין מסתמא אויך קיינמאָל נישט זיין, פונדעסטוועגן וואָלט גאָרנישט געשאַדט, אַז זיינס אַ בילד זאָל פאַרבלייבן אין מיליאָנערס פּאַלאַץ. מען פאָרט דאָך אַזאַ וועג, אַזאַ לאַנגן וועג, און קיינער קען גאָרנישט וויסן, וואָס דער מאָרגן וועט אים ברענגען. זי, פינאַ, איז בעצם גאָר-נישט פּעסימיסטיש געשטימט און שרעקט זיך נישט פאַר דער-דאָזיקער נסיעה, אָבער זי האַלט עס פאַר אַ ריין מענטשלעכע זאַך צו לאָזן



אָפּפּאָטאָגראַפירן דעם בידנעם טאַנצפּראָפעסאָר. ווי דאָס איז, איז ער דאָך געווען דורות-לאַנג דער לערער פון טענץ און פון שיינע מאַניערן אין סאַן - פראַנציסקאָ.

מען האָט איינגעפונען, אַז די יונגע מיס רעדט צו דער זאַך און מען האָט אַוועקגעשלעפּט טאַרטעלעטן צו סטעפּענסאָנען אויף דער מאַנהאַטמערי - גאַס. דאָ האָט זיך אָבער אָנגעהייבן זייער אַ שווערע אַרבעט פאַרן געשיקטן און באַוועגלעכן סטעפּענסאָנען. די סיבה דערפון איז געווען אַ גאַנץ פּשוטע: דער טאַנצפּראָפעסאָר טאַרטעלעט האָט, מחילה, נישט געקענט שטיין אומבאַוועגלעך אויף זיינע קראַנקע אויסגעטאַנצטע פיס. ער האָט זיך אַרומגעשאָקלט אויף זיי, ווי אויף צוויי דינע שטרויעלעך...

דער טאַנצפּראָפעסאָר, וואָס האָט אַ לעבן לאַנג געלערנט דעם עולם שיינע מאַניערן, האָט זיך נישט געקענט מוחל זיין זיינע צרהדיקע פיס, וואָס פאַרשאַפן אים גרויסע בזיונות און לייטיש געלעכטער. לויט זיין תורה פון שיינע מאַניערן, באַדאַרף אַ מענטש שטיין גלייך אויף די פיס מיט אַ ווירדיקער מינע אויפן פנים, און דאָ שטייט ער, דער לערער אַליין, אין אַ מיאוסער סתירה צו זיין תורה פון שיינע מאַניערן. דער לערער אַליין קען גאָרנישט שטיין אויף די פיס.

עס איז, נאַטירלעך, איבעריק צו זאָגן, אַז דער טאַנצפּראָ-פעסאָר האָט זיך, נעבעך, לגמרי פאַרלאָרן, אַז דאָס צעקנייטשטע פנים זיינס, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַן אַלטער קאַפּעלוש, איז פאַרלאָפן געוואָרן מיט גרויסע רויטע פרישטשיקלעך פון אויפרעגונג און עגמת - נפש און אַז אים האָט זיך הונדערט מאָל אין אַ רגע געוואָלט בעסער שטאַרבן, איידער צו הערן יעדעס מאָל פון דער פאַסקודנער, נישט דערצויגענער בריאה, דעם פאָטאָגראַף, די-דאָזיקע ווערטער

„איר וועט אַזוי גוט זיין, הער פּראָפעסאָר, און זיך בעסער אײַנשטעלן אויף די פיס... דאָס איז אַ פראַגע, קענטיק, פון פיס... אַזוי האַלט איר זיך, קענטיק, נישט שלעכט...״

טאַרטעלעט האָט געמוזט שווייגן.

שטיין אויף די פיס האָט ער אָבער דאָך נישט געקענט. ער האָט זיך געמוזט אומוויגן אויף זיי, און אַז מען וויגט זיך אום, קען מען, ווי באַוווּסט, זיך נישט פאָטאָגראַפירן.

סטעפענסאָן האָט געשוויצט און געאַרבעט און געשריען און געלערנט דעם בידנעם טאַרטעלעטן, ווי צו שטיין... דערדאָזיקער אומדערצויגענער מענטש וואָלט שוין לאַנג אַרויסגעשליידערט דעם טאַנצפּראָפעסאָר פון זיין אַטעליע, ווען דער לעצטער וואָלט נישט זיין פאַרבונדן דורך גאַנץ אייגנאַרטיקע פעדעם מיטן מיליאָנער׳ און פאַרן מיליאָנער ה״ט ער מורא געהאַט.

דער סוף איז געווען זייער אַ טריבער: דער פאָטאָגראַפישער אַפּאַראַט האָט בשום אופן נישט געקענט אויפכאַפּן און פאַראייביקן די מראה פון דעם טאַנצפּראָפעסאָר. יעדעס מאָל, ווען ער האָט עס געפּרוווט טאָן, האָט זיך באַקומען אַ קאַשע, עפּעס א שוואַרצער שאָטן, מיט אַ געל פּאַסיקל ליכט, ביז דער אומדערצויגענער מענטש, דערדאָזיקער סטעפענסאָן האָט נישט געקענט מער אויסהאַלטן און האָט אויסגעשריען אויף דער גאַנצער אַטעליע:

„מיט אַזוינע פיס, מיין הער, פאָטאָגראַפירט מען זיך נישט!.. אַרויסגעוואָרפן אַזויפיל מי און אַרבעט!..״

אַך, טאַרטעלעט איז אַרויס פון אַטעליע מיט אַ בליענדיק פּנים פון רויטע פרישטשיקלעך און געגאַנגען איז ער אַזוי שלעכט און צרהדיק, אַז מען האָט אים געמוזט אונטערהאַלטן ביים אָרעם. ער איז געגאַנגען און געטשאַפּעט איבער דער גאַס נישט ווי מיט פיס, נאָר ווי מיט שטרויעלעך און האָט בעת מעשה געוויינט נישט מיט די אויגן, נאָר טיף מיטן האַרץ.



יאָ, די מענטשן זענען באמת נישט דערצויגן און גראָב, אַז זיי האָבן געקענט אַזױ פאַרפייניקן און דערשלאָגן אַ מענטשן, אַן אומשולדיקן מענטשן, וואָס האָט אין דערדאָזיקער פריסקאָ אַוועק־געגעבן זיינע בעסטע כוחות און טאַלענטן, צו דערציען אַ דור אין שיינע מאַניערן און פיינע טענץ!

מען מוז אָדער מודה זיין, אַז דער טאנצפּראָפעסאָר האָט נאָכדעם א ביסל פארגעסן אין זיינע יסורים, וואָרים אין דעם איי־גענעם טאָג האָט מען געפּראַוועט ביים מיליאָנער אַ געזעגן־סעודהלע מיט שאַמפּאַניער, און הגם טאַרטעלעט האָט אַמאָל געשריבן אין דער באַקאַנטער כאַראַקטעריסטיק [צו דער כלה, אַז ער האָט בעצם פיינט אלע מינים משקאות, האָט ער דאָסמאָל דעם הויכן שאַמ־פּאַניער־באָקאל נישט אַרויסגעלאָזט פון דער דאַרער האַנט און האָט כסדר געגאָסן אין זיך, ווי אַן עכט גר פּיאַק.

קיין געזונטע פיס האָט מען דערצו נישט באַדאַרפט האָבן, ווייל ער איז בעת מעשה געזעסן אין אַ ווייכן פאָטעל.

איבעריקנס, האָבן אַלע נישט ווייניק געטרונקען. דער יונגער גאָדפריי האָט געטרונקען, ווייל ער האָט זיך דערמאָנט, אַז פון זיין שיינעם נסיעה־חלום ווערט האַרבער וואָר, וואָס איז פאַרבונדן מיט געפאַר, און אַז ער וועט זיך דאָך מוזן צעשיידן מיט דער ליבער מיס, וואָס האָט גאָלדענע האָר און שוואַרצע אויגן.

דער מיליאָנער האָט געשוויגן.

ווער ווייס, וואָס פאַר אַ רעיונות עס האָבן זיך אַרומגעיאָגט אונטער זיין ברייטן האַרטן שטערן?

ער האָט געטרונקען, צוגעוווּנטשן דעם פּלימעניק א גל. עכן וועג און מער האָט מען פון אים קיין וואָרט נישט געהערט

מיס פינאַ האָט זיך געהאַלטן שטאַרק און פעסט. זי האָט מיט קיין איין באַוועגונג נישט אַרויסגעגעבן דעם צער פון איר יונג־מיידלש האַרץ, און אפילו דעמאָלט, ווען גאָדפריי האָט זיך

אָנגעבויגן צו איר אויף זיינע לאַנגע פיס און אָנגעקלאַפּט מיט זיין באָקאַל אָן אירן, אַריינקוקנדיק איר טיף אין די אויגן אַריין, איז זי אויך געבליבן זיצן אויסערלעך קאַלט און רויק.

גאָדפריי האָט געזאָגט:

„נו, פינאַ, מיר געזעגענען זיך... איך בין זיכער, אַז איך וועל קומען צוריק בשלום און מיר וועלן פּראַווען אַ פריילעכע חתונה... איך זע נישט איין, מיין טייערע, אַז עפּעס זאָל אונדז קענען שטערן דערין... די נסיעה איז אַ נסיעה און די חתונה איז אַ חתונה!..“

„דו האָסט שוין געזאָגט אויך פאַר מיר“, — האָט מיס פינאַ געענטפערט, האַלטנדיק מיטן שמאָלן הענטל איר באָקאַל. — „אַלץ וועט זיך, נאַטירלעך, גוט ענדיקן און דו וועסט קומען בשלום...“

„און דו וועסט וואַרטן אויף מיר?“ — האָט ער שטיל געפרעגט.

„און איך וועל וואַרטן אויף דיר“, — האָט זי נאָך שטילער געענטפערט.

צולעצט האָט מען זיך מיט גרויס פּאַראַד אַריבערגעפּעקלט פון דעם מיליאָנערס פּאַלאַצל אין האַפן און פון האַפן אויפן „דרים“.

עס איז געווען אַ פייערלעכער מאָמענט.

דער קאַפּיטאַן, שטאַרק פאַרשמייעט און פאַרטאַראַראַמט, האָט כּס־ר צוגעוואָרפן די מאַטראָזן קורצע באַפעלן. מען האָט אָנגעצויגן שטריק, דער מאָטאָר האָט געקלאַפּט.

מען האָט זיך גענומען געזעגענען און דריקן איינאַנדער די הענט און קושן אויפן שיפדעק. נאָכדעם זענען די באַגלייטער אַראָפּ אויפן ברעג און מען האָט גענומען צו איינאַנדער פאָכן מיט ווייסע טיכלעך.

גאָדפריי, אַ לאַנגער, מיט אַ הויך אויסגעצויגענער האַנט,



אין וועלכער עס האָט געפלאַטערט אַ ווייט טיכל, ווי אַ פאָן, האָט געשריען צום ברעג:

„זיי מיר געזונט, פינאַ!“

און דאָס מיידל האָט אים געענטפערט:

„כאר מיר געזונט, גאָדפריי!“

„צום ווידערזען!“

„צום ווידערזען!“

דער מיליאָנער האָט געשריען:

„אַ גליקלעכן וועג, גאָדפריי!“

דער פלימעניק האָט אים צוגעפאָכט מיטן טיכל און געשריען

„צום ווידערזען, פעטער!“

אינמיטן איז וואַקלענדיק צוגעשווומען צום פאָרענץ פון שיפדעק דאָס פרישטשעוואַטע פּנים פון טאַנצפּראָפעסאָר און עס האָט זיך געבוקט און געניגט פון ווייטן און געטשאַמקעט:

„זייט מיר געזונט, הער קאָלדערופּ! צום ווידערזען, מיס פינאַ!“

טאַרטעלעט האָט געזוכט אין די קעשענעס אַ טיכל צום פאָכן און האָט נישט געקענט געפינען: די הענט האָבן איצט אויך אַזוי נישט געדינט, ווי זיינע פיס. פאַר אין ברירה האָט ער בלויז געפאָכט מיטן קאָפּ, געשאָקלט עס און אומגעוויגט אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ...

דער זייטיקער עולם אויפן ברעג איז געשטאַנען מיט אויסגעצויגענע העלדזער און אָפענע מיילער. זיי האָבן געגלאָצט אויף מעכטיקן מיליאָנער און אויפן פראַנטישן דאַמפער.

צווישן די צוקוקער זענען אומגעשווומען אַנטציקטע ווערטער:

„קוק נאָר אָן קאָלדערופן! זע, ווי ער שטייט! וואָס פעלט אים?“

„דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט!“

„מיליאנע אויף מיליאָנען אין מיליאָנען!..״

„ער דאַרף אפנים, נישט דאגהן און דאַרן זיך דעם קאָפּ אויף אַ מיטאָג!..״

„ער דאַרף קיין זעק נישט שלעפּן!״

„קיין אַלטע, קראַנקע מוידן נישט אויסגעבן!״

„קיין דירה - געלט נישט צאָלן!..״

„קיין נויט נישט וויסן!״

„אַך, ווי אים איז גוט! איך בין מקנא. אַפילו די קנעפּלעך פון זיין מאַרינאַרקע!..״

דער דאַמפּער האָט זיך גענומען אויסדרייען. אַ שאַרפער פייף האָט פאַרהילכט די לופט, די רעדער האָבן גענומען שטויסן דאָס וואסער. דער לאַק פון דער שיף האָט פריילעך געגלאַנצט אויף דער זון.

„נו, צום ווידערזען!״ — האָט דער מיליאָנער צום לעצטן מאָל אויסגערופן און אַ פאָך געטאָן מיטן טיכל.

אין א ווײַלע ארום האָט ער אַ זאָג געטאָן צו דעם יונגן מיידל:

„מיר גייען, פינא. גענוג דאָ צו שטיין״.

גייענדיק אהיים, האָט פינאַ אַ פאָר מאָל זיך אויסגעדרייט מיטן פנים צום ים. די שיף איז נישט געגאַנגען, נאָר אזוי ווי לייכט און גראַציעז געטאַנצט איבער די ברייטע, נידעריקע און מאַסיווע כוואַליעס פון ים, און די זון האָט געשפּילט אויף איר גלאַנציקן לאַק, ווי אויף אַ שפּיגל.

## קאַפּיטל זעקס.

דער לעזער מאַכט ביסלעכווייז נייע באַקאַנטשאַפטן און האָט אויך פאַר די־ אויגן די אַלטע באַקאַנטע.

די שיף איז געגאַנגען אין ים. דער קאַפּיטאַן איז איצט געווע־ דער פולשטענדיקער מושל אויפן „דרים״.

דער טאַנצפּראָפעסאָר טאַרטעלעט איז געקומען צו זיך. ער־ איז געווען כאָטש גליקלעך דערמיט, וואָס ער קען זיצן און דאַרף נישט שטיין אויף די אַלטע צרהדיקע אויסגעטאַנצטע פיס. און זיצנדיק אזוי אויפן שיפדעק (אין גרויס פחד און אַנגסט), איז אים פלוצלונג איינגעפאַלן אַ געניאַלער געדאַנק. ער האָט זיך אָנגערופ צו דעם יונגן מיליאָנער

„גאָדפריי, מיין טייערער, האָרך, וואָס איך וועל דיר זאָגן: יעדע נסיעה האָט אַן אָנהייב. אָבער וויכטיק, מיין טייערער, א־

נישט דער אָנהייב. נאָר דער סוף, ווי אַזוי די נסיעה ענדיקט זיך!..״

גאָדפריי האָט געשמייכלט. ער האָט זיך אויפגעהייבן און איז אַריין צו זיך אין קאַיוטע.

דאָס איז געווען אַ פּרעכטיק צימערל, פיין מעבלירט, מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. ער האָט דאָ געהאַט אַ לייכטע קאָזעטקע, באַצויגן מיט טונקל-ברוינעם סאַמעט, אַ שרייבטיש פון רויטן האָלץ, אַ שיינע בעט, אַ גרויסן שפּיגל אין אַ ברוין-גאָלדענער ראָם, אַ וואַשטישל און אַ געשניצט שאַפעלע פאַר ביכער.

אויף דער וואַנט איז געהאָנגען אַ גרויס בילד פון זיין כלה, און אירע אויגן האָבן אים כסדר נאָכגעקוקט, פונקט ווי זיי וואָלטן זיך באַוועגט.

א רייב געטאָן אַ האַנט אָן אַ האַנט, האָט ער זיך צוגעזעצט צום שרייב-טיש און האָט גענומען שמייכלען. דערווייל האָט ער זיך געפילט אויסגעצייכנט.

ער האָט אָבער נישט געהאַט וואָס צו טאָן, האָט ער זיך צוריק אויפגעהייבן און איז אַרויף אויפן שיפדעק.

דער טאַנצפּראָפעסאָר איז געזעסן און געדרעמלט. זיין קאַיוטע איז שוין נישט געווען אַזאַ געהייבענע, ווי גאָדפרייס. דער טאַנצפּראָפעסאָר האָט געהאַט אַ קליינטשיק צימערל מיט אַ האַרט בעטל, וואָס האָט אים פאַרשאַפט גרויס עגמת-נפש. אמת, קיין גלייכקייט קען נישט זיין אויף דער וועלט. אַן אָרעמער טאַרטעלעט קען נישט פאַרלאַנגען דאָס, וואָס עס פאַרגינט זיך אַ קאָלדערופּ, צי אַ גאָדפריי, אָבער פונדעסטוועגן איז מען דאָך עפּעס מענטשן, און מען האָט געדאַרפט מיט מער האַרץ באַהאַנדלען דעם עלנטן פּראָפעסאָר. אין זיינע יאָרן האָט מען אים בכלל נישט געטאָרט באַשטימען פאַר אַ באַגלייטער, אָבער קוים האָט מען עס שוין יאָ געטאָן (און



דאָס איז אָך אַן עוולה) האָט מען אים כאָטש געדאַרפט באַזאָרגן מיט אַ לייטעשער קאַיוטע.

אַזוי האָט טאַרטעלעט געטראַכט, איידער ער האָט איינגעדרעמלט.

ער האָט געהאַט גרויסע טענות צו דער וועלט, אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז קיינער וויל זיך נישט צוהערן צו זיי. מענטשן האָבן קאַלטע שטיינערנע הערצער און דעם צווייטנס נויט גייט זיי נישט אָן.

די שיף האָט מונטער געשניטן די כוואַליעס, איז געגאַנגען גלייכט פאָרויס, און די מאַטראָזן זענען געווען אויסגערוטע בראַווע יונגען מיט ברייטע אַקסלען. זיי האָבן עפּטער געלאַכט, און די גאַנצע נסיעה האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ שפּאַציר, וואָס דאַרף געדויערן בלויז אַ פּאָר שעה.

עס איז געווען אַ שיינער טאָג, אַ ליכטיקע זון, אַ בלויער הימל, אַ שטילער ים.

די שיף איז געגאַנגען אין דער דרום-מערבדיקער ריכטונג, און ביסלעכוויז איז אַנטרונען געוואָרן פון די אויגן דער ברעג מיט זיין טומלדיקן האַפן און מיט זיין געדיכטער נעץ פון שיפן.

אַז מען האָט זיך געזעצט עסן צום טיש, וואָס האָט געהייסן „וו י ג ט י ש״, איז טאַרטעלעט, מחילה, דריי מאָל אומגעפאַלן, ביז צוויי מאַטראָזן האָבן זיך דערבאַרעמט איבער אים און מען האָט אים ווי עס איז איינגעפּעסטיקט ביים טיש.

„נו, וואָס איז דאָס פאַר אַ לעבן?״ — האָט ער זיך שטיל געקלאָגט. — „אַ מענטשן איז געגעבן געוואָרן יבשה און אַ פיש — וואַסער. וואָס האָבן מיר צו טאָן מיט וואַסער, פרעג איך?״

„נישקשה, עס וועט זיין גוט?״ — האָט אים געטרייסט דער יונגער מיליאָנער.

„מיטן עסן איז דאָך אָבער אַן אַפּקומעניש, מיין טייערער״,— האָט דער טאַנצפּראָפעסאָר זיך ווידער געקלאָגט. — „איר האָט שוין געזען אַן אומגליק: איך טרעף נישט מ'יטן לעפל אין מויל אַריין... אַז אַלץ שאָקלט זיך און וויגט זיך...״

„איר וועט אייך צוגעוויינען״, — האָט אים גאָדפריי אַ גלעט געטאָן ביים אַקסל.

„כ'מיין, מען וועט זיך מוזן צוגעוויינען...״ — האָט טאַרטע־לעט געזאָגט, ראַנגלענדיק זיך מיטן לעפל, וואָס האָט דווקא, אויף צולהכעיס, געטראָפן צו דער לאַנגער אויסגעצויגענער נאָז און נישט צום מויל. — „איך האָב עפּעס אַן אנדער ברירה? אַ מענטש, מיין איך, קען דאָך נישט לעבן אָן עסן...״

גאָדפריי האָט גוטמוטיק געלאַכט.

געלאַכט האָבן אויך די מאַטראָזן. איינער פון זיי איז אַפילו געווען אַ בעלן אָנצוקאָרמענען דעם אַלטן פּראָפעסאָר. תּחילת האָט זיך טאַרטעלעט אָפּגעזאָגט פון פרעמדער הילף. ער האָט זיך פּשוט געשעמט. פאַר א לערער פון גראַנציע און שיינע מאַניערן א' דאָס, נאַטירלעך, געווען א שטיקל בזיון. וואָס הייסט, מען וועט אים קאָרמענען, ווי מען קאָרמעט אַ קינד, וואָס האָט נאָך בכלל קיין מאַניערן נישט? אָבער דער טעלער מיטן פרישן און פּיי־שמעקעדיקן אינדיק־בוליאָן האָט אַזוי צערטלעך און קלוג גערעדט צו דעם פאַרשמאַכטן האַרץ פונם טאַנצפּראָפעסאָר, אַז ער האָט נאָכגעגעבן און האָט זיך געלאָזט קאָרמענען...

נאָך יעדן לעפל, וואָס דער מאַטראָז האָט אים אַריינגעגאָסן אין האַלב איינגעפאַלענעם מויל אַריין, האָט ער אַ ציי געטאָן מיט די ליפּן און צוגעטשאַמקעט:

„אי, גוט... אַי, ווויל, אויסגעצייכנט!..״

עס זענען אריבערגעלאָפן צוויי טעג, און מען האָט זיי כמעט נישט באַמערקט. אויף זיי קען מען באמת זאָגן, אַז זיי זענען



אַ ר י ב ע ר ג ע ל אָ פ ן. אויפן „דרים״ איז געווען רויק, געמיטלעך ריין, זויבער, און ווען נישט דער מאָטאָר, וואָס האָט געקלאַפּט אין די אויערן, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז מען פאַרברענגט די צייט ערגעץ אין אַ קליין שיין פּאַלאַצל.

דידאָזיקע רויקייט און געמיטלעכקייט האָט אָבער עטוואָס פאַרדאָרבן דער קאַפּיטאַן מיט זיין צו ערנסטער מינע. עפּעס איז ער געווען אומרויִק, האָט עפטער געקוקט אויפן הימל, אויף ד' האָריזאָנטן, נאָכדעם אויפן קאָמפּאַס, און לעצטנס האָט ער זיך גאָר פאַרשלאָסן מיט זיין געהילף ביי זיך אין קאַיוטע, און וואָס מען האָט דאָרט געטאָן אָדער געשמועסט, האָט קיינער נישט געוווּסט.

טיילמאָל, באַזונדערס ביינאַכט, האָט „דרים״ גענומען אַן אַנדער קורס און איז אַוועק אין אן אַנדער ריכטונג. פאַר אַ זעגל־שיף, וואָס איז אָפּגעהאָנגען פון ווינט, איז עס אַ נאַטירלעכע זאַך אָבער פאַר אַ פרעכטיקן דאַמפער מיט אַ שטאַרקן מאַטאָר, איז עס שוין אַ ביסל צו קשהדיק.

די פּאַסאַזשירן האָבן עס אָבער נישט באַמערקט. גאָדפריי איז געווען גליקלעך. ער האָט געפילט, אַז מיט דער נסיעה הייבט זיך אָן פאַר אים אַ ניי און אינטערעסאַנט לעבן. ער האָט זיך איצט דערמאָנט אין סאַן־פראַנציסקאָ, אין דעם פעטערס פּאַלאַץ, ווו די רייכקייט האָט דערשטיקט די שמחה און דעם אַפּעטיט צום לעבן.

אין דעמדאָזיקן אומעטיקן פּאַלאַץ האָט טאַקע נאָר געקענט לעבן דער פעטער, וואָס אויסער זיינע קאָלאָסאַלע געשעפטן, האָט ער נישט קיין אַנדערע אינטערעסן. זיין אויג זעט נאָר ציפער, זיין מוח טראַכט נאָר וועגן קאָמבינאַציעס און שפּעקולאַציעס. מיט זיי פילט ער אויס דאָס גאַנצע לעבן זיינס.

דער יונגער גאָדפריי האָט טאַקע עפטער געטראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי, אַ שטייגער, האָט דער פעטער פאַרבראַכט זיינע

יונגע יאָרן? ווער זײַנען געווען זײַנע חברים? צי האָט ער זיך פיל־ווייניק געלערנט? צי האָט ער געהאַט אַ אינטערעס פאַר אַ בוך? בלאָנדזשענדיק מיטן רעיון אין דידאָזיקע פראַגן, האָט דעם יונגן גאָדפריי אויסגעוויזן, אַז דער פעטער האָט קיינמאָל נישט געקענט זײַן אַנדערש, ווי ער איז איצט, און אַז ער האָט נאָך אַוודאי אין די וויקעלעך געמוזט מאַכן פאַרשידענע סוחרישע שפּעקולאַציעס...

דער פעטער האָט אים טאַקע אַמאָל אַ זאָג געטאָן, ווי פאַרבײַגייענדיק:

„די וועלט, גאָדפריי, איז אַ מאַרק. אַ גרויסער האַנדלס־פּונקט... מען קויפט און מען פאַרקויפט. מען דינגט זיך און מען האַנדלט און מען שפּעקולירט. און אויף אַ מאַרק טאָר מען נישט חלומען... פאַרשטייסט, גאָדפריי?"

גאָדפריי האָט אים דעמאָלט געענטפערט:

„נישט אינגאַנצן, פעטער... פאַראַן מוזיק, קונסט, ביכער... דאָ דאַרף מען דאָך אַוודאי חלומען... שוין זשע האָבן זיי אויך צו טאָן מיטן מאַרק?"

„אַ מאַרק! אַ מאַרק!" — האָט דער פעטער זיך צושריען. — „זיי זענען דיזעלבע סוחרים, ווי מיר!.. וואָס דו זאָלסט נישט זען, גאָדפריי, צי אַ בוך, צי אַ בילד, צי עפּעס אַנדערש פון דעם מין — אַלץ איז בלויז מ אַ ר ק, געלט, האַנדל, קויף און פאַרקויף!.. אַפילו אידעאַלן זענען געלט, מאַרק, קויף און פאַרקויף..."

איצט האָט זיך גאָדפריי אויסגערוט פון דידאָזיקע כילאָזאָפיעס, פון דעם ריח פון געלט. יאָ, מעגלעך, אַז דער פעטער איז גערעכט, אָבער כל זמן מען איז נאָך יונג, קען מען זיך אָפּגעבן מיט אַנדערע אינטערעסן. מען קען איבערטרעטן דעם גדר פון דעם פעטערס פּראָזאַישע פילאָזאָפיעס. און קודם כל — מען דאַרף זען די וועלט!



סאַן־פראַנציסקאָ איז נישט מער ווי אַ קליינטשיק פּינטעלע אויף דער ערדקויל, מען דאַרף זען די גאַנצע ערדקויל.

די שיף איז זיך רויק געגאַנגען, די רעדער האָבן געשטויסן די כוואַליעס, דער מאָטאָר האָט פריילעך געקלאַפּט. קיין שום נייס האָט נישט פּאַסירט.

דעם 15־טן יוני אָבער איז דאָך געשען אויפן „דרים" עפּעס אומגעוויינלעכס.

קאַפּיטאַן טירקאָט, זײַן געהילף און גאָדפריי האָבן זיך אַוועקגעזעצט פרישטיקן, און ווי עס טרעפט על פּי רוב אין אַזאַ פאַל, האָט מען בעתן פרישטיק געמיטלעך געשמועסט. די זון האָט פאַרגאָסן דעם ים מיט גאָלד, דער בלויער הימל האָט זיך ארומגעוויגט אויף די כוואַליעס.

אַ דיקער מאַטראָז איז פּלוצלונג צוגעגאַנגען צום טיש.

„הער קאַפּיטאַן!" — האָט ער אַ זאָג געטאָן נישט זיכער.

„וואָס איז געשען?" — האָט דער קאַפּיטאַן געפרעגט און אַוועקגעלייגט דעם גאָפּל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט.

דער מאַטראָז האָט געמורמלט:

„אַ כינעזער..."

„אַ כינעזער?"

„נו, יאָ, אַ כינעזער?"

דער קאַפּיטאַן האָט שטרענג געזאָגט:

„רעד ווערטער, וואָס מיינסטו דערמיט?"

דער מאַטראָז האָט זיך אָפּגעהוסט און געזאָגט:

„מיר האָבן געפּאַקט אַ כינעזער אין אונטערדעק!.."

דער קאַפּיטאַן האָט רויק איבערגעחזרט די לעצטע ווערטער פון מאַטראָז:

„געפּאַקט אַ כינעזער אין אונטערדעק! אַ שיינע מעשה, כלעבן!"

ער האָט אַ לאַך געטאָן און זיך באַלד אָפּגעהאַקט.

„נו, ווייסטו נישט, וואָס מען טוט מיט אים?" — האָט ער געפרעגט דעם מאַטראָז.

„איך ווייס און ווייס נישט, הער קאַפּיטאַן", — האָט דער מאַטראָז געענטפערט.

דער קאַפּיטאַן האָט זיך אָנגערופן מיט בייזע אויגן און מיט קאַלטע צעצויגענע ווערטער:

„מען נעמט און מען וואַרפט אים אין וואַסער אַריין!.. פאַרשטאַנען?"

„אָל - רייט!" — האָט יענער געענטפערט און זיך אויסגעדרייט אַוועקצוגיין.

דער קאַפּיטאַן האָט שוין אָבער נישט געגעסן. ער האָט זיך אויפגעהייבן און איז דאָך געגאַנגען זען דעם כינעזער, נישט געקוקט אויף זיין באַפעל, מען זאָל אים באַלד דערטרינקען. גאָדפריי און דער געהילף זענען אים נאָכגעגאַנגען.

דאָרט, אין ווינקל פון שיפדעק האָבן צוויי מאַטראָזן געשלעפּט פאַר די הענט עפּעס אַ מאָדנעם פאַרשוין, וואָס האָט קוויטשיק געשריען און זיך געבריקעט מיט די פיס, ווי אַ געפּענטעט פערד. דאָס איז געווען אַ מענטש פון אַ יאָר פינפאונדרייסיק, מיט אַ קלוג פנים, גוט געבויט, אָבער אַ ביסל אָפּגעצערט, קענטיק, פון הונגער און פון דער שלעכטער פאַרשטיקטער לופט אין אונטערדעק.

ער איז געווען אינגאַנצן אַ נאַקעטער און האָט זיך איצט נישט איבעריקס גוט געפילט אונטער דעם שטראָם פון די זונשטראַלן. וואָס טוט ער דאָ און ווי קומט ער אַהער און למאי איז ער אָדם - נאַקעט — דידאָזיקע פראגן האָבן נאָך ערשט געדאַרפט פאַרענטפערט ווערן, אויב מען זאָל אים נישט דערטרינקען.



קאַפּיטאַן טירקאָט האָט פּלוצלונג געענדערט זיין פריערדיקן באַפעל. ער האָט אויפגעהייבן דעם קאָפּ פון אַן אַלטן „ים - וואָלף" און האָט אַ ווונק געטאָן מיט אַ פינגער צו די צוויי מאַטראָזן — זיי זאָלן אָפּלאָזן דעם כינעזער.

„ווער ביזטו?" — האָט אים דער קאַפּיטאַן אַ פרעג געטאָן.

„אַ זון פון דער הימלישער אימפּעריע", — האָט דער כינעזער געענטפערט.

„זייער פיין. און ווי הייסטו?"

„סענג - וו.*)"

דער קאַפּיטאַן האָט ווייטער געפרעגט:

„וואָס זשע טוסטו דאָ אויף דער שיף?"

דער כינעזער האָט געענטפערט:

„אָט, איך פאָר... איך מיין, אז איך טו דערמיט קיינעם קיין רעה נישט... נישט די שיף און נישט די מענטשן וועלן ליידן דערפון..."

„זייער פיין," -- האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט. — „פונדעסטוועגן ביזטו נישט אַריין, נאָר אַריינגעגנבעט זיך אין אונטערדעק?"

„יאָ, הער קאַפּיטאַן, איך האָב פיינט צו לייקענען... אַזוי איז עס טאַקע געשען..."

„אַהאַ!" — האָט דער קאַפּיטאַן אַ ברום געטאָן. — „איך פאַרשטיי שוין! דו האָסט געוואָלט, זע איך, בחינם קומען אַהיים: פון סאַן - פראַנציסקאָ קיין כינע און אָן אַ פרוטה געלט, האַ?"

„אויך דאָס איז אמת, הער קאַפּיטאַן! למאי זאָל איך לייקענען?"

*) אויף כינעזיש הייסט סענג - וו: ד ע ר, וואָס לעבט נ י ש ט

קאַפּיטאַן טירקאָט האָט שוין געלאַכט מיט אַ בייז געלעכטער. אויפן שטערן האָט זיך אים אָנגעצויגן אַ גרינער אָדער, ווי אַ שטריק.

„דו רעדסט מיר עפּעס צו פריי, כינעזיש קעלבל, וואָס דו ביזט!" — האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט. — „און וואָס אַ שטייגער, וועסטו טאָן, ווען איך וועל דיך אָפּשיקן קיין כינע מיטן וואַסער, מיטן ים, פאַרשטייסט... מען וועט דיר מאַכן אַ קאַלטע וואַנע און דו וועסט זיך מחיה זיין. וועסט לויפן קיין כינע מיט די כוואַליעס".

דער כינעזער האָט גוטמוטיק געשמייכלט.

„ע, איך וועל מסתמא פריער דערטרונקען ווערן, איידער איך וועל קומען אַהיים. אין ים, הער קאַפּיטאַן, קען מען זיך נאָר אויסבאָדן, אָבער אויב מען וויל באַמת פאָרן אַהיים, מוז מען עס טאָן מיט אַ שיף..."

קאַפּיטאַן טירקאָט האָט בעצם פיינט געהאַט אַזאַ לייכטן שמועס מיט אַ מענטשן, וועלכן מען האָט געכאַפּט ביי אַ חטא. אַזאַ מענטשן באַשטראָפט מען און מען פאַרברענגט מיט אים נישט און דאָס הייסט געמיטלעך פאַרבראַכט. פון זיין אָנגעצויגענעם גרינעם אָדער אויפן שטערן האָט מען איצט קיין שום גוטס נישט געקענט דערוואַרטן, און גאָדפריי האָט עס אינסטינקטיוו דערפילט. ער האָט געזען, אַז דעם כינעזערס לעבן איז איינגעשטעלט.

געמאַכט אַ טריט צום קאַפּיטאַן, האָט ער זיך אָנגערופן:

„הער קאַפּיטאַן, צו וואָס? זאָל ער מיטפאָרן מיט אונדז. דער „דרים" וועט דאָך באמת קיין רעה נישט האָבן דערפון, וואָס אַן איבעריקער מענטש וועט זיצן אויף אים... מען דאַרף אים אָפּלאָזן..."

דער נאַקעטער כינעזער איז געשטאַנען מיט ברייט אויפגעריסענע אויגן און זיך צוגעהערט צו גאָדפרייס ווערטער.



„אָפּלאָזן אָט דעם דזשאָן, אָט די נאַקעטע בריאה?" — האָט דער קאַפּיטאַן געפרעגט און פון זיין טאָן האָט מען נישט געקענט וויסן, צי וויל ער נאָכגעבן דעם יונגן מיליאָנער אָדער ער האַלט זיך נאָך פעסט ביי דאָס זייניקע, אַז מען דאַרף אים דערטרינקען.

גאָדפריי האָט געזאָגט:

„יאָ, קאַפּיטאַן, מיר האָבן אין קאַליפאָרניע אַזויפיל כינעזער, אַז מיר דאַרפן דאַנקען גאָט, אויב מיר ווערן פטור כאָטש פון איינעם. אדרבה, זאָלן זיי אַרויספאָרן פון קאַליפאָרניע. כלעבן, מען מעג זיי שענקען אַלע אונטערדעקן פון אַלע שיפן, וואָס גייען אָפּ פון סאַן - פראַנציסקאָ..."

אין דידאָזיקע ווערטער האָט זיך געפילט דער אמתער קאַליפאָרניער. די געזעצגעבער פון די מערבדיקע שטאַטן — פון קאַליפאָרניע, אָרעגאָן, נעוואַדאַ און אַנדערע זענען געווען זייער נישט צופרידן מיט דער פאַרשטאַרקטער אימיגראַציע פון די כינעזער. די לייט פון דער הימלישער אימפעריע האַבז פשוט פאַרפלייצט אַמעריקע.

שטילע, געהאָרזאַמע און האָרעפּאַשנע מענטשן, וואָס האָבן זיך תמיד באַנוגנט מיט גראָשנס און מיט אַ ביסל רייז, האָבן זיי אָבער שטאַרק אַרונטערגעדריקט דעם אַרבעטסלוין פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער און האָבן ברייט פאַרשפּרייט אין לאַנד די אַרבעטס - קאָנקורענץ.

אויסערדעם, האָט מען זיך סתם געשטראָקן פאַר זיי. מיט זייער געוואַלדיקער פאַרמערונג, וואָס האָט זיך אויף קיין איין טאָג נישט אָפּגעשטעלט (די שיפן האָבן כסדר געפירט כינעזער קיין אַמעריקע), האָבן זיי געקענט, ביי אַ פרייען וואַלרעכט, באַקומען אַן איבערגעוויכט אָדער אַזוי אַ שטאַרקן צד אין קאָנגרעס און אַזוי אַרום שאָדן די אינטערעסן פון די עכטע יענקיס.

אין די פּאַרייניקטע שטאַטן האָט זיך צו יענער צייט אויפגעהייבן אַ טומל מיט אַ מרידה קעגן דער כינעזישער געפאַר. די געזעצגעבערישע פּאַלאַטעס האָבן זיך קודם באַזאָרגט מיט אַזעלכע צוימען פון געזעץ, אַז דאָס וואָלט זאָל, חלילה, ניט חל זיין אויף די קינדער פון דער הימלישער אימפּעריע. דערצו האָט מען זיך אויך זייער שלעכט באַצויגן צו זיי, ווי צו אינדיאַנער און נעגערס און מען האָט זיי אויסגעמידן, ווי ווייט מען האָט נאָר געקענט.

אין די גרויסע שטעט האָט מען זיי ביסלעכווייז אַרויסגעשטויסן און פאַרשטופּט אין באַזונדערע קוואַרטאַלן, ווו זיי זענען געווען געצוווּנגען צו לעבן אַן אָפּגעזונדערט עכט כינעזיש לעבן, ווי ביי זיך אינדערהיים.

אין סאַן־פראַנציסקאָ האָבן זיי אויך געהאַט זייער קוואַרטאַלן ווו זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט אין די בלויע בלוזעס מיט די ברייטע אַרבל, מיט די קליינטשקע היטעלעך אויף די קעפּ און מיט שיך, וואָס זייערע שפּיצן זענען אַרויפגעדרייט אַרויף. זיי האָבן געלעבט אַ ריין כינעזיש לעבן אין פריסקאָ. דאָ האָבן זיי געהאַט זייערע געשעפטן, זייערע געבעטהייזער, זייערע שולעס און אַפילו זייערע טעאַטערס. אויב איך זאָל וועלן אויסזאָגן פון חדר, מוז איך מודה זיין, אַז אונדזער אָדם־באַקעטער סענג־ווו, וואָס איז איצט געשטאַנען אונטער די שווערע בליקן פון קאַפּיטאַן טירקאָט און געדולדיק געוואַרט אויפן פּסק־דין, האָט אויך געהערט צו אַ געוויסער אַקטיאָרן־טרופּע.

ער איז אייגנטלעך געווען דער ערשטער קאָמיקער אין דער טרופּע, אויב מען קען נאָר צופּאַסן דעמדאָזיקן באַגריף צו די כינעזישע אַקטיאָרן. די מעשה דערפון איז די, וואָס די אַקטיאָרן פון דער הימלישער אימפּעריע זענען זייער ערנסט און שטייף אַפילו דעמאָלט, ווען זיי וויצלען זיך און לצעווען.



ברעט־גאַרט, דער באַרימטער קאַליפאָרנישער ראָמאַניסט, דערציילט, אַז ער האָט קיינמאָל נישט געזען קיין לאַכעדיקן כינעזישן אַקטיאָר, אַזוי, אַז איינמאָל, זיצנדיק אין כינעזישן טעאַטער, האָט ער זיך בשום אופן נישט געקענט קלאָר מאַכן, צי די פּיעסע, וואָס מען שפּילט, איז אַ קאָמעדיע, צי אַ טראַגעדיע, און אַזוי איז ער טאַקע אַוועק פון טעאַטער מיט אַ פּלאָנטער אין קאָפּ.

סענג־ווו איז אָבער פאָרט געווען אַ קאָמיקער.

אַז דער טעאַטער־סעזאָן האָט זיך געענדיקט, האָט ער שוין געהאַט אָנגעזאַמלט אַ ביסל געלט: עס איז אים בכלל נישט שלעכט געגאַנגען אין סאַן־פראַנציסקאָ. ער האָט אָבער געבענקט נאָך זיין היימלאַנד און האָט געוואָלט בעסער קומען אַהיים אַ לעבעדיקער, ווי אַ טויטער.

ווי באַוווּסט, קומט כמעט יעדער כינעזער אַהיים — אָדער אַ לעבעדיקער אָדער אַ טויטער. אין לעצטן פאַל פירט מען זיינע ביינער קיין כינע, לויט אַ צוואה און פאַרן ביסל געלט, וואָס ער האָט עס אָפּגעהיט ביים לעבן, ווי דאָס אויג אין קאָפּ, עס זאָל זיין מיט וואָס אים אָפּצופירן אַהיים, ווו ער וויל רוען לעבן די ביינער פון זיינע אבות.

אַ כינעזער איז פאַרליבט אין זיין היימלאַנד. ער וועט נישט עסן און נישט טרינקען, אָבער דאָס ביסל געלט פאַר דער שיף, וואָס זאָל אָפּפירן זיינע ביינער אַהיים, וועט ער שטענדיק האָבן ליגן אין די געהיימע קעשענעס פון זיינע מלבושים. דאָס איז אַן אייזערנער געזעץ ביי דעם כינעזער, און ער וועט קיינמאָל נישט אָפּטרעטן פון אים

סענג־ווו האָט טאַקע, ווי געזאָגט, געוואָלט בעסער קומען אַהיים אַ לעבעדיקער, ווי אַ טויטער, דערביי אָבער האָט ער זיך צוגעטראַכט זייער אַ פּראַקטישן פּלאַן: למאי זאָל ער פּטרן געלט אויף אַ בילעט, אַז מען קען זיך, ווי אַ שאָטן, אַריינגנבענען אי

אונטערדעק און מען קען זיך קומען אַהיים מיט אַן אָפּגעשפּאָרטן גראָשן. אַז געלט איז אַ סחורה, איז זייער אַ גוטע סחורה, דאָס האָט אונדזער קאָמיקער זייער גוט געוווּסט, און דעריבער טאַקע דאַרף מען עס היטן און נישט צעטרענצלען אויף נאַרישקייטן. און קויפן אַ שיפּבילעט איז זיכער אַ נאַרישקייט, וואָרים מען קען דאָך טאַקע פאָרן אין אונטערדעק אָן אַ בילעט און דערביי קיינעם קיין שאָדן נישט טאָן און דערביי אויך קומען בשלום אַהיים.

ון גאָדפריי האָט נאָכאַמאָל געבעטן דעם קאַפּיטאַן, ער זאָל אָפּלאָזן דעם אומגליקלעכן כינעזער.

„וואָס וועט איר מאַכן מיט אים?" — האָט ער צולעצט געפרעגט. — „מילא, לאָזט אים אָפּ, וועט קאַליפאָרניע האָבן ווייניקער מיט אַ כינעזער".

דער גרינער אָדער אויפן קאַפּיטאַנס שטערן איז אַנטרונען געוואָרן. דער אַלטער ים-וואָלף האָט נאָכגעלאָזט. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, און איז אַוועק צוריק צום פרישטיק-טיש. דאָס האָט געהייסן, אַז סענג-ווו איז באַפרייט געוואָרן.

איצט האָט ער שוין נישט באַדאַרפט זיצן מער אין פינסטערן אונטערדעק. ער האָט געקענט פראַנק און פריי אַרומשפּאַצירן אויפן שיפדעק און קיינער האָט אים אַ וואָרט נישט געזאָגט.

ער האָט אָבער זייער מורא געהאַט פאַר די מאַטראָזן, וואָס האָבן אים פריער מכבד געווען מיט גוטע פעטשלעך און מיט דער קני אין הינטער-חלק, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און עפּעס אויפגעשווידערט מיט זיין אָפּגעצערטן גוף.

וויליאַם קאָלדערופּ, דער גרויסער מיליאָנער פון סאַן-פראַנציסקאָ, האָט שוין אַזאַ מזל, אַז טאָמער וויל אים עמעץ יאָ טאָן אַ שטיקל שאָדן און פאָרן אויף זיינער אַ שיף אָן אַ בילעט, דאַרף גראַדע יענער זייער ווייניק וועגן צוליב זיין אָפּגעצערטקייט, און דער שאָדן איז קיין שאָדן נישט. די שיף פילט נישט קיין שום לאַסט פון דעם נייעם פּאַסאַזשיר.

א מזל פון א מיליאָנער!..

קאַפּיטאַן טירקאָט אָבער האָט זיך דאָך נישט געקענט באַרויקן. נאָך אין דעם אייגענעם טאָג האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיין געהילף:

„איך ווייס נישט, צו וואָס איז מיר איצט אַרויפגעפאַלן אויפן קאָפּ דערדאָזיקער פאַרשאָלטענער כינעזער. ער וועט אונדז שטערן, נישט געדאַכט זאָל ער ווערן! איבעריקנס, מיר וועלן פון אים אייך פּטור ווערן, אַז מען וועט עס דאַרפן..."

דער געהילף האָט שטיל צוגעשעפּטשעט:

„מען קען זיך דאָך טאַקע נישט צערעמאָניען מיט אים.. כאַפּט אים דער וואַטעמאַכער!.. וועט ער שטערן — איז אין ים אַריינגעוואָרפן — און פאַרטיק!"

## קאַפּיטל זיבן.

דער לעזער וועט זיך ביסלעכווייז איבערצייגן, אז וויליאם קאָלדערופּ, דער גרויסער מיליאָנער פון סאן - פראנציסקא, וואָס האָט אָפּגעצאָלט פיר מיליאָן דאָלאר פאר דער אינדזל ספענסער, האָט נישט אומזיסט אסעקורירט זיין פראנטיש דאמפערל.

דאָס וועטער האָט זיך געענדערט. דער באַראָמעטער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. פון צייט צו צייט האָבן בייזע ווינטן אויפגעריסן און צעקנייטשט דעם גלאַטן ים - שפּיגל.

מען האָט אַראָפּגעצויגן די זעגלען, די שיף איז לאַנגזאַם געגאנגען. זי האָט זיך געקאַטשעט און געוואַקלט, ווי אַ שיכּורע.

דער יונגער מיליאָנער האָט לייכט איבערגעטראָגן דידאָזיקע „שיפוואַקלעניש‟ און האָט נאָך קיין איינמאָל נישט פאַרלאָרן זיין גוטע שטימונג. גאָדפריי האָט, קענטיק, ליב געהאַט דעם ים.

זייער שלעכט איז אָבער געווען דעם טאַנצפּראָפעסאָר. דערדאָזיקער אָרעמער מענטש האָט כּסדר געקלאָגט אויף זיינע יאָרן



און טעג. דער ים האָט אים שטענדיק געהאַלטן אין צושטאַנד פון פחד און איבלדיקער חלשות.

אין קאַיוטע האָט ער נישט געקענט זיצן, ווייל זי איז געווען קליין און ענג און דושנע. ער האָט דאָרט קיין לופט נישט געהאַט. חוצדעם, פלעגט ער עפּטער זיך אָפּשלאָגן מיטן קאָפּ אָן דער וואַנט אָדער אָן שטול, בעת די שיף פלעגט זיך נעמען אַרומוויגן און טאַנצן.

איצט האָט ער זיך באַזונדערס געניייטיקט אין אַ פּאָר געזונטע פיס, אויף וועלכע ער זאָל קענען שטיין פעסט. אויב דעם מענטשנס פיס האָבן זייער אַ וויכטיקע פונקציע אויף דער רויקער אומבאַוועגלעכער יבשה, איז דידאָזיקע פונקציע הונדערט מאָל וויכטיקער און גרעסער אויפן נישט זיכערן וואַקלדיקן שיפדעק.

זיצנדיק אויפן שיפדעק, איינגעפלאָכטן מיט די הענט אין דעם צוגעשמידטן פאָטעל, האָט ער פאַרמאַכט די אויגן, פאַרקרימט דאָס פּנים מיט דער אויסגעצויגענער אַרשיניקער נאָז און האָט עפּטער אַרויסגעקרעכצט מיט גרויסע יסורים:

„אָי, מיינע פיס... מיינע קני... אָי - אָי - אָי!..‟

ער איז געזעסן און זיך כּסדר געבוקט און גענויגט דאָ מיטן שטערן און דאָ מיט דער פּאַטילניצע און דאָ מיט אַ זייט. עס האָט אים געוואָרפן, ווי אין אַ קדחת און יעדעס מאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער ווערט אַריינגעשליידערט אין די תהומות פון ים.

אָך, וויליאַם קאָלדערופּ, דערדאָזיקער מענטש איז אַ אכזר און אַ גזלן. ער האָט אים אַריינגענומען אַן עלנטן אין שטוב און האָט אים געגעבן צו עסן און צו טרינקען, אָבער אָט דאָס שטיקעלע גליק האָט דערדאָזיקער גזלן באַלד פאַרוואַנדלט אין אַ גיהנם. ער האָט אים נישט פאַרגונען, טאָמער וועט ער אָפּרוען אויף זיינע עלטערע יאָרן, און האָט אים אָן רחמנות אַריינגעוואָרפן אין ים אַריין.

„וועט דאָס וועטער נאָך לאנג אָנהאַלטן?“ — האָט ער צום הונדערטסטן מאָל געפרעגט דעם קאַפּיטאַן.

און דער קאַפּיטאַן, שטאַרק פאַרטאַראַראַמט, האָט אים יעדעס מאָל געענטפערט:

„מען קען נישט וויסן. דער ים האָט זיינע קאַפּריזן“.

האָט דער אָרעמער טאַרטעלעט געפרעגט גאָדפרייען:

„זאָגט מיר, מיין ליבער, האָב איך מיר נאָך לאַנג צו טאַנצן אָן הענט און אַן פיס? וועט עס שוין אַמאַל אויפהערן, גאָט אין הימל!“

און יענער פלעגט אים גלעטן איבער דער דארער פּלייצע און באַרויקן:

„נישט לאַנג, הער טאַרטעלעט... אַט נאָך אַ ביסל... נאָך אַ ביסל...“

„און דאָס הייסט ביי דער וועלט דער שטילער אָקעאַן?“ — האָט ער געפרעגט מיט שוים אויף די ליפּן.

„יאָ, הער טאַרטעלעט, דאָס איז טאַקע דער שטילער אָקעאַן. באשר איר זענט נישט צוגעוווינט צו וואַסער, דעריבער שפּירט איר זיך נישט איבעריקס גוט... אַז איר וועט אייך נאָר אַ ביסל צוגעוויינען און זיך איינלעבן מיטן ים, וועט איר איינזען, הער טאַרטעלעט, אַז דאָ, אויף די אומרויקע כוואַליעס איז טיילמאָל אַזוי אָנגענעם, ווי אויף דער רויקער יבשה...“

„קיינמאָל נישט!“ — האָט דער טאַנצפּראָפעסאָר שוין געשריען. — „און רעדט מיר נישט, איך בעט אייך, פון דעם!“

דער אָרעמער טאַרטעלעט האָט מורא געהאַט פאַרן ים, פאַר זיינע כוואַליעס, פאַרן שיפדעק, פאַרן שיפגעפלעכט, פאַר די בענק און שטולן, פאַרן מאָטאָר, וואָס האָט משונה געקלאַפּט טאָג און נאַכט און בכלל פאַרן גאַנצן שיף - בנין. אין אַלץ האָט ער געזען געפאַר און סכנה און פּלוצלעכן טויט...



„מיין ליבער גאָדפריי“, — האָט ער זיך אָנגערופן צום יונגן מיליאָנער, — אייער שיף, אייער „דרים“, ווי איר רופט זי, האָט אין מיינע אויגן נישט קיין שום חזקות... ס׳איז גאָרנישט... ס׳איז פּאַפּיר, וואַטע, היבערשע פעדערן אין פאַרגלייך מיטן כוח פון ים... היינט פרעג איך אייך, — און איך בין נאָך, געלויבט צום הימל, ביי די פולע רעיונות, — ווי אַזוי קען מען מאַכן אַ נסיעה איבער דער וועלט (און דווקא א י ב ע ר ד ע ר ו ו ע ל ט האָט זיך „זיי“ פאַרוואָלט!) אויף אַזאַ הינערשן פעדערל? עס איז דאָך סכנות נפשות! דאָס לעבן הענגט דאָך טאַקע אויף אַ פעדערל! אויף אַ דין וויך פעדערל!.. איר לאַכט, מיין ליבער גאָדפריי, אָך און וויי צו אזאַ געלעכטער!..“

דער יונגער גאָדפריי האָט געלאַכט.

„עס איז שווער איינצוטענהן מיט אַ שרעקעוודיקן און אומרויקן מענטשן...“ האָט ער געזאָגט. — „ער וויל דיך בשום אופן נישט פאַרשטיין. וואָס דו וועסט אים נישט זאָגן, וועט ער זיך אַלץ האַלטן ביי דאָס זייניקע און וועט דיר נישט גלויבן... נישט וואָר, הער טאַרטעלעט?..“

דער טאַנצפּראָפעסאָר האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר שטייענדיקע אויגן, וואָס האָבן פאַרציילט פון אינערלעכע שווערע קראַנקהייטן און געוואַלדיקע פּחדים.

„און איך זאָג“, — האָט ער זיך אָנגערופן און בעת מעשה אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט אין האַרצן, — „אַז אייער „דרים“, ווי איר רופט אָן דאָסדאָזיקע פעדערל, וועט אונטערגיין!.. דער ים וועט אים איינשלינגען!“

„ניין, הער טאַרטעלעט,“ — האָט גאָדפריי געשמייכלט. — „איר זענט איצט אויפגערעגט, דעריבער רעדט איר אַזוי. די שיף וועט נישט אונטערגיין!“

„און איך זאָג, אַז יאָ!" — האָט ער זיך ווידעראַמאָל אַ זעץ געטאָן מיט דער האַנט אין דער איינגעפאַלענער ברוסט.

ער האָט זיך, קרעכצנדיק, אויפגעהייבן, זיך ווילד אַרומגעקוקט, און ווי אַ חיה, אַ כאַפּ געטאָן דעם רעטונגסגאַרטל, וואָס איז געלעגן לעבן אים.

פון דעם מאָמענט אָן האָט ער אים גענומען טראָגן סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט. ער האָט איר צוגעבונדן צום זייט און האָט זיך בשום אופן נישט געקענט שיידן מיט אים.

„אָט דאָס וועט מיר אפשר פאַרלענגערן דאָס לעבן אויף אַ רגע!" — האָט ער אָנגעוויזן גאָדפרייען אויפן רעטונגסגאַרטל. — „קיין אַנדערע מיטלען זע איך דאָ נישט".

אַז דער ווינט האָט נאָר אויפגעהייבן די כוואַליעס אויפן ים, האָט דער טאַנצפּראָפעסאָר זיך גענומען אָנבלאָזן דעם גאַרטל. ער האָט געבלאָזן אין אים מיט אַלע כוחות און האָט אַלעמאָל איינגעפונען, אַז ער בלאָזט דאָך נישט, ווי געהעריק.

„מען דאַרף האָבן אייזערנע לונגען!"— האָט ער געוויינט פאַרן קאַפּיטאַן, וואָס האָט אים אַלעמאָל אָנגעקוקט מיט עקל, און פאַר גאָדפרייען, וואָס האָט אים באמת מיטגעפילט, אָבער נישט געקענט העלפן.

מען קען נישט זאָגן, אַז דער טאַנצפּראָפעסאָר און דער רבי פון שיינע מאַניערן איז געווען גאָר אומגערעכט.

דער שטילער ים האָט אָנגעהייבן באַווייזן זיינע קונצן, וואָס זענען געווען זייער ווייט פון שטילקייט. עס האָט כסדר גערוישט און געקראַכט. מוראדיקע כוואַליעס האָבן זיך אויפגעהייבן און זענען אַנידערגעפאַלן, און עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי דער ים האָט זיך געוואָלט איבערקערן מיט דער אויבערפלאַך אַראָפּ און מיטן גרונט אַרויף.



דער מאָטאָר איז געבליבן אָן כוחות. די ווענט פון דער שיף האָבן אָפּגעקרעכצט. דער פראַנטישער „דרים" האָט אויפגעשוידערט. קענטיק, אַז דער ים האָט אים גענומען גוט אין דער אַרבעט אַריין. קאַפּיטאַן טירקאָט איז שויז אַרומגעלאָפן אַ ביסל צו ערנסט און מרה - שחורהדיק.

אין אונטערשטן דעק האָבן זיך געהערט עפּעס פאַרדעכטיקע קלעפּ. די מאַטראָזן האָבן זיך עפטער איבערגעקוקט.

די לאַגע איז געווען אַן ערנסטע, אָבער קיינער האָט נישט גערעדט דעריבער. גאָדפריי איז געווען גאַנץ רויק, און אין אָוונט איז ער אַוועק אין זיין קאַיוטע און זיך געלייגט שלאָפן.

אויפגעכאַפּט האָט ער זיך אינמיטן נאַכט. ער האָט זיך אָנגעטאָן און איז אַרויף אויפן שיפדעק. דער געהילף מיט די מאַטראָזן האָבן נישט געשלאָפן. מען איז געווען אנגעשטרענגט. די מעכאַניקער האָבן געאַרבעט ביי דער מאַשין.

גאָדפריי איז אַרויף אויפן בריקל צום קאַפּיטאַן.

אַ שטאַרקער ווינט האָט אים אַ פּאַטש געטאָן אין פּנים. ער האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן דעם שטריקגעפלעכט.

דער קאַפּיטאַן האָט אים אַ פרעג געטאָן:

„שרעקט איר אייך גאָרנישט צו שטיין אויפן בריקל? איר ווערט, זע איך, אַן עכטער ים - מענטש".

גאָדפריי האָט געשמייכלט.

„הער קאַפּיטאַן", — האָט ער זיך אָנגערופן, — „איך האָב אייך געוואָלט עפּעס פרעגן".

„וואָס, אַ שטיינער? — האָט דער קאַפּיטאַן זיך אָנגענויגט צו גאָדפרייען.

גאָדפריי האָט געפרעגט:

„צי האָט דער ווינט נישט געענדערט זיין ריכטונג?"

„דערווייל נאָך נישט", — האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט. —

ער שטאַרקט זיך אָבער... עס קען אויסברעכן אַ געפערלעכער שטורעם. אויפן ים איז נישטאָ קיין זיכערקייט, מיין ליבע.

„עפעס פיל איך, ווי די שיף גייט אין אַן אַנדער ריכטונג“, — האָט גאָדפריי זיך ווידעראַמאָל אָנגערופן. — „שוין זשע האַט איר געענדערט דעם קורס, הער קאַפּיטאַן?..“

„געענדערט דעם קורס?..“ — האָט טירקאָט געמורמלט. — „יאָ, מען האָט אים געמוזט ענדערן... איך וויל מיך אַרויסגנבענען פון שטורעם.“

דאָס איז אַ ביסל נישט אָנגענעם...“

„מעגלעך... דאָס איז אָבער געווען אַ מוז־זאַך, הער גאָדפריי. דעם קורס קען מען אָבער ענדערן פונדאָסניי, ווען עס וועט נאָר ווערן שטילער אויפן ים. דאָס שרעקט מיך נישט“.

און באַלד דערויף האָט ער צוגעגעבן:

„איר גייט צוריק אין קאַיוטע, הער גאָדפריי, און לייגט אייך דאָרט שלאָפן... איר קענט אייך רויק שלאָפן. ס'איז דאָך ערשט האַלבע נאַכט. אין קאַיוטע איז אַלעמאָל אַנגענעמער און געמיטלעכער, ווי אויפן קאַפּיטאַנס בריקל...“

גאָדפריי האָט, ווי אַ תּלמיד, געפאָלגט דעם קאַפּיטאַן. זיין אויג האָט געזען נאַכט און צעבּשעוועטן ים. ער האָט זיך אָבער געזאָגט, אַז דאָס וועט זיך איינשטילן און איז אַראָפּ פון בריקל. באַלאַנסירנדיק מיט די הענט, איז ער אַדורכגעגאַנגען דעם שיפדעק און איז אַריין צו זיך אין קאַיוטע, וווּ ער האָט זיך אויסגעטאָן און פונדאָסניי זיך אַנידערגעלייגט שלאָפן.

אַ יונגער, אַ געזונטער און אַ רויקער, איז ער באַלד איינגעשלאָפן, ווי אַ פאַרוויגט קינד.

צומאָרגנס, דעם 22־סטן יוני, האָט דער ווינט אַ ביסל נאָכגעלאָזט. די שיף איז געגאַנגען פאָרויס. עס איז נאָר געווען משונה און אומפאַרשטענדלעך, וואָס „לעבט“ „דרים“ מיט צוויי קורסן:



בייטאָג גייט ער קיין מערב אין ביינאַכט — קיין מזרח. וווּהין גייט ער און וווּ וויל ער קומען? ווי גייט עס אַ שיף מיט צוויי קורסן!

עס זענען אַריבער נאָך אַ פּאָר טעג

דעם 25־טן יוני אינדערפרי, ווען גאָדפריי איז אַרויף אויפן שיפדעק, האָט אים אַ פריילעכע זון אַ זעץ געטאָן בלענדיק אין די אויגן. עס איז געווען אַ ליכטיקער רויקער טאָג, אַ בלויער הימל, אַ גלאַטער ים, ווי אַ שפּיגל.

פון צייט צו צייט איז אָנגעשפּרונגען אַ ווינטל און האָט דין, ווי מיט צאַרטע הענט געריונצלט דאָס רויקע וואַסער...

גאָדפריי, אַ גליקלעכער, אַ יונגער און אַ געזונטער, אָן איין דאגה אין קאָפּ, האָט נישט געקענט אָפּרייסן די אויגן פון הימל און ים. דער ליכטיקער טאָג האָט אים פאַרכאַפּט, ווי מיט אַ כּישוף.

צוגעגאַנגען צו טאַרטעלעטן, וואָס איז געזעסן אַ האַלב־טויטער אויפן שיפדעק, האָט ער זיך אָנגערופן, אַ פריילעכער, רייבנדיק אַ האַנט אָן אַ האַנט:

„נו, הער פּראָפעסאָר, היינט איז אייך גוט? נישטאָ שוין מער קיין זכר פון שטורעם. אַלץ האָט זיך באַרויקט. זעט, סאַר אַ הימל! זעט, סאַר אַ ים!“

„וואָס טויג מיר דער הימל און צו וואָס דאַרף איך דעם ים?“ — האָט דער טאַנצפּראָפעסאָר אָפּגעקרעכצט. — „איך זע סיי ווי גאָרנישט... ס'איז מיר פינסטער אין די אויגן...“

„ע, מען דאַרף אַזוי נישט קלאָגן“, — האָט אים גאָדפריי אָנגעפּאַטשט אין די דאַרעביינער פון זיין פּלייצע. — „נישקשה, עס וועט זיין גוט!“

און מיט דידאָזיקע ווערטער איז ער צוגעגאַנגען צו דעם

קאַפּיטאַנס געהילף, וואָס האָט עפּעס צוגעביסן ביים טישל אויפן שיפדעק.

דער געהילף האָט געזאָגט:

„נו, היינט האָבן מיר אַ עטילן טאָג, הער גאָדפריי".

דער יונגער מיליאָנער האָט געפרעגט:

„צי גייט שוין דער „דרים" מיט זיין באַשטימטן קורס?"

דער געהילף האָט עפּעס אַריינגעלייגט אין מויל אַריין און געענטפערט מיט אַ קייענדיקער צונג:

„ניין, נאָך נישט..."

„איך פאַרשטיי אָבער נישט", — האָט גאָדפריי געזאָגט, — „פאַרוואָס דאַרף ער איצט אַרומוואַנדערן אָן אַ קורס? עס איז דאָך אַ שטיל שיין וועטער..."

דער געהילף האָט אַראָפּגעשלונגען דעם לעצטן ביסן אין מויל און האָט זיך אָנגערופן:

„דאָס געוויטער, הער גאָדפריי האָט אונדז, קענטיק, אַוועקגעשטויסן קיין צפון-מזרח און מיר מוזן דעריבער קאָרעגירן אונדזער קורס. איך מיין, אַז צו האַלבן טאָג וועט מען קענען מאַכן אַ קליינע אויספאָרשונג, לויט דער זון און דער קאַפּיטאַן וועט נעמען דעם ריכטיקן קורס. צו האַלבן טאָג וועט שוין אַלץ ווערן גענוג קלאָר, הער גאָדפריי„

די שיף האָט זיך רויק געגליטשט איבער די כוואַליעס פון שטילן אָקעאַן. עפּעס אַ זיס קיצלדיק געפיל האָט אָנגערירט גאָדפרייס האַרץ. ער האָט זיך אַרומגעקוקט.

„און ווו איז אונדזער קאַפּיטאַן?" — האָט ער פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן דעם געהילף.

„דער קאַפּיטאַן האָט פאַרלאָזט די שיף", — האָט דער געהילף געענטפערט.



„וואָס הייסט פאַרלאָזט די שיף?" — האָט גאָדפריי געפרעגט און בעת מעשה געפילט, ווי ער ווערט בלאַס.

„יאָ", — האָט יענער רויק געזאָגט, — „אַזוי איז עס... ס'איז אַ שיין קלאָר וועטער, הער גאָדפריי, האָט דער וואַכמאַטראָז באַמערקט פונדערווייטנס אין מזרח עטלעכע אונטערוואַסער-שטיינער, וואָס זענען נישט אָנגעצייכנט אויף דער ים-קאַרטע. כדי צו באַזייטיקן דעמדאָזיקן פעלער, האָט קאַפּיטאַן טירקאָט געהייסן אַראָפּלאָזן אַ שיפל אין ים און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט צו יענעם פונקט מיט אַן אָפיציר און דריי מאַטראָזן..."

„ווען איז עס געשען?"

„מיט אַ פאָר שעה צוריק".

גאָדפריי איז פון גרויס פאַרדרוס אונטערגעשפרונגען און אַ קנאַק געטאָן מיט די פינגער.

„אַך, אַ שאָד, וואָס זיי האָבן מיר נישט געגעבן צו וויסן וועגן דעם. איך וואָלט דאָך אויך געפאָרן צוזאַמען מיט זיי!.. איך האָב דאָך סיי ווי נישט וואָס צו טאָן. אַן עוולה!"

דער געהילף האָט געזאָגט:

„אָבער איר האָט דאָך געשלאָפן, הער גאָדפריי. דער קאַפּיטאַן האָט נישט געוואָלט, מען זאָל אייך אויפוועקן. שלאָפעדיקע מענטשן באַאומרויקט מען נישט".

„אַך, אַ שאָד, אַ שאָד!" — איז גאָדפריי אַלץ אונטערגעשפרונגען. — „מען האָט מיך באַדאַרפט אויפוועקן. אַזאַ נסיעהלע האָט פאַר מיר אַ גרויסן אינטערעס!.. אין וואָסער זייט איז אַוועק דאָס שיפל?"

„אַהין, דאָרט, איר זעט! קיין מזרח!"

„קען מען זיי זען מיט אַ ים-שפּאַקטיוו?"

„ניין, זיי זענען שוין צו ווייט..."

„אָבער זיי וועלן דאָך באַלד קומען צוריק?"

„נאַטירלעך!" — האָט דער געהילף זיכער געזאָגט. — „דער קאַפּיטאַן האָט דאָך עפּעס גרויסע פּליכטן אויף זיך, און ער קען דאָך נישט פאַרלאָזן די שיף אויף אַ לענגערער צייט. איך מיין, אַז אין אַ פּאָר שעה אַרום וועלן מיר זיי דאָ האָבן צוריק."

דערמיט האָט זיך געענדיקט דער שמועס מיטן געהילף.

גאָדפריי האָט גענומען די גרויסע ים-גלעזער אין האַנט און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ הויכן שטול אויפן שיפדעק. ער האָט געוואָלט זען, ווי אַזוי דאָס שיפל וועט גיין צוריק פון זיין נסיעה צו די ים-שטיינער.

אין זיין רויקער נשמה איז קיין שום חשד נישט אַריינגעפאַלן. ער האָט געטראַכט, אַז דער קאַפּיטאַן האָט אַוודאי געטאָן אַ גוטע זאַך דערמיט, וואָס ער איז אַרויסגעפאָרן צו די אונטערוואַסער-שטיינער. דאַרף דאָך עמעץ פאַרצייכענען אויף דער ים-קאַרטע דידאָזיקע געפערלעכע שטיינער, וואָס קענען פאַראומגליקן מענטשן און שיפן. גאָדפריי האָט אָבער געוואָלט, אַז דער קאַפּיטאַן זאָל דאָרט לאַנג נישט צעגערן און זאָל וואָס פריער זיך אומקערן אויף דער שיף.

ער איז געזעסן און געקוקט דורך די ים-גלעזער. די רויקע לופט און דער ליכטיקער טאָג האָבן געלאָזט זען אַ שטיק ים, העט ווייט, ווייט, און באַלד האָט גאָדפריי טאַקע באַמערקט עפּעס אַ רויך ביים האָריזאָנט און אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיך דײַטלעך אויסגעשיילט די קאָנטורן פון דעם קליינעם מאָטאָרשיפל, וואָס איז, קענטיק, זייער שנעל געגאַנגען.

אין אַ וואָסער שעה אַרום האָט דאָס מאָטאָרשיפל דערגרייכט די גרויסע שיף, און קאַפּיטאַן טירקאָט איז אַרויף אויפן שיפדעק.

גאָדפריי האָט אַוועקגעלייגט די גרויסע ים-גלעזער און איז געלאָפן אַנטקעגן דעם קאַפּיטאַן.

ער האָט געפרעגט:



„נו, וואָס הערט מען נייס, הער קאַפּיטאַן?"

דער קאַפּיטאַן האָט אַרויסגענומען די קורצע ליולקעלע פון מויל און געענטפערט:

„קיין נייס איז נישטאָ, מיין ליבער. ים און הימל, מער גאָרנישט."

„נו, און די אונטערוואַסער-שטיינער?"

„עט!" — האָט קאַפּיטאַן טירקאָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — „ס'איז נאָר אַ טעות געווען... אַן אויסגעטראַכטע מעשה! געפאָרן, געפּטרט צייט, געקוקט, געזוכט, גענישטערט — און גאָרנישט געפונען... אַ טעות!"

„גייען מיר איצט ווייטער?" — האָט גאָדפריי געפרעגט. — „מיר וואַקלען זיך שוין טאַקע צופיל אויף איין אָרט, הער קאַפּיטאַן."

קאַפּיטאַן טירקאָט האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

„יאָ, מיר גייען, מיר גייען! איצט וועלן מיר זיך האַלטן ביי אונדזער קורס. אָבער פריער, מיין ליבער, האָב איך נאָך צו פאַרענדיקן עפּעס אַן עסק."

דער געהילף האָט זיך אַריינגעמישט:

„קען מען אַרויפנעמען דאָס מאָטאָרשיפל אויפן שיפדעק?"

„ניין," — האָט דער אַלטער ים-וואָלף געענטפערט. — „מען מוז נאָך צוּוואַרטן אַ ביסל. זאָל עס דערווייל בוקסירן. זאָל עס גיין צוזאַמען מיטן „דרים"."

אין אַ שעה אַרום האָט קאַפּיטאַן טירקאָט אויסגעמאָסטן מיטן סעקסטאַנט די הויך פון דער זון און אַזוי אַרום באַשטימט דעם קורס פון דער שיף. נאָכדעם האָט ער געוואָרפן אַ בליק אויפן האָריזאָנט און האָט זיך אָנגערופן צום געהילף:

„איר וועט באַלד אַריינגיין צו מיר אין קאַיוטע!"

דער קאַפּיטאַן איז אַוועק אין קאַיוטע און דער געהילף נאָך אים. ביידע זענען דאָרט לאַנג געזעסן און קיינער האט נישט געוווסט, וואָס זיי האָבן דאָרטן געשמועסט.

די זון האָט פאַרגאָסן מיט גאָלד דעם ים. עס איז באמת געווען אַ גרויס פאַרגעניגן זיך צו גליטשן מיטן „דרים" איבער דעם אומענדלעכן שפּיגל פון שטילן אָקעאַן

גאָדפריי איז אַריין צו זיך אין קאַיוטע און האָט אַ קוק געטאָן אין וואַנטשפּיגל. פון דאָרט האָט אַרויסגעקוקט אַ יונג פריש געזיכט מיט ראָזע שפּילנדיקע פאַרבן אין די באַקן. גאָדפריי האָט געשמייכלט צו דעם צווייטן גאָדפריי, וואָס אין שפּיגל.

„איך זע דאָך אויס גאָר גוט," — האָט ער געשעפּטשעט, — אַ סך בעסער ווי אין סאַן־פראַנציסקאָ. איך פיל מיך געזינטער און לעבעדיקער. איך פיל שוין די גרויסע פעולה פון ים!.."

מען מוז מודה זיין, אַז דער יונגער גאָדפריי האָט נישט מגזם געווען. ער איז געוואָרן מענלעכער און שטאַרקער אויף דער שיף. דאָס שוואַכע נערוונסיסטעם האָט דאָ, קענטיק, געפונען אַ גוטע רפואה אויפן שטילן אָקעאַן.

דאָס, וואָס מען קען זאָגן וועגן גאָדפרייען, האָט מען אָבער נישט געקענט זאָגן וועגן דעם טאַנצפּראָפעסאָר. פאַר אים האָט נישט עקזיסטירט קיין גוטער ים, קיין ווייך מחיהדיק ים־וועטער. דער אָרעמער טאַרטעלעט האָט אין דעם ים געזען דעם טויט, מיט וועלכן מען דאַרף זיך ראַנגלען, און ער האָט זיך , נעבעך, גע־ראַנגלט מיט די לעצטע כוחות.

דער רעטונגסגאַרטל איז אים סתם דערגאַנגען די יאָרן. ער האָט אים ממש פאַרמוטשעט. דאָ האָט ער אים אָנגעבלאָזן און אָנ־געטאָן אויף זיך, וואַרטנדיק אין גרויס אימה, אַז די שיף זאָל זיך נעמען טרינקען, און דאָ האָט ער אים אויסגעטאָן און אים צוגעבונדן ביי דער זייט און ווידעראַמאָל געציטערט, טאָמער פאַר־



שפּעטיקט ער, חלילה, און באַווייזט אים נישט אָנצוטאָן און די שיף וועט זיך דערווייל אַראָפּלאָזן אין ים אַריין...

„טוט אויס דעם גאַרטל, הער טאַרטעלעט, און וואַרפט אים אַוועק!" — האָט אים גאָדפריי געראַטן. — „איר וועט דאָך בלייבן אָן כוחות פון אים! צו וואָס זאָלט איר אים כסדר שלעפּן אויף זיך? איר זעט דאָך: דער ים איז רויק, דער הימל איז אַ בלויער, די זון שיינט, די שיף גייט אַזוי זיכער פאָרויס... וואָס קען דאָ אייך געשען? מען טאָר דאַך נישט זיין אַזאַ פּחדן, הער טאַר־טעלעט!"

„יאָ, אייך איז לייכט צו רעדן," — האָט דער טאַנצפּראָפע־סאָר זיך געקרימט. — „איר זענט יונג און געזונט און... נאַריש. איר וועט זיך מסתמא נישט באַליידיקן אויף אייער אַלטן פּראָפע־סאָר, וואָס האָט אייך געלערנט שיינע מאַניערן... עס פאַלט אַמאָל אַראָפּ פון די ליפּן אַ ביטער וואָרט. עס העלפט נישט. מען מוז מוחל זיין אַן אַלטן לערער, אָבער איך פרעג דאָך אייך, ווי קען מען זיך פאַרלאָזן אויף האָלץ און אייזן אין אַזאַ גיהנם פון וואַ־סער? און ווי קען מען בכלל לעבן אויף אַ באָדן, וואָס וויגט זיך אום און וואָס קען אייך אַ ליאַדע מינוט פאַרשלינגען?"

גאָדפריי האָט נישט געוווסט, וואָס מען ענטפערט דעם אַלטן אויסגעלעבטן טאַנצפּראָפעסאָר. ער האָט אים אויסגעוויזן, ווי אַ מטורף, וואָס דאַרף זיצן אין אַ משוגעים־הויז, הגם ער האָט מיט אים גרויס מיטלייט געהאַט.

ער האָט אים נאָר צוגעוואָרפן:

„איר וועט אייך צוגעוויינען, הער טאַרטעלעט, וועט איר אַנ־דערש רעדן."

עס איז צוגעפאַלן אַ ווייכער אָוונט, וואָס איז אָבער באַלד איינגעהילט געוואָרן אין געדיכטע נעבלען. צווישן הימל און ים איז איצט געהאָנגען אַ שטיק געדיכטע שוואַרצקייט. מען האָט

גאָרנישט געקענט זען אויפן ים. עס איז געווען פינסטער, ווי אין אַ קבר.

פאַר ריפן האָט מען זיך אַפילו נישט באַדאַרפט שרעקן, פונדעסטוועגן קען מען קיינמאָל נישט זיין זיכער, ווען מען גייט מיט אַ שיף אויף אַ קבר - שוואַרצן ים.

מען האָט אויפגעהאָנגען לאַמטערנעס אויף דער שיף — רויטע, גרינע, ווייסע. פון צייט צו צייט האָט געפייפט די מאַשין און געוואָרנט עמעצן אינדערפינסטער, אַז מאָן זאָל זיך היטן פאַר אַן אומגליק.

מיט אַ ציטריק האַרץ און מיט פעטע קללות אויף די ליפן האָט זיך דער טאַנצפּראָפעסאָר געקייקלט מיט זיין רעטונגסגאַרטל אין קאַיוטע אַריין. ער האָט זיך באמת געקייקלט, ווי אַ פילקע, אמאָל רעכטס און אַמאָל לינקס, ביז גאָט האָט אים געהאָלפן און ער האָט זיך אַריינגעקייקלט אין זיין שיף - קאָנורע, וווּ ער האָט זיך מיט גרויס מי און אָנשטרענגונג אַרויפגעדראַפּעט אויפן געלעגער.

דער מענטש האָט, קענטיק, לגמרי פאַרלאָרן די פיס. ווייס איין גאָט, צו וואָס האָט אים קאָלדערופּ אַרויפגעזעצט אויפן „דרים". אפשר איז טאַקע טאַרטעלעט גערעכט, אַז מעי דאַרף זיין אַ מיליאָנער און אַן אכזר, צו טאָן אַזאַ זאַך.

אין דער אייגענער צייט האָט גאָדפריי לייכט אַריינגעטאַנצט צו זיך אין קאַיוטע, האָט זיך רויק אויסגעטאָן און זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט. ער איז געווען גליקלעך און מונטער, און באַלד ווי ער האָט נאָר צוגעמאַכט די אויגן, איז ער איינגעשלאָפן.

אָבער טאַרטעלעט האָט נאָך קיין איינמאָל נישט געשלאָפן, ווי געהעריק אויף דער שיף. דער ים האָט אים געמוטשעט און די פאַרשטיקטע לופט פון דער קאַיוטע האָט אים צוזאַמענגעדריקט די לונגען. ער האָט נישט געהאַט מיט וואָס צו אָטעמען.



קאַפּיטאַן טירקאָט איז אויך אַוועק אָפּרוען צו זיך אין קאַיוטע און האָט איבערגעלאָזט דעם געהילף אויף זיין אָרט. אויפן „דרים" איז געווען שטיל און רויק, און מאַנאָטאָנע האָט נאָר געקלאַפּט די מאַשין אין דערדאָזיקער שטילקייט.

פלוצלונג האָבן מוראַדיקע קולות און געוואַלדן אויפגעריסן גאָדפרייען פון שלאָף. עס איז געווען האַלבע נאַכט.

ער איז אויפגעשפּרונגען פון בעטל, הענדום - פענדום אַרויפגעצויגן אויף זיך די הויזן מיט די שיך און זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער טיר.

עמעץ האָט געשריען מיט יאָמערלעכע קולות:

„מיר ווערן דערטרונקען! מיר גייען אונטער! גוואַלד, ראַטעוועט. ראַטעוועט! ראַטעוועט!"

גאָדפריי איז געלאָפן, ווי אין אַ שריפה, פון דער קאַיוטע צו דעם שיפדעק. אויפן וועג האָט ער זיך פאַרטשעפּעט מיט די פיס אָן עפּעס אַ קנויל, וואָס האָט אַרויסגעלאָזט משונהדיקע קלאַנגען, ווי אַ קאַץ, בשעת מען טרעט איר אַרויף אויפן עק. ער האָט זיך איילנדיק צוגעקוקט און האָט דערקענט דעם טאַנצפּראָפעסאָר. ער האָט זיך אָבער נישט אָפּגעשטעלט און איז געלאָפן ווייטער.

אויפן שיפדעק האָט ער געפונען די גאַנצע שיפקאָמאַנדע. די מאַטראָזן זענען אַרומגעלאָפן, ווי משוגעים. יעדער איינער האָט געמיינט, אַז ער האָט צו דערפילן עפּעס אַ וויכטיקן באַפעל און האָט זיך געצאַפּלט מיט די הענט און מיט די רעיונות.

גאָדפרייס אויגן זענען געפאַלן אויפן געהילף, וואָס איז געשטאַנען אַ בלאַסער אונטערן פאַרביקן ליכט פון די לאַמטערנעס.

„וואָס איז געשען?" — האָט ער אַ פרעג געטאָן דעם געהילף. — „אַ צוזאַמענשטויס?"

„איך ווייס גאָרנישט... גאָרנישט..." — האָט יענער געענטפערט. — „איך בין איצט צעמישט..."

„אָבער פאָרט וואָס איז געשען?!" — האָט גאָדפריי אַ געשריי געטאָן.

אין אים האָט זיך מיטאַמאָל דערוועקט דאָס באַוווּסטזיין פון אַ מעכטיקן מיליאָנער.

„אַז איך ווייס נישט!.." — האָט דער געהילף אומבאַהאָלפן אויפגעהייבן די הענט. — „ס'איז אַ נעבל... מען זעט גאָרנישט".

"אָבער מיר טרינקען זיך דאָך!" — האָט זיך גאָדפריי אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ.

ער איז געווען מער באַליידיקט, ווי דערשראָקן, און פאַרן קאָפּ האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אויך בלויז פון אַ באַליידיקונגס־געפיל.

מיטן „דרים" האָט טאַקע אויף אַן אמת געהאַלטן שלעכט. מען האָט געזען, ווי ער לאָזט זיך אַראָפּ און פאַרענדיקט זיין קורץ פראַנטיש לעבן אויפן גרונט פון ים.

דאָס וואַסער האָט שוין פאַרטרונקען דעם אונטערדעק און האָט, קענטיק, אויסגעלאָשן דאָס פייער אין מאַשין־אויוון. דער מאָטאָר האָט שוין מער נישט גערוישט.

פלוצלונג איז אויסגעוואָקסן דער קאַפּיטאַן. ער איז געשטאַנען מיט אַן אויסגעלאָשענער ליולקע אין האַנט און האָט געשריען צום יונגן מיליאָנער:

„וואַרפט אייך אין וואַסער אַריין, הער גאָדפריי! וואָס שטייט איר? איצט איז נאָך נישט שפּעט. אַז די שיף וועט נעמען אונטערגיין, וועט ערגער זיין: דאָס קעסלראָד וועט אייך אַראָפּשלעפּן אויפן דנאָ. ראַטעוועט אייך, הער גאָדפריי!"

גאָדפריי האָט אָבער נאָך געפונען צייט צו פרעגן:

„און הער טאַרטעלעט?"

„דאָס איז שוין מיין זאַך. איך וועל אים זען ראַטעווען... מיר געפינען זיך נישט ווייט פון אַ ברעג".



„און איר, הער קאַפּיטאַן?" — האָט גאָדפריי נישט אויפגעהערט צו פרעגן.

דער אַלטער ים־וואָלף האָט זיך שטאָלץ אָפּגערופן:

„מיין פליכט, הער גאָדפריי, דיקטירט מיר צו פאַרלאָזן דער לעצטער די שיף! אָבער וואָס שטייט איר, וואָס? וואַרפט אייך אין וואַסער! אין וואַסער!"

גאָדפריי האָט זיך פונדעסטוועגן געוואַקלט. עפּעס האָט אים שטאַרק נישט געשמעקט דידאָזיקע וואַנע אינמיטן נאַכט, אין אַ שוואַרצן נעבל. און וואָס וועט שוין זיין, אַז ער וועט זיך אַריינוואַרפן אין וואַסער — צי וועט עס אים העלפן? צי וועט עס אים מציל זיין פון טויט?

די כוואַליעס זענען שוין אָבער אַרויפגעפאַלן אויפן שיפדעק. אַלץ איז פאַרשוועמט און פאַרטרונקען געוואָרן מיט וואַסער. „דרים" האָט זיך געקענט האַלטן בלויז געציילטע מינוטן.

זעענדיק, ווי דער יונגער מיליאָנער קווענקלט און קען זיך אַלץ נישט באַשליסן, האָט אים דער קאַפּיטאַן לייכט אָנגענומען ביים אקסל און אַריינגעשטויסן אין וואַסער אַריין.

גאָדפריי האָט געמאַכט עטלעכע ברייטע באַוועגונגען מיט די הענט און האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון קעסלראָד, וואָס האָט אַלץ מער און מער אַרומגעכאַפּט די שיף.

מיט נאָך אַ פּאָר האַנטבאַוועגונגען האָט ער זיך אין וואַסער אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער שיף און האָט בעת מעשה פיינלעך געטראַכט וועגן דעם, ווי אומגעריכט און שנעל עס איז אָנגעלאָפן די קאַטאַסטראָפע: בלויז געציילטע מינוטן!

אפשר צום ערשטן מאָל אין לעבן האָט ער איצט דערשפּירט, אַז דער כוח פון אַ מענטשן איז זייער אַ באַגרענעצטער און אַז בכלל איז אַ מענטש אַ שוואַך אומבאַהאָלפן און עלנט וועזן.

„דרים” האָט אַלץ טיפער געזונקען אין ים. ער איז געגאַנגען אַראָפּ, אַראָפּ... גאָדפרייען האָבן אַרויסגעשלאָגן טרערן אויף די אויגן. ער האָט זיך אָבער באַלד אויסגעדרייט און איז וועקגעשווומען.

וווהין איז ער געשווומען?

ער האָט אַליין נישט געוווסט. ער האָט זיך געוואָלט ראַטעווען, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז וואָס ווייטער ער וועט אַוועק פון דער שיף, אַלץ בעסער וועט עס זיין פאַר אים.

עס איז אים געווען נישט קאַלט. ווען נישט די שיף־קאַטאַסטראָפע, וואָלט ער איצט געהאַלטן דאָס שווימען פאַר אַ גאַנץ אַנגענעמע גימנאַסטיק. אויפן ים איז געווען שטיל, און ער האָט בלויז געהערט, ווי עס קלאַפּט אים דאָס האַרץ און ווי עס רופט זיך שטיל אָפּ דאָס וואַסער אונטערן פּאַטש פון זיינע הענט...

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט ער זיך גאַנץ אומגעריכט דערקראָגן צו אַ הויכן ים־פעלז. אינדערפינסטער האָט ער זיך לאַנגזאַם אַרויפגעדראַפּעט אויף אים און האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון וואַסער.

נאָכדעם האָט ער זיך אַנידערגעזעצט און זיך טיף איינגעקנוילט, פאַרוקט דעם קאָפּ צו די קני.

ער האָט זיך געוואָלט דערוואַרעמען.

צוגעמאַכט די אויגן, האָט ער זיך דערמאָנט אין סאַן־פראַנציסקאָ, אין דעם פעטער וויליאַם קאָלדערופ, וואָס האָט אים איצט אויסגעזען אַפילו מיט זיינע שווערע מיליאָנען קליין און נישטיק און נאַריש און אומבאַהאָלפן און זיין געדאַנק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער שיינער יונגער פינאַ האָלאַניי, וואָס האָט גאָלדענע האָר און שוואַרצע אויגן.

און עס איז אים מיטאַמאָל וואַרעם געוואָרן, פונקט ווי די זון וואָלט געשטאַנען איבער אים.



אַ נאַסער און אַן איינגעקנוילטער, איז ער געזעסן מיט צוגעמאַכטע אויגן און געשמייכלט און געשעפּטשעט אין די אייגענע קני:

„פינא, איך האַלט נישט שלעכט, ווי מיינסטו? אָבער דו האָסט דאָך מיך ליב, פינאַ, און וועסט אַוודאי וואַרטן אויף מיר... וואַרט, וואַרט, טייערע...”

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך דערמאַנט אין טאַרטעלעטן.

„ער איז דאָך גאָר גערעכט, דערדאָזיקער טאַנצפּראָפעסאָר”, — האָט גאָדפריי אַלץ געשעפּטשעט צו זיינע קני מיט צוגעמאַכטע אויגן, — „ער האָט דאָך כּסדר געטענהט, אַז מען טאָר זיך נישט אָנפאַרטרויען קיין האָלץ און אייזן... אָט האָסטו דיר!.. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער אמת ליגט אין פּחדן און נישט אין דעם דרייסטן און מוטיקן. וואָס וועט אָבער איצט זיין? הא, וואָס קען איצט זיין?”

אין קאָפּ האָבן אים אומגעבלאָנדזשעט פיינלעכע פּרעגנדיקע ווערטער. זיי האָבן אים עטוואָס דאַקוטשעט. אָבער אַזוי ווי ער איז געווען יונג און געזונט און שטאַרק, זענען די דאָזיקע ווערטער באַלד צעשווומען געוואָרן און ער איז האַרט איינגעשלאָפן.

## קאַפּיטל אַכט.

גאָדפריי מאַכט אַ שטיקל חשבון הנפש און קומט צו זייער טרויעריקע רעזולטאַטן; ער האַלט, אַז אַ נסיעה האָט אויך זייער טונקעלע זייטן.

אַז גאָדפריי האָט געעפנט די זון, האָט שוין גענומען טאָגן. ער האָט זיך אויסגעגלייכט, אויסגעצויגן הענט און פיס און טיף אָפּגעגענעצט. נאָכדעם האָט ער זיך אַרומגעקוקט.

מען קען נישט זאָגן, אַז מיט זיין נסיעה איז אים זייער מזלדיק געגאַנגען. אָט זיצט ער אויף אַ פעלז איינער און אַליין און מען קען דאָ אַזוי אָפּזיצן גאַנצע הונדערט יאָר און קיינער וועט נישט קומען צו הילף.

מען דאַרף אָבער נישט זיין קיין טשאַפּע און מען דאַרף באַפּן אַ קוק, ווו מען איז אין דער וועלט. אמת, די לאַגע איז זייער און זייער אַ קריטישע, אָבער קוק טאָן מיט די אויגן שאַדט קיינמאָל נישט.



אַפילו דאָס, אַז די לאַגע איז אַ קריטישע, דאַרף מען אויך איינזען. מען דאַרף זיך נישט לייגן קיין פייגעלעך אין בוזעם און מען דאַרף זיין קלוג און ניכטער.

גאָדפריי האָט זיך אויפגעהייבן און האָט זיך אַרומגעקוקט. ער האָט זיך געפונען אויף אַ הויכן שוואַרצן פעלז, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון וואַסער. עס האָט אַפילו געקענט אַרויסשווימען די פראַגע וועגן ים - צופלוס: צי איז זיכער דער פעלז בשעתן צופלוס? צי פאַרשווענקען אים נישט דעמאָלט די כוואַליעס, אַזוי, אַז ער קען נישט דינען פאַר אַן אָנהאַלט בשעת אַ ים - קאַטאַסטראָפע?

נאָך אַ קליינער אויספאָרשונג האָט גאָדפריי איינגעפונען, אַז דער ים - צופלוס האָט דאָ נישט קיין שטאַרקע שליטה איבערן פעלז און אַז אין דעם פאַל קען מען דאָ זיין גאַנץ רויק.

ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם קאַפּיטאַנס ווערטער, אַז דאָ ערגעץ איז נישט ווייט דער ברעג. אפשר איז טאַקע מעגלעך, אַז ער זאָל זיך אַריבערפעקלען אויפן ברעג?

דערווייל איז ווידער אַריינגעפאַלן אין רעיון דער קאַפּיטאַן.

„צו דעם מענטשן קען מען עפּעס קיין צוטרוי נישט האָבן“,— האָט ער זיך געזאָגט, — „עפּעס געפעלט מיר נישט זיין גאַנצע האַלטונג, זיין כלומרשטע נסיעה צו די אונטערוואַסער - שטיינער. דער מענטש האָט מיך גענאַרט...“

ביי דעם לעצטן וואָרט האָט ער זיך אַזוי ווי פאַרהאַקט.

צי האָט ער אים טאַקע גענאַרט?

דאָ, אויפן פעלז, אינמיטן ים, אַן אומבאַהאָלפענער, האָט ער נישט געקענט באַשליסן דידאָזיקע געזאַלצענע פראַגע.

פאַר אים איז אַרויסגעשווומען אַ וויכטיקערע פראַגע — די פראַגע וועגן ברעג. אויב עס איז אמת, ווי דער קאַפּיטאַן טירקאָט האָט געזאָגט, אַז דער ברעג געפינט זיך דאָ נישט ווייט, טאָ ווי

אַזוי דערשלאָגט מען זיך צו אים? ווּ, אין וואָסער זייט ליגט דער דאָזיקער ברעג?

קוקנדיק אויפן אַרויסגעשטעקטן ים-פעלז, האָט אים גאָדפריי דערוויַיל אויסגעמאָסטן: ער האָט געהאַלטן צוואַנציק טריט אין דער לענג און אַכצן אין דער ברייט.

„דאָס איז נישקשה פון אַ פאַרנעם!" — האָט גאָדפריי געפּרוּווט אַפילו שמייכלען. — „קיין פּאַלאַץ קען מען דאָ נישט אַוועקשטעלן, און אַ גאָרטן קען מען דאָ אויך נישט לאָזן זייען... דאָס איז אייגנטלעך אַ פאַרנעם פון אַ קבר..."

זיין שמייכל האָט אים אָבער נישט אויפגעמונטערט.

ער האָט זיך ווידער דערמאָנט אין דעם ברעג, וואָס קען אים מציל זיין.

„און טאָמער האָט זיך דער קאַפּיטאַן טועה געווען און די מעשה מיטן ברעג איז אַן אייסגעטראַכטע, אויסגעזויגן פון פינגער? וואָס טוט מען דעמאָלט? דעמאָלט... יאָ, דעמאָלט הייסט עס, אַז גאָדפריי מאָרגאַן, דער יונגער מיליאָנער, דער יורש פון דעם געלטגעשוואָלענעם וויליאַם קאָלדערופּ, דער גליקלעכער חתן פון דער שיינער כּלה, דער רייך און דער רום פון דער סאַן-פראַנציסקער יוגנט, דאַרף דאָ, אויף דעמדאָזיקן פעלז, אַן עלנטער און אַן אומגליקלעכער, צומאַכן אויף אייביק די אויגן..."

דאָס האַרץ האָט אים עטוואָס צוגעדריקט. ער האָט אָנגעשטרענגט די אויגן און געזוכט ווייט אין ים, אין אַלע פיר זייטן, עפּעס אַ צייכן, אַ סימן, אַ קאָנטור פון יבשה.

ער האָט געזוכט לאַנג און אָנגעשטרענגט — און האָט אָבער גאָרנישט געפונען. ער האָט געצויגן מיט דער נאָז, טאָמער וועט ער דאָך איינאָטעמען און דערשפּירן דעם כאַראַקטעריסטישן ריח פון אַ ווייטער אומגעזעענער יבשה, — אָבער אומזיסט.



אַרום אים האָט זיך געצויגן און געשפּרייט אַן אומענדלעכער מדבר פון וואַסער.

דער יונגער מיליאָנער האָט איצט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט קיין איין שאַנס נישט, זיך אַרויסצוראַטעווען פון דעמדאָזיקן מדבר. וואָס קען מען דאָ טאָן און ווי אַזוי קען מען זיך ראַטעווען? ווּ זענען די מיטלען דערצו?

גאָדפריי איז בטבע געווען זייער אַ מוטיקער יונגערמאַן, און די ערנסטקייט פון דער לאַגע האָט אים אַזוי ווי באַרויקט.

„ממה נפשך", — האָט ער זיך געזאָגט, — „קען מען נישט לעבן, דאַרף מען כאָטש שטאַרבן נישט ווי אַ פּחדן. אַ מיאוּסע זאַך איז די פּחדנות, אַ מיאוּסע און אַ פּיינלעכע... זי גיט גאָרנישט און פאַרשאַפט בלויז יסורים..."

ער האָט זיך דערמאָנט אין די פּאַסאַזשירן פון „דרים". ווּ איז טאַרטעלעט? ווּ איז ער איצט דערדאָזיקער טאַנצפּראָפעסאָר? צי ליגט ער שוין אויפן גרונט פון דעמדאָזיקן וואַסער-מדבר אָדער דער קאַפּיטאַן האָט אים געראַטעוועט? האָט ער דאָך געזאָגט, דער ים-וואָלף טירקאָט, אַז ער וועט שוין זאָרגן פאַר דעם אומגליקלעכן טאַרטעלעטן... און, יאָ, וויבאַלד אַז ער האָט געקענט זאָרגן פאַר עמעצן, טאָ פאַרוואָס האָט ער אויך פאַר אים, פאַר גאָדפרייען, נישט געזאָרגט? וואָס איז געווען דער שכל און דער מיין, וואָס ער האָט אים דעמאָלט אַריינגעשטויסן אין וואַסער און געהייסן אים שווימען?

אויף אַלע פראַגן, וואָס ער האָט זיך כּסדר געשטעלט אויפן אַרויסגערוקטן פעלז, האָט ער נאָך קיין איין ענטפער נישט געפונען. עס געפינט זיך נישט. פראַגן איז לייכט. דער קאָפּ איז פול אָנגעלאָדן מיט קשיות, וואָס שפּרינגען איינע איבער די אַנדערע אין גרויס אייַלעניש און גערעג, אָבער קיין ענטפער איז נישטאָ.

און עס ווערט אים מיטאַמאָל אומעטיק ביז צום חלשן...

ער דערמאָנט זיך ווידער, אַז מען דאַרף עפּעס טאָן און ער נעמט שרייען און רופן נאָך הילף. אויב עס איז נישטאָ קיין אַנ־דער מיטל, איז כאָטש גוט צו שרייען. אפשר וועט אים דאָך עמעץ דערהערן. אפשר ציטערט ערגעץ דערבּיי אַ מענטשלעכע נשמה און ער זעט זי נישט.

אָבער שריי היינט, שריי מאָרגן, שטרענג אָן דעם האַלדז מיט די לונגען ביז די לעצטע כוחות — קיינער ענטפערט נישט, קיינער הערט דיך נישט.

ער האָט געהערט, ווי דער עכאָ פון זיינע קולות שטאַרבט אָפּ ערגעץ אונטער די האָריזאָנטן און אַ קאַלטער שוידער האָט אים טיילמאָל א צופּ געטאָן ביים רוקן.

ער האָט זיך געזאָגט:

„מען מאכט נישט אַזוינע לייכטזיניקע נסיעות, ווי איך... איך מוז מודה זיין, אַז מיין נסיעה איז לייכטזיניק געמאַכט געוואָרן. איך האָב געדאַרפט אַרויספאָרן מיט אַן אנדער שיף, מיט אַן אַנ־דער קאַפּיטאַן... אַלץ אַנדערש, אַנדערש... איך האָב מיך געאײַלט און איינגאַנצן זיך פאַרלאָזן אויפן פעטער. אפשר איז דער פעטער אויך שולדיק אין מיין אומגליק?..”

דאָס איז אויך געווען א פראַגע, וואָס איז אים געבליבן הענגען אין קאָפּ אָן אַן ענטפער.

עס האָבן זיך אַוועקגעצויגן לאַנגע קלעפּיקע אומעטיקע שעהן. עס איז אים קאַלט געוואָרן. די טראָפּנס פונם געזאַלצענעם ים־וואסער האָבן אים געצופּט דאָס לייב. אַ צאָן אָן א צאָן האָט אים געקלאַפּט. ער האָט זיך אויפגעהייבן און גענומען שפּאַנען איבערן פעלז. צוואַנציק טריט אַהין און צוואַנציק טריט צוריק. ער איז געגאַנגען כסדר, אָן אַ הפסקה, טאָמער וועט ער זיך פאָרט דערוואַרעמען. אין קאָפּ האָט אים אַ זעץ געטאָן עפּעס אַ מידע שווערקייט, פונקט ווי עמעץ וואָלט דאָרט אָנגעגאָסן קאַלטן בליי.



עס איז געווען טאָג, אָבער אָן אַ זון. גרויע פוילע כמאַרעס זענען געהאָנגען אויפן הימל, און גרויע פוילע כמאַרעס האָבן צו־געדעקט דעם ים.

ביי טאָג האָט זיך ערשט אויסגעלייטערט. די זון האָט צע־שמיסן די כמאַרעס. עס איז באַלד וואַרעם געוואָרן. דער ים האָט באַלד געענדערט זיין מראה. אַ גאָלדענע ליכטיקייט האָט מיטאַמאָל אויפגעדעקט זיין גרויס און ברייט.

און דאָ, וווּ ס'איז פריער געווען בלויז וואַסער, האָט גאָד־פריי איצט באמערקט ארויסגעשטעקטע פעלזן, ווי גרויע קעפּ פון ריזן - חיות.

ער האָט געזען אַ סך שטיינער, אָבער איינזאַמע, אומעטיקע, נאַקעטע, וואָס האָבן אים גאָרנישט געקענט געבן. ער האָט איצט געזען דעם גאַנצן ים, ווי ביי זיך אויף דער האַנט — אַ טויטער ים

„איך קוק אָבער מיט אַ מידן אויג,” — האָט ער זיך גע־זאָגט. — „דאָס, וואָס איך זע, איז נאָך נישט אַלץ. איך בין אויפ־געדעגט, לאָמיר זיך נאָר אַ ביסל באַרויקן.”

אין ער האָט זיך טאַקע אַ ביסל באַרויקט. די זון האָט אים דערוואַרעמט. עס האָט אים אויפגעהערט צו קלאַפּן אַ צאָן אָן א צאָן און די שטימונג האָט זיך געענדערט. עס אַ חרפה צו זאָגן — ער האָט זיך איצט געפילט זייער גוט. וואָס עס וועט שפּעטער זיין — וועגן דעם וועט נאָך זיין גענוג צייט צו טראַכטן.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן פעלז און האָט ווידער איינגעדרעמלט אונטער די וואַרעמע שטראַלן פון דער זון. אַלע דאגות און אַלע שווערע פראַגן זענען כּמעט אין גאַנצן פאַרשוווּנדן געוואָרן.

לאַנג האָט ער נישט געשלאָפן, און אַז ער האָט זיך אויפ־געכאַפּט און זיך אויפגעהייבן פון אָרט, האָט ער זיך געפילט זאַט און געזונט און איז געשטאַנען פעסט אויף די פיס. די אויגן האָבן

אויך בעסער געזען. ער האָט זיי טאַקע געהאַט פריער צופיל אָנגעשטרענגט.

ער האָט איצט ווידער געזוכט יבשה. ער האָט געקוקט מיט אויסגעשלאָפענע אויסגערוטע אויגן אין אַלע זייטן און האָט פלוצלונג אויסגערופן, ווי צעמישטער און ווי צו אַ פרעמדן — נישט ווי צו זיך:

„גאָדפריי, ערד! ערד! ערד!"

ווייט פון זיין פעלז האָט זיך געצויגן אַ שוואַרצער פאַס אויפן ים, האָט ער געוווסט, ציען זיך נישט קיין אַנדערע פאַסן אויסער יבשה־ברעגן.

„אויף דער יבשה קען מען דאָך פאָרט געפינען עפּעס אַ שטיקל ישועה!" — האָט ער זיך געזאָגט. — „דאָס איז דאָך פאָרט נישט דער ים! אויב אַזוי, איז דאָך פאַראַן אַ שטיקל האָפענונג, אַ פיצעלע האָפענונג, זיך אַרויסצוקריגן פון דערדאָזיקער נויט..."

דער יונגער מיליאָנער האָט לאַנג נישט געטראַכט. ער האָט זיך נאָר אַרומגעקוקט — אפשר וועט ער ערגעץ דערזען אַ סימן פון אַ רויך, אַ זכר פון דעם אונטערגעגאַנגענעם „דרים". ער האָט אָבער גאָרנישט געזען. דער ים האָט, קענטיק, אַלץ פאַרטרונקען און פאַרגאָסן און פאַרדעקט.

„אפשר מאַטערט זיך עמעץ אויף אַ נאַקעטן פעלז אַזוי ווי איך?" — איז אים פלוצלונג איינגעפאַלן. — „ווו איז דער כינעזער? איז דאָך געווען אַן אָרעמער כינעזער אויף דער שיף... ווו איז אַהינגעקומען זיין געביין? אפשר זיצט ער דאָ ערגעץ אויף אַ פעלז און וואַרט אויף זיין וויסטן סוף?"

גאַדפריי האָט ווידעראַמאָל גוט אָנגעשטרענגט די אויגן אָבער ער האָט קיינעם נישט באַמערקט. אַפילו דער טויטער גוף



פון אַ „דרים"־מאַטראָז האָט זיך נישט אַרומגעוויגט אין די וואַסערן לעבן זיין פעלז.

און דעמאָלט האָט ער אויפגעהייבן הויך די הענט און האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין ים אַריין

ער איז גאַנץ דרייסט און מונטער געשווומען צו דעם פאַס ערד. אין מאַנכע ערטער, ווו דאָס וואַסער איז מיטאַמאָל געוואָרן זייער פלאַך, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און האָט מיט ברייטע טריט געשפאַנט פאָרויס.

דאָס אַריבערפּעקלען זיך אויף דער יבשה האָט זיך אים זייער לייכט איינגעגעבן, — אַ סך לייכטער, ווי ער האָט זיך עס פריער משער געווען.

אין דער ערשטער מינוט האָט ער אַפילו צוגעטאַנצט פון גרויס רחבות און שמחה. אָט איז ער אויף דער יבשה! וואָס פאַר אַן אונטערשיד עס איז פון דעם שמאָלן פעלז ביז דער יבשה! דאָרט האָט מען געקענט אויסגיין פון אומעט און אנגסט, דאָ צעשפּרינגט דאָס האַרץ פון רחבות. אָבער אַז גאָדפריי האָט זיך אַרומגעקוקט און האָט איינגעזען, אַז מען זעט דאָ אויך נישט קיין קיין שום ילוד אשה, קיין קלאַנג פון אַ לעבעדיקן מענטשן, האָבן זיינע פיס אויפגעהערט צו טאַנצן.

ער האָט זיך אָבער געזאָגט:

„מען טאָר נישט פאַלן פון מוט!.. דו האָסט דאָך געוואָלט, גאָדפריי, אויספּרוּוון דיינע כּוחות, דו האָסט דאָך געוואָלט מאַכן אַ נסיעה אַרום דער וועלט... אַ ראָבינזאָן האָסטו דאָך געוואָלט ווערן... דו האָסט זיך דאָך געצאַצקעט מיט דיינע הלומות. נו, טו טאַקע עפּעס אויף און ווייז, אַז דו ביזט אַ שטאַרקער מענטש, וואָס האָט נישט געוואָלט פוילן אין די קאַלטע שטראָמען פון דעם פעטערס מיליאָנען..."

און אין אַ ווײַלע אַרום ער זיך ווידער געזאָגט, פּונקט ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט:

„יאָ, אָבער ווי קען מען לעבן אָן איין מענטשן? אַליין ווי אַ שטיין... וואָלט כאָטש געווען טאַרטעלעט, דערדאָזיקער צרהדיקער טאַנצפּראָפעסאָר מיט זיין שטענדיקן זיפצן און קרעכצן, מיט זיין רעטונגסגאַרטל, מיט זיינע נאַרישע פּחדנישע תנועות און באַוועגונגען. ווער עס זאָל נישט זיין — אַבי אַ מענטש, אַ מענטשלעכער קול, אַ מענטשלעך פּנים, אויגן...“

גאָדפריי איז געשטאַנען אויף אַ זאַמדיקן ברעג. מען האָט דאָך פאָרט באַדאַרפט זען, וואָס איז דאָס פאַר אַ יבשה.

ער איז אַוועק טיפער אין לאַנד. פאַר זיינע אויגן האָבן זיך געצויגן קליינע זאַמדבערגלעך, ווי געלע שטייענדיקע כוואַליעס. ווו נישט ווו האָט זיך געהייבן אַ מאַגער ביימל, אַ איינגעדאַרטער קוסט.

דער יונגער מיליאָנער איז אָבער ווייטער געגאַנגען, פּונקט ווי אַ נישט גוטער וואָלט אים געטריבן. אים האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז ווייטער און טיפער אין לאַנד וועט ער געפינען אַ ישוב און וועט דערהערן אַ קלאַנג פון אַ לעבעדיקן מענטשן.

ער איז אַנטלאָפן פון וויסטקייט, פון שטילקייט, פון טויט, געלן זאַמד.

און אָט האָט ער זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט און איז געבליבן שטיין, ווי אַ פאַרגליווערטער.

אַ קאַלטער שווייס האָט אים אַ זעץ געטאָן אין שטערן.

צווישן צוויי געלע זאַמדבערגלעך איז געלעגן טאַרטעלעט דער פּראָפעסאָר פון טענץ און שיינע מאַניערן.

ער איז געלעגן מיט זיין אויפגעבלאָזענעם רעטונגסגאַרטל. גאָדפריי האָט באַלד משער געווען, אַז טאַרטעלעט האָט זיך אַוודאי אַ געוויסע צייט געהאַלטן אויפן וואַסער, אַ דאַנק זיין רעטונגס-



גאַרטל, אָבער דער ים־צופלוס האָט אים געמוזט פאַרשלעפּן צום ברעג און אַרויסוואַרפן אויף דער יבשה.

גאָדפריי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני אין גענומען וועקן און טרייסלען דעם אַלטן טאַנצפּראָפעסאָר. טאַרטעלעט האָט זיך אָבער נישט גערירט פון אָרט.

איז ער טויט?

דער יונגער מיליאָנער איז צוגעפאַלן מיטן אויער צו זיין ברוסט. ער האָט געהערט, ווי עס קלאַפּט אים דאָס האַרץ, ווי אַן אַלטער זייגער און ער אָטעמט דורך די אָפענע ליפן קוים צום הערן.

דעמאָלט האָט ער אים גענומען מאַכן איינרייבונגען. וואַסער האָט ער געהאַט דערביי אין אַ גריבל, האָט ער איינגענעצט זיין נאָזטיכל און דערמיט גענומען איינרייבן די אַלטע איינגעפאַלענע ברוסט פונם צרהדיקן פּראָפעסאָר. ער האָט אים געריבן די ברוסט, די שלייפן, אַרונטערגעהייבן אים דעם קאָפּ און אים עפטער אַריינגעשריען אין אויער:

„חער טאַרטעלעט! טאַרטעלעט!“

גאָדפריי איז נישט געווען קיין דאָקטאָר, און ער האָט אוודאי נישט באַנוצט די מיטלען, וועלכע מען דאַרף באַנוצן אין אַזאַ פאַל, אָבער מען מוז מודה זיין, אַז בשעת ער האָט אַריינגעטרומייטערט אין דעם אַלטנס אויער, האָט דער טאַנצפּראָפעסאָר עפּעס אַרויסגעמרוקעט, און מען האָט נישט געקענט וויסן וואָס דאָס איז — צי אַ זיפץ, צי אַ קללה, צי סתם אַזוי אַ קלאַנג פון אַ מענטשן, וואָס האַלט אין גוססען.

גאָדפריי האָט אָבער מיט געוואַלד געוואָלט אַריינבלאָזן אין אים לעבן, ווי דאָס טוען אַמאָל קינדער מיט אַ הילצערנעם סאָלדאַטל. ער האָט אים אָן אויפהער געטרייסלט און געריבן, געגאָסן אויף אים קאַלט וואַסער, באַפרייט אים פון דעם רעטונגסגאַרטל און

זיך געטענטלט אַרום אים אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז דער אַלטער טאַרטעלעט האָט געעפנט אַן אייגל און נאָכדעם דאָס צווייטע...

ער האָט עפּעס געטשאַמקעט מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט געקייט. ער האָט געקייט ווערטער, און מען האָט זיי נישט געקענט הערן.

און גאָדפריי האָט געשריען:

„טאַרטעלעט! שטייט אויף! קומט צו זיך! שטאַרקט זיך! עפנט די אויגן! איר לעבט!..״

דער אַלטער פּראָפעסאָר האָט פּלוצלונג געפרעגט:

„ווער שרייט עס?״

„איך! איך! איך, גאָדפריי, שריי, הער טאַרטעלעט! שטייט אויף און קומט צו זיך!״

דער אַלטער האָט זיך אָנגעשטרענגט, האָט זיך אויפגעהייבן אויף די קראַנקע קני, זיך נאָכדעם אַנידערגעשטעלט און זיך ארומגעקוקט.

ביז ער איז געקומען צו די נאָרמאַלע געדאַנקען, האָט ער זיך אַלץ געפרעגט:

„ווו בין איך?״

און אַז ער האָט שוין געקענט צונויפבינדן זיינע רעיונות, האָט ער גענומען שילטן און וואגלען דעם „דרים״ מיט דער נסיעה, מיטן ים, מיטן קאַפּיטאַן, מיטן כינעזער און אפילו (קיינער זאָל נישט הערן) מיטן מיליאָנער וויליאַם קאָלדערופּ.

זיך גוט אָנגעשאָלטן און אָנגעוואָגלט, האָט ער זיך צוגעקוקט צום זאַמד, וואָס איז אים געלעגן אונטער די פיס. און ער האָט געקלאַפּט מיט די שוואַכע פיס אין זאַמד אַריין: ער האָט נאָך אַלץ נישט געגלויבט זיינע אייגענע אויגן, אַז ער געפינט זיך



אויף דער יבשה. אים האָט זיך געדאכט, אַז מען נאַרט אים דאָ אָפּ — אַז מען ווייזט אים זאמד, וואָס איז גאָר באמת — וואַסער...

מען דארף דאָ נאָך צוגעבן איין קלייניקייט: דער אַלטער טאַנצפּראָפעסאָר האָט געהאַט מיט זיך זיין קליינטשיק פידעלע מיטן סמיטשיק. בשעת דער קאַטאַסטראָפע האָט ער זיך דאָסדאָזיקע אינסטרומענטל צוגעבונדן צום האַלדז. ער האָט זיך נישט געקענט שיידן דערמיט, ווי ער האָט זיך נישט געקענט שיידן מיטן רעטונגסגאַרטל. ער האָט זיך דעמאָלט געזאָגט, אַז אויב אומקומען — איז צוזאַמען מיטן פידעל

איצט האָט ער עס אַראָפּגענומען פון האַלדז און שטייענדיק לעבן גאָדפרייען, ווי אַן אויסגעקרומטער סלופּ, האָט ער גענומען שמייכלען מיט זיינע בלאַסע טויטע ליפּן.

„גאָדפריי״, — האָט ער זיך אָנגערופן — „דאָס איז דאָך יבשה, גאָדפריי! וואָס שווייגט איר? וואָס פרייט איר זיך נישט? וואָס טאַנצט איר נישט?״

ער האָט אָפּגעצויגן, דאָס הייסט אָפּגעסקריפּעט מיטן אָטעם און ווידעראַמאָל געזאָגט:

„יבשה איז נישט ים, מיין ליבער תלמיד! אויף יבשה קען מען שטיין און גיין און זיצן און ליגן און שלאָפן און טאַנצן און שפּרינגען! אַלץ קען מען אויף דער יבשה! זאָל דער ים זיין פאַר פיש און פאַר נאַרישע אָקרענטן, פאַר די טירקאָטס און אַלע אַנדערע משוגעים, אָבער פאַר אונדז, גאָדפריי, פאַר אונדז זאָל שטענדיק דינען די לייטזעליקע יבשה.

און צוגעלייגט דאָס פידעלע צום לינקן אַקסל, האָט ער אויסגעבויגט דעם קאָפּ אויף אַ זייט, אַ פיר געטאָן מיט סמיטשיק איבערלופטן ווי אַ דיריגענט און געזאָגט:

„מיין ליבע מיס, שטעלט אייך אין אַ פּאָזיציע! אין שיינע מאַניערן איז פֿאַראַן אַ סך געהאָרזאַמקייט...“

דער אַלטער טאַנצפּראָפֿעסאָר האָט געמיינט, אַז ער לערנט מיט פֿינאַן.

ער האָט לאַנג דיריזשירט מיטן סמיטשיק, עפּעטער צוגעטופּעט צו פֿינאַן מיטן פֿוס, געביטן דעם אויסדרוק אויפֿן פּנים, דאָ ווייך און האַרציק, דאָ בייז און שטרענג און אַלץ אין איין אָטעם גערעדט:

„שטעלט אייך אין אַ פּאָזיציע, מיין ליבע מיס... די פֿיגור, די הענט, די פֿיס, דער קאָפּ — אַלץ מוז באַקומען דעם נייטיקן אויסדרוק... אָט אַזוי, אַזוי, מיין ליבע מיס...“

## קאַפּיטל ניין.

דאָ ווערט גאַנץ באַריכות דערקלערט, אַז נישט אַלץ איז גוט און שיין אין ראָבינזאָנס פּראָפּעסיע.

גאָדפֿריי האָט געמיינט, אַז דער אַלטער איז משוגע געוואָרן. ער האָט זיך אָבער טועה געווען. דער אַלטער האָט זיך בלויז אַזוי אויסטערליש געפֿרייט מיט דער יבשה, מיט דער באַפֿרייונג פֿון זיין טויט-שונא — פֿון ים.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט דער אַלטער גענומען שמייכלען מיט אַ פּאָר אויסגעלייטערטע גוטע אויגן און איז אַרויפֿגעפֿאַלן דעם יונגן מיליאָנער אויפֿן האַלדז.

„גאָדפֿריי“, — האָט ער גליקלעך געטשאַמקעט מיט די ליפּן, — „מיר האָבן זיך דאָך געראַטעוועט!...“

ער האָט געקושט דעם יונגנמאַן און האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן פֿון שמחה.

פון זיינע רייד האָט גאָדפריי פאַרשטאַנען, אַז דער אַלטער מיינט, אַז ער געפינט זיך ערגעץ אין אַ האַפן און פון האַפן קען מען אַריינגיין אין שטאָט. דאָס איז געווען אַ ביטערער טעות, נאַטירלעך, אָבער גאָדפריי האָט אים נישט געוואָלט אויפקלערן די אמתע לאַגע. ער האָט נישט געוואָלט ווידער אַ קלאַפּ טאָן איבער דעם אויסגעמוטשעטן קאָפּ פון דעמדאָזיקן זקן.

טאַרטעלעט האָט געזאָגט:

„קודם, מיין ליבער גאָדפריי, לאָמיר זיך אויסנכאַפּן אין אַ רעסטאָראַציע... עס ציט מיר שטאַרק אין האַרצן. עס ווילט זיך עסן... נו, און פאַראיינוועגס וועלן מיר טאַקע מאַכן לחיים איבער אַ גוט גלעזעלע וויין... איך בין אַזוי פאַרשמאַכט, גאָדפריי, אַז עס קלעבט זיך מיר די צונג צום גומען... דער קאָפּ שווינדלט מיר פון הונגער!"

גאָדפריי האָט זיך געלאָזט גיין מיטן טאַנצפּראָפעסאָר, און דער לעצטער האָט נאָך אַלץ גערעדט:

„פון דער רעסטאָראַציע וועלן מיר אַוועק אויף דער פּאָסט· אין מיר וועלן דעפּעשירן קיין סאַן־פראַנציסקאָ צו קאָלדערופן· ס'הייסט דעם הער קאָלדערופ. איך מיין, אַז מיר וועלן מסתמא באַלד באַקומען אַ פיינע פּאָרציע געלט פון אים און מיר וועלן אַרויספאָרן מיט דער באַן אַהיים... אַפילו קיין איין טאָג נישט צעגערן, גאָדפריי, נאָר טאַקע באַלד אַרויספאָרן אַהיים..."

דער יונגערמאַן האָט זיך ווייניק צוגעהערט צו זיין געמיטלעכער פּלאַפּלעריי. ער איז געגאַנגען פאָרויס און דער טאַנצפּראָפעסאָר האָט אים, אַ גליקלעכער, נאָכגעהונקען.

בערג און בערגלעך האָבן זיך געצויגן אָן אַ סוף און אָן אָנהייב, און אַ שווערע מרה שחורה איז געהאָנגען אין לופטן. די בערג און די בערגלעך זענען געווען ענלעך צו אייננאַנדער, ווי צוויי טראָפּן וואַסער.



אָבער דער יונגער מיליאָנער האָט אַלץ געשפּאַנט פאָרויס מיט פאַרדריקטע ציין. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ווייטער וועט ער קומען צו אַ ישוב אָדער אַפילו צו אַ שטאָט און ער וועט דערזען מענטשן.

„ווו איז דער האַפן, מיין ליבער גאָדפריי?" — האָט דער טאַנצפּראָפעסאָר געפרעגט און האָט קוים אָפּגעצויגן דעם אָטעם. — „עפּעס זע איך נישט דעם האַפן!.. שוין זשע בלאָנדזשען מיר! איך האָב שוין קיין כוח נישט מער!.."

א הויכער באַרג האָט זיי פאַרשטעלט דעם וועג.

גאָדפריי האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך אַרומגעקוקט.

ער האָט געזאָגט:

„הער טאַרטעלעט, איר וועט דאָ צוואַרטן און איך וועל מיך אַרויפדראַפּען אויפן באַרג. פון דאָרט וועט מען קענען זען, ווו מיר געפינען זיך אין דער וועלט".

דער טאַנצפּראָפעסאָר האָט גענומען טרייסלען מיט די הענט.

„ניין, ניין, ניין! דאָס וויל איך נישט! אַליין וויל איך דאָ נישט בלייבן. איך וועל גיין מיט אייך אויפן באַרג. אַ שיינעם יישר־כוח אייך פאַרן וואַרטן אין טאָל. איצט מוז מען היטן איינאַנדער, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. אַז איר גייט אויפן באַרג, גיי איך אויך מיט אייך".

ביידע האָבן זיך גענומען דראַפּען אויפן באַרג, און דאָס, וואָס איז געווען לייכט פאַר גאָדפרייען, איז אָבער געווען שווער פאַר טאַרטעלעטן.

גאָדפריי האָט זיך געמוזט עפּטער אָפּשטעלן און צוהעלפן דעם טאַנצפּראָפעסאָר. צולעצט האָט מען דערגרייכט דעם שפּיץ באַרג, ווו מען האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם און זיך אַרומגעקוקט.

איצט האָט מען געקענט זען אַ שטיק יבשה פאַר די אויגן.

און ווייט, היגטער דער יבשה, ביים סאַמע דרייזאַנט, האָט זיך ווי זילבערנע קייט ווייטער געצויגן דער ים.

פון דעם האָט מען געקענט דרינגען, אַז מען געפינט זיך אויף אַן אינדזל, וואָס האָט זייער נישט געשמעקט דעם יונגן מיליאָנער.

עס איז אייגנטלעך געווען אַ שיינע אינדזל מיט הויכע וועלדלעך, גרינע זעפטיקע לאָנקעס, זילבערנע טייכלעך און באַוואַקסענע בערגלעך. מאַנכע פלעצער האָבן זיך געוואָרפן אין אויג, ווי שיינע פאַרביקע טעפיכער.

אָבער מען האָט אין ערגעץ קיין סימן פון אַ מענטשן, פון אַ מענטשלעכן ישוב נישט געזען.

גאָדפריי האָט געקוקט און געזוכט מיט די אויגן אין אַלע זייטן, טאָמער וועט ער באַמערקן ערגעץ אַ רויך פון אַ קוימען, אָבער אומזיסט. הויכע גראָזן, בלומען, וועלדער, לאַנקעס, אַלץ, אַלץ, אָבער אָן איין מענטשן.

דער אַלטער טאַרטעלעט האָט זיך אויפגעהייבן אויף די שפּיץ פינגער, אַרייננגעשטיטן זיך מיט די אויסגעקוקטע אויגן אין דער ווייטקייט אַריין און זיך אָנגערופן:

„אָבער איך זע דאָך דאָ נישט קיין שטאָט, גאָדפריי!.. וו זענען דאָ איינגעזונקען געוואָרן די שטעט, צו אַלדע שוואַרץ יאָר איך קוק און קוק און איך זע גאָרנישט!..“

גאָדפריי האָט שטיל געזאָגט:

„מסתמא ליגן זיי ערגעץ ווייטער, לינקס, נישט דאָ...“

דער אַלטער האָט זיך פאַרקרימט:

„טאָ זאָל זיין כאָטש אַ דאָרף, אויב נישט קיין שטאָט... אין אַ דאָרף קען מען דאָך אויך עפּעס נעמען אין מויל אַריין...“

„אָבער קיין דאָרף איז דאָ, קענטיק, אויך נישטאָ,“ — האָט גאָדפריי געשעפּטשעט.



„טאָ זאָל כאָטש זיין אַ ישוב, אויב נישט קיין דאָרף... אָט אַ קליינטשיק, קליינטשיק ישובל, גאָדפריי. נאַטירלעך, אָן גזלנים...“

„ניין, הער טאַרטעלעט, קיין ישובל איז דאַ אויך נישטאָ...“ — האָט גאָדפריי געמאָלדן.

„טאָ וואָס איז דאָ פאַראַן?“

„גאָרנישט“...

„וואָס הייסט ביי אייך גאָרנישט, גאָדפריי?“

„גאָרנישט הייסט ביי מיר, אַז מען זעט נישט קיין מענטשן, אַז אַרום איז קיין שום ישוב נישטאָ, אַז מיר שטייען דאָ הונגעריקע און גלאָצן מיט די אויגן, הער טאַרטעלעט...“

„באַ“, — האָט דער אַלטער אַראָפּגעלאָזט די אויגן, — „ליגן מיר דאָך גוט אין דר'ערד, גאָדפריי... עס הייבט זיך דאָך אָן, זע איך, אַ נייע צרה מיט אונדז... דאָס, וואָס מיר זענען אויסגעשטאַנען ביז אַהער, איז געווען, קענטיק, ווייניק פאַר אונדז...“

אין אַ ווײַלע אַרום האָט דער אַלטער אַ פרעג געטאָן:

„ווען מיר דאָך דאָ טאַקע פגרן פון הונגער, ווי מיינט איר? עס איז דאָך עפּעס גאָר שלעכט, גאָדפריי...“

זיין תלמיד האָט אים נישט באַלד געענטפערט. ערשט אין אַ וואָסערע צען מינוט אַרום האָט ער זיך אָנגערופן:

„מיר וועלן דאָ ווערן ראָבינזאָנס, הער טאַרטעלעט!..“

דער אַלטער האָט אויסגעצויגן זיין אַרשיניקע נאָז אויף אַ קלאַפּטער. עס האָט אים געגומען קלינגען אין די אויערן און פינטלען אין די אויגן. וואָס פאַר אַ ראָבינזאָנס און וואָס פאַר אַ חלומות און וואָס פאַר אַ נאַרישקייטן! עסן וויל ער און וווינען אין קאָלדערופּס פּאַלאַצל וויל ער און צווישן מענטשן וויל ער זיין און אין אַ שטאָט וויל ער לעבן און גאַסן וויל ער זען. וואָס הייסט ראָבינזאָן? ווי קומט אַהער ראָבינזאָן, דערדאָזיקער העלד פון אַ קינ

דערשן מעשה - ביכל? וואָס טראַכט ער זיך, דעם מיליאַנערס פּלימעניק? שוין זשע האָט ער איצט געפונען אַ צייט צו שפּאַסן?

„הער גאָדפריי", — האָט ער געזאָגט — „עפּעס רעדט איר מיר דאָ גאָר מאָדנע זאַכן... שוין זשע איז ביי אייך רעכט זיך איצט צו וויצלען מיט מיר? כלעבן, ס'איז אכזריות פון אייער זייט. מיר דאַרפן דאָך לעבן און עסן, הער גאָדפריי!.."

„יאָ, הער טאַרטעלעט," — האָט אים גאָדפריי אָנגענומען ביי דער האַנט, — „מיר וועלן אַוודאי לעבן און עסן. אַנדערש קען עס מסתמא נישט זיין. אָבער קודם הערט מיר אויף צו פאַרקלאָגן דעם קאָפּ... ס'איז מיר אַזוי אויך נישט איבעריקס פריילעך, גלויבט מיר... מען מוז זיך שטאַרקן, אויב מען וויל באמת לעבן. וויינט נישט און קלאָגט נישט און לאָמיר זיך אַקאָרשט באַזאָרגן מיט אַ נאַכטלעגער. מיר האָבן דערווייל נישט וואָס צו טאָן עפּעס אַנדערש..."

זיי האָבן זיך פּאַוואָליע אַראָפּגעלאָזט פון באַרג. טאַרטעלעט איז געקראָכן אויף אַלע פיר און בעת מעשה, ווי זיין שטייגער איז, זיך געשאָלטן און געוואָגלט מיט טויטע קללות. קיין באַשטימענטשן האָט ער אייגנטלעך נישט געשאָלטן, אָבער פאַר די אויגן האָט אים פונדעסטוועגן געטאַנצט אין די קללות דאָס קאַלטע געזיכט פון דעם סאַן - פראַנציסקער מיליאָנער.

דער יונגער גאָדפריי האָט איצט געזוכט עפּעס אַ הייל, אַ באַרגשפּאַלט אָדער אַזוי אַ גרוב אין אַ באַרג, וואָס זאָל זיך טויגן פאַר אַ שטיקל וווינונג, וווּ מען זאָל קענען רויִק אָנשפּאַרן דעם קאָפּ.

מען קען נישט זאָגן, אַז עס איז אים געווען זייער פריילעך אויף דער נשמה. ווי ער איז נישט געווען יונג און לייכטזיניק' האָט ער דאָך גוט פאַרשטאַנען, אַז די לאַגע איז זייער אַ קריטישע. ער האָט נישט געהאַט קיין שום געווער און קיין שום מכשירים, מיט וועלכע מען זאָל קענען אָנהייבן עפּעס אַ שטיקל לעבן אויף



דער אינדזל. מיט די בלויזע הענט קען מען דאָך טאַקע גאָרנישט אויפטאָן!

ווי כאַפּט מען אַ פייגל, אַז עס איז נישטאָ קיין ביקס און ווי קאָכט מען אָפּ אַ מיטאָג, אַז עס איז נישטאָ קיין פייער?

מיט דיזאָזיקע רעיונות איז ער אַרויס אין אַן אומבאַקאַנטן טאָל און האָט זיך צוגעשטעלט.

הינטער אים איז געשטאַנען טאַרטעלעט און האָט שטיל געשאָלטן:

„אַ קלאָג! אַ בראָך! אַן אומגליק! אַ פייער!.."

גאָדפריי האָט אָבער מיטאמאָל דערהערט קרייען אַ האָן. ער האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט פאָרויס און האָט דערזען אַ צענדליק הינער פּיקן אין גראָז און לעבן זיי איז שטאָלץ געשטאַנען אַ פאַרביקער האָן מיט אַן אויפגעהייבענעם קאָפּ, ווי אַ גענעראַל.

נישט ווייט פון דער געמיטלעכער הינער - משפּחה האָט זיך געפּאַשעט אַ קליינע שעפּסן - טשערעדע, און נישט ווילנדיק האָט מען זיך דערמאָנט אין אַ ישוב מיט הייזלעך און מענטשן.

„הער טאַרטעלעט!" — האָט גאָדפריי אויסגערופן אַן אַנטציקטער. — „איר גיט נאָר אַ קוק, וואָס דאָ טוט זיך! עס איז דאָך דאָ צום פרעסן און צום פרעסן!"

„ע!" — האָט דער טאַנצפּראָפעסאָר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — „דאָס זענען ווערטער פון אַ מטורף! איר וועט דאָך מיר, נאַטירלעך, אַנטשולדיקן פאַר מאַנכע אויסדרוקן מיינע, וואָס זענען נישט מער, ווי אַ רעזולטאַט פון מיינע יסורים און ליידן. גלויבט מיר, אַז אין אַ סאַן - פראַנציסקער סאַלאָן לאָזט זיך רעדן איידעלער, ווי דאָ... אָבער קיין... מטורף דאַרף מען פונדעסטוועגן נישט זיין..."

גאָדפריי האָט זיך נישט באַליידיקט. ער האָט זיך בעסער צוגעקוקט צום טאָל און האָט געזען ציגן און עטלעכע

גרויסע קי. זיי זענען אַלע געווען שטאַרק פאַרטאָן אין דער אַ יל מען האָט נאָר געהאַלטן אין איין פרעסן דעם געשמאַקן זעפטיקן גראָז.

אין די פאַרבן פון דידאָזיקע הויז - חיות און הויז - עופות האָט ער געזען עפּעס באַקאַנטעס. און נאָך אַ לאַנגן טראַכטן איז אים איינגעפאַלן, אַז דאָס איז אייגנטלעך „דער לעבעדיקער פראָוויאַנט" פונם „דרים". דידאָזיקע קי און דידאָזיקע שעפסן און עופות האָט ער שוין געהאַט די זכיה און דעם כבוד צו זען נאָך אין האַפן פון סאַן - פראַנציסקאָ.

בשעת די שיף האָט גענומען אונטערגיין, האָבן די חיות, משמעות, זיך געמוזט ראַטעווען דורך שווימען און די עופות — אַ דאַנק זייערע פליגלען. אין פון דעם האָט ער געדרונגען, אַז אין אַ צרה קען זיך אַ חיה לייכטער אַן עצה געבן, ווי אַ מענטש, וואָס איז כלומרשט דער קליגסטער פון אַלע חיות.

יי, די חיות האָט באַלד אונטערגעזאָגט דער אינסטינקט, וווּהין מען דאַרף שווימען און ווי אַזוי מען קען זיך ראַטעווען, און זיי האָבן זיך טאַקע געראַטעוועט.

„איר זעט, הער טאַרטעלעט", — האָט גאָדפריי זיך אָנגערופן און געוואָלט טיילן דעמדאָזיקן געדאַנק זיינעם מיטן אַלטן טאַנצפראָפעסאָר, — „דידאָזיקע באַשעפענישן געהערן צו אונדזער טראַגישן „דרים"... ביי זיין אונטערגאַנג האָבן זיי זיך געראַטעוועט אַלע ביז איינעם, און מיר האָבן זיי דאָ אין טאָל... ווו זענען אָבער די מאַטראָזן פון „דרים"? ווו איז דער קאַפּיטאַן? ווו איז זיין געהילף? ווו זענען די אויוונהייצערס? די מעכאַניקער? מסתמא אַלע, אַלע דערטרונקען געוואָרן, אָבער די חיות אַלע לעבן... זיי האָבן זיך געראַטעוועט, הער טאַרטעלעט".

„עט, ווייס איך וואָס!" — האָט זיך דער אַלטער בייז געקרימט. — „דאָס זענען ווידער רייד פון אַ מטורף... איר וועט



דאָך מיר, נאַטירלעך, אַנטשולדיקן, מיין ליבער גאָדפריי, ווייס מיין צונג איז אַ ביסעלע צו שאַרף... שוין זשע קען מען דאָ אויף דערדאָזיקער אינדזל, פאַרכאַפּט זאָל זי ווערן און נאָך עמעצער צו איר, רעדן אַנדערש, ווי איך רעד?"

אין אַ ווײַלע אַרום האָט דער אַלטער אַ טופּע געטאָן מיטן פוס:

„אָבער איך וויל דאָך עסן, נישט געדאַכט זאָל עס ווערן, און איר סאַרמעט מיך מיט אייערע פילאָזאָפיעס און יינגלשע רייד!.."

אַזוי ווי עס איז נישט געווען קיין פייער, האָט גאָדפריי נישט געוואָלט טשעפּען די אוצרות פון דעם „לעבעדיקן פראָוויאַנט". ער איז אַוועק בעסער זוכן אייער אין די נעסטן פון ווילדע קאַטשקעס. מען האָט געקענט שטילן דעם הונגער מיט אייער און אויך מיט מאַנכע מינים מושלטי, וואָס זענען זייער באַטעמט און אָנגענעם אויף דער צונג.

דער פראָפעסאָר האָט זיך נאָכגעשלעפּט הינטער אים און דאָס ווענטל פונם פידעלע האָט אים ביי יעדן טראַט געפּאַטשט אין זייט.

צווישן די שטיינער פון אַ קליין בוכטעלע האָט גאָדפריי אָנגעקליבן אַ סך אייער און אַ היבש ביסל מושלען. אָבער ווי ביידע זענען נישט געווען הונגעריק, האָבן זיי דאָך נישט געהאַט קיין אַפּעטיט צו די רויע אייער און צו די מושלען.

„פייער, פייער ווו נעמט מען!" — האָט זיך דער אַלטער געקאָכט. — „איך קען נאָר עסן, ווי אַ מענטש, אָבער נישט ווי אַ חיה!.. איר פאַרשטייט, הער גאָדפריי, וואָס מען רעדט צו אייך? איר טאָרט זיך, נאַטירלעך, נישט באַליידיקן אויף מיר, הער גאָדפריי. אין אַ טראַגעדיע, מיין יונגער פריינט, שטעלט מען זיך העכער פון ווערטער..."

גאָדפריי האָט געשמייכלט.

וואָס טוט מען טאַקע אָן פייער. אין זיינע קעשענעס האָט ער בלויז פאַרמאָגט אַ קליין מעסערל, מיט וועלכן מען האָט נישט געקענט מאַכן קיין פייער. וואָס אָנבאַלאַנגט אָבער דעם טאַנצפּראָפעסאָר, האָט יענער געהאַט נישט בלויז פוסטע, נאָר אויך צעריסענע קעשענעס...

פון די אַלע רייזעבאַשרייבונגען, וואָס גאָדפריי האָט לעצטנס אויסגעלייענט אין סאַן - פראַנציסקאָ, האָט ער זיך לסוף דערמאָנט, אַז מען קען מאַכן פייער, ווען מען רייבט האָלץ אָן האָלץ. דאָס איז אַפילו גאַנץ שווערלעך, אָבער אַזוי־אַרום באַקומט מען דאָך פייער.

מען דאַרף אָבער האָבּ, פיר הענט — שוין זשע האָט דער טאַנצפּראָפעסאָר אויך צוויי הענט? זענען דאָס נישט צוויי שמאַטקעלעך, וואָס הענגען אים ביי די זייטן פון די אַקסלען?

ער האָט זיך אָנגערופן:

„הער טאַרטעלעט, מיר מוזן מאַכן פייער, אַבער איך וויל, איר זאָלט מיר צוהעלפן דערין...“

„מיט וואָס זאָל איך אייך צוהעלפן, הער גאַדפריי?“

„מיט די הענט, הער טאַרטעלעט...“

„מיט די הענט... אָבער מיינע הענט האָבן קיינמאָל נישט געאַרבעט. מיט מיינע הענט האָב איך דאָס גאַנצע לעבן געוויזן ווי צו מאַכן פיינע פיגורן און פּאָזיציעס...“

„יאָ, אָבער איר מוזט דאָך מיר צוהעלפן!“ — האָט שיין גאָדפריי ביזלעך געזאָגט. — „אַ שוואַכער מענטש מוז אויך צואַרבעטן אין אַ נויט!..“

„איך מוז!.. איך מוז!.. פאַרברענט זאָל ער ווערן!..“ — האָט דער פּראָפעסאָר עמעצן געשאָלטן.

אָבער עס האָט נישט געוואָלפן: ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט



אויף די דאַרע קני און האָט געהאָלפן רייבן די צוויי לאַנגע קלעצלעך, וואָס גאָדפריי האָט אויסגעפונען.

פון דערדאָזיקער רייבעניש איז אָבער קיין פייער נישט געוואָרן.

דער טאַנצפּראָפעסאָר האָט געשוויצט, געסאַפּעט, געאַרבעט מיטן לעצט ביסל כּוחות, אָבער אַ נעכטיקער טאָג — טאַרטעלעט האָט שוין גיכער געברענט, ווי גאָדפרייס קלעצלעך.

דעמאָלט האָט דער אַלטער אַ שפּיי געטאָן און האָט זיך אויפגעהייבן, אַ בייזער ווי אַ בין.

„די גאַנצע מעשה איז אַ ליגן, הער גאָדפריי“, — האָט דער אַלטער פאַרביסן אַ זאָג געטאָן. — „ס'איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך! די ווילדע האָבן גאָר קיינמאָל נישט געמאַכט קיין פייער מיט האָלץ. דאָס שרייבט מען נאָר אַזוי אין די נאַרישע מעשה - ביכלעך און נאַרישע קעפּ גלויבן זיי. איר דאַרפט אייך, מיין טייערער, אויף מיר נישט באַליידיקן. בשעת אַ מענטש גייט אַרום מיט אַ ליידיקן מאָגן, קען ער קיין ווערטער נישט קלייבן, ווי מען קלייבט איינציקע פּערל. איך ווייס אויך, וואָס עס הייסט שיין און גוט רעדן, דאָס איז דאָך מיין פּראָפעסיע... אָבער זעט, ווו איך האַלט, ווו איך בין, ווי איך זע אויס... אָך און וויי צו מיין היינטיש לעבן...“

גאָדפריי האָט זיך אָנגערופן:

„פאַראַן אַפילו אַן אַנדער מיטל ווי אַזוי אָפּצובאַקן אייער...“

„וואָס פאַר אַ מיטל?“ — האָט דער אַלטער געפרעגט.

„אַן אינטערעסאַנט מיטל. מען נעמט אַן איי, מען בינדט עס אַרום מיט אַ פאָדעם און מען דרייט עס אינדערלופטן... מען דרייט עס זייער שנעל, פאַרשטייט איר, און נאָכדעם הערט מען פּלוצלונג אויף און פון דידאָזיקע באַוועגונגען באַקט זיך אָפּ דאָס איי...“

דער אַלטער האָט בייז געשמייכלט.

„לאָמיר שוין אָנעמען, אַז מען קען אַזוי־אַרום אָפּבאַקן אַ אײ, אָבער ווי נעמט מען אַ פֿאָדעם?"

גאָדפֿריי האָט זיך קינדיש צעלאַכט. זײַן יונג בלוט האָט עפּעס אינגאַנצן פֿאַרגעסן אין דער קריטישער לאַגע, וואָס האָט אַזוי געפּייניקט דעם אַלטן.

צולעצט האָט ער גענומען אין דער האַנט אַן אײ און זיך אָנגערופֿן צום טאַנצפּראָפֿעסאָר:

„איר ווייסט, ווי מען עסט פּשוט אַן אײ?"

„ווײַזט שוין אַמאָל! לאָמיר שוין דערלעבן עס צו זען!" — האָט זיך דער אַלטער געבייזערט.

גאָדפֿריי האָט אָנגעקלאַפּט דאָס אײ און האָט עס שטייענדיק פֿאַר איינמאָל אויסגעטרונקען.

דער אָרעמער טאַרטעלעט האָט אָבער בשום אופֿן נישט געקענט עסן קיין רויע אייער. האָט ער זיך בעסער גענומען צו די מושלען.

שפּעטער אָבער האָט ער געוואָרטשעט

„מ'האָט אַ יונגן געזונטן מאָגן, קען מען אַלץ עסן, אָבער איך..."

ביידע האָבן פֿונדעסטוועגן אָפּגעגעסן.

איצט האָט מען געדאַרפֿט אויסגעפֿינען עפּעס אַ פּאַסיקן אָרט פֿאַר אַ נאַכטלעגער

דער אַלטער האָט ווידער געוואָרטשעט, גייענדיק הינטער דעם שלאַנקן גאָדפֿרייען:

„יאָ, געפֿינען אַ נאַכטלעגער האָבן די ראָבינזאָנס אַלעמאָל געקענט... פֿייער — דאָס נישט, אָבער אַ שטיקל הייל, צי אַ גרוב — אין דעם איז קיין דוחק נישט געווען..."

זיי האָבן גענומען שפּאַנען צווישן די טאָלן, זוכנדיק מיט די אויגן עפּעס אַ נאַכטלעגער.



און אַ מאָדנע זאַך: נאָך זיי האָבן זיך נאָכגעשלעפּט די אַלע פֿירפֿיסיקע און פֿליגלדיקע איינוווינער פֿון דעם אונטערגעגאַנגענעם „דרים". די חיות און עופֿות האָבן זיך שטיל און ערנסט נאָכגעשלעפּט נאָך די מענטשן, פּונקט ווי זיי וואָלטן געזוכט בײַ זיי אַ זיכערע היים.

פֿון די טאָלן איז מען אַרויסגעקומען אויף אַ פֿרייען פּלאַץ, אַרומגערינגלט מיט שטילע וועלדלעך. עפּעס אַ לופֿט, וואָס האָט זיך, קענטיק, קיינמאָל נישט געגערט מיט די ריחות פֿון לעבעדיקע ברואים, האָט זיי אַ בלאָז געטאָן אין פּנים.

דער אַלטער טאַרטעלעט האָט זיך אַפֿילו דערשראָקן.

„ע, ברודערקע!" — האָט ער אַ זאָג געטאָן — ער האָט לגמרי פֿאַרלאָרן די סאַלאָן־שפּראַך. — „איך קען אײַך שווערן, אַז זינט די וועלט איז וועלט, האָט נאָך דאָ קיינמאָל נישט געטראָטן קיין מענטשלעכער פֿוס... איר פֿאַרשטייט, און וואָס פֿאַר אַ צרה מיר זענען אַרײַנגעפֿאַלן? אויף אונדז קען מען באמת זאָגן, אַז מיר זענען אַרײַנגעפֿאַלן פֿון וואַסער אין פֿײַער, און איך ווייס נישט, וואָס עס איז בעסער... איך שרעק מיך, הער גאָדפֿריי, איך שרעק מיך, און דאָס איז נישט קיין גוטער סימן... אויפֿן „דרים" האָב איך מיך אויך געשראָקן..."

„וואָס זעט איר דאָ פֿאַר אַ געפֿאַר, הער טאַרטעלעט?" — האָט גאָדפֿריי רויִק געפֿרעגט.

דער אַלטער האָט זיך פּשוט געטרייסלט.

„איך זע דאָ די גרעסטע סכּנה!" — האָט ער געשריִען. — „איר זענט עפּעס אַ מבין אויף אַזאַ שטיקל ערד? מען קען דאָך דאָ משוגע ווערן פֿון פּחד!.. איך האָב פֿײַנט אַ געסל, ווו מען זעט נישט קיין מענטשן, בפֿרט נאָך אַן אינדזל, ווו קיין מענטשלעכער פֿוס האָט נישט געטראָטן!.."

דער אַלטער האָט גענומען דעם סמיטשיק איז דער האַנט און האָט מיט אים ברייט אַ וויז געטאָן אַרום זיך.

אויף דער וועלט זענען דאָ מיליאַרדן מענטשן, ה׳ גאָדפריי, און קיין איינער פון זיי האָט נישט באַטראַכטן דידאַזיקע יבשה!.. פון אַזאַ מחשבה קענען זיך אויפהייבן די האָר אויפן קאָפּ... ס׳איז שלעכט, ס׳איז זייער שלעכט, הער גאָדפריי!..״

דער יונגער גאָדפריי, פאַרכאַפּט פון די שיינע מאַלערישע וועלדלעך, האָט גאַרנישט געהערט, וואָס דער אַלטער האָט מיט אים איינגעטענהט.

ער איז געשטאַנען און געקוקט, ווי אַ פאַרכישופטער.

„אפשר איז דאָ טאַקע אַזוי שיין, ווייל דאָ זענען קיינמאָל קיין מענטשן נישט געווען?״ — האָט אַ שפּיל געטאָן אַ מחשבה אין קאָפּ.

ער האָט לאַנג נישט געקענט אָפּרייסן די אויגן פון דערדאָזיקער שטילער שטומער ז ו י ב ע ר ע ר שיינקייט. צולעצט האָט אים דער טאַנצפּראָפעסאָר אַ צי געטאָן פאַרן אַרבל.

„הער גאָדפריי״, — האָט ער געזאגט, — „מיר שטייען דאָ צו לאַנג. איך וויל פונדאַנען אַנטלויפן און איר, זע איך, קענט אייך גאָרנישט אָפּרייסן פון דעמדאָזיקן פאַרשאָלטענעם ווינקל. איך בין אָבער מיד, הער גאָדפריי, און די אויגן קלעבן זיך מיר״.

זיי זענען אַריין אין אַ נאָענטן וועלדל. קיין היילן און גריבער האָט מען נישט געפונען, האָבן זיי זיך ביידע אויסגעצויגן, אַרונטערגעלייגט דער הענט אונטער די באַק און אַזוי איינגעשלאָפן, ווי דערהרגעטע.

נישט ווייט פון זיי האָבן זיך אויסגעלייגט די פירפיסיקע און פליגלדיקע איינוווינער פון „דרים״.



## קאַפּיטל צען.

מ׳ייז פאַסט זיך צו צום לעבן אויפן אינדזל: עס איז אים טאַקע זייער שלעכט, אָבער ער קען זיך נישט העלפן.

די נאַכט איז אַדורכגעלאָפן אָן שום פאַסירונגען. ביידע אויסגעמוטשעטע „דרים״-פּאַסאַזשירן האָבן גוט געשלאָפן.

אינדערפרי, דעם 7-טן יוני, האָט זיי אויפגעוועקט דאָס קרייען פון הענדל. דער יונגער גאָדפריי האָט זיך באַלד דערמאָנט, וווּ ער איז און וואָס מיט אים איז געשען, אָבער דער אַלטער טאַנצפּראָפעסאָר האָט זיך לאַנג געריבן די אויגן, זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, געקרעכצט, געטשאַמקעט מיט די ליפּן, געהוסט, געסאַפּעט, געמרוקעט מיט דער אַרשיניקער נאָז און, משמעות, בשום אופן נישט געקענט קומען צו די קלאָרע רעיונות.

צולעצט האָט ער זיך אַ ביסל אונטערגעהייבן און זיך אָנגערופן:

„זאָגט מיר, גאָדפריי, מיין טייערער, צי דען ווע̄לן מיר היינט עסן אויך אַזאַ פרישטיק, ווי נעכטן אַ מיטאָג! דאָס איז זייער אַ וויכטיקע פראַגע ביי היינטיקע שווערע צייטן...”

„אַזוי זעט עס אויס, הער טאַרטעלעט,” — האָט גאָדפריי געענטפערט. — אפשר וועט אונדז אָפּגליקן פאַרן טאָג און מיר וועלן ערשט פאַרנאַכט זיך נעמען רעכט צו דער סעודה. דערווייליע דאַרף דער מאָגן צו ליידן אַ ביסל, הער טאַרטעלעט.”

דער אַלטער האָט זיך פאַרקרימט.

„איך פרעג אייך, מיין ליבער גאָדפריי, פאַר וועמעס זינד דאַרף אָפּקומען מיין אָרעמער מאָגן? פאַרוואָס קומט עס אים צו ליידן? ענטפערט, אויב איר קענט!”

גאָדפריי האָט, נאַטירלעך, געשוויגן. וואָס האָט ער געקענט ענטפערן דעם אַלטן טאַנצפּראָפעסאָר, וואָס האָט, נישט געקוקט אויף זיין אייִדעלער און לופטיקער פּראָפעסיע, דאָס גאַנצע לעבן געטראַכט פון גאַנץ מאַטעריעלע זאַכן, ווי עסן, טרינקען און שלאָפן. עפּעס אַנדערש, העכערס, איז אים קיינמאָל נישט געקראָכן אין קאָפּ.

און פאַרשטאַנען האָט אויך גאָדפריי, אַז דער אַלטער איז אים אַ קנאַפּע הילף אין זיין שווערער קריטישער לאַגע און אַז אויב ער וויל דערהאַלטן דאָס לעבן, מוז ער אַליין אינטענסיוו אַרבעטן סיי מיטן רעיון און סיי פּשוט מיט די הענט. דער אַלטער פּראָפעסאָר דאַרף באַטראַכט ווערן, ווי אַן אויסטערלישער שאָטן, וואָס קען קרעכצן און נודיען און בעטן עסן.

„הער טאַרטעלעט”, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, — „מיר האָבן דאָ נאָך אַ קליין ביסל אייער און מושלען. איר קענט שוין פּראָווען אייער פרישטיק, אויב איר ווילט...”

„דאָס הייסט אָן פייער, רוּיִערהייט?”

„נו, יאָ, רוּיִערהייט!” — האָט גאָדפריי רויִק באַשטעטיקט.



„איך דאַנק אייך!” — האָט דער אַלטער בייז אַ מרוקע געטאָן אונטער דער אַרשיניקער נאָז.

„איר האָט מיר נישט וואָס צו דאַנקען”, — האָט גאָדפריי געשמייכלט, — ווי איר האָט זיך נישט וואָס צו בייזערן, הער טאַרטעלעט, איך האָב דאָך מיט אייך נישט געמאַכט קיין קאָנטראַקט, אַז איך וועל אייך דאָ, אויף דערדאָזיקער אומבאַקאַנטער ערד צושטעלן פון כּל טוב. מיר געפינען זיך אין אַ שווערער לאַגע, הער טאַרטעלעט, און מען דאַרף זיין אַ מענטש מיט כאַראַקטער און מיט שכל. קרעכצן און אָיקען העלפט דאָ נישט און אייער מאָגן וועט דערפון זיכער נישט ווערן זאַט...”

דער אַלטער האָט זיך אָנגעצונדן.

„וואָס הייסט קרעכצן און וואָס הייסט קלאָגן, הער גאָדפריי! אַזוי קען רעדן אַ יינגל אָדער סתּם אַ שוטה, וואָס קוקט אויף דער וועלט מיט אַן אָפענעם מויל און אַן אַרויסגעשטעקטער צונג... איר וועט דאָך מיר מסתּמא אַנטשולדיקן, הער גאָדפריי, אַז אַ מענטש שלאָפט אָפּ אַ נאַכט אויף דער נאַקעטער ערד און שטייט אויף מיט אַ ליידיקן מאָגן און מיט צעבראָכענע ביינער, קען ער זיך נישט האַלטן אין די ראַמען פון פיינער העפלעכקייט און פון געקליבענע אויסדרוקן... איך מוז זיך קלאָגן און שרייען און קרעכצן, ווייל מיר איז שלעכט, מיר איז זייער שלעכט, מיר איז ביטער, כאָטש נעם און צעוויין זיך ווי אַ קינד...”

פונדעסטוועגן האָט דער אַלטער אויפגעגעסן דאָס ביסל מושלען, וואָס ער האָט געהאַט ליגן לעבן זיך. איינגעשטילט דעם מאָגן, האָט ער זיך אַליין אויך איינגעשטילט.

גאָדפריי האָט דערווייל באַשלאָסן אויסצופאָרשן ווייטער דאָס אינדזעלע. אפשר קען מען זיך פאָרט ראַטעווען פונדאַנען און אַריבערפּעקלען זיך ערגעץ אין אַ ישוב, צי אין אַ שטאָט.

אַזוי, אַז מען זאָל קענען געבן צו וויסן דעם פעטער און ער זאָל אַרויסשיקן הילף?

ער האָט זיך אויפגעהייבן און זיך אַרומגעקוקט. אין וועלדל האָט זיך אַרומגעדרייט דער „לעבעדיקער פּראָוויאַנט", פון „דרים": שעפסן, ציגן, קי און דער האָן מיט די הינער האָבן צעגראָבן די ערד מיט די פייגלשע פיס און געזוכט קערנער אין איר.

דער יונגער מיליאָנער האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב ער וועט זיך אַוועקלאָזן אויף זיינע אויספאָרשונגען. וועט אָט דער „עולם" פון „דרים" זיך מיטשלעפּן מיט אים און סוף כל סוף וועט ער פאַרלאָרן גיין. דאָס איז דאָך טאַקע פּראָוויאַנט, און וויבאַלד אַזוי, באַדאַרף מען עס היטן און האַלטן אויף איין אָרט.

דעריבער איז אים איינגעפאַלן, ער זאָל גיין אַליין און דאָ איבערלאָזן דעם אַלטן תּרח, ער זאָל אַכטונג געבן אויף דעם „לעבעדיקן פּראָוויאַנט."

אויב ער טויג נאָך צו עפּעס, איז עס טאַקע בלויז דערויף, ער זאָל ווערן אַ פאַסטוך...

גאָדפריי האָט אים דערקלערט, אַז ער מוז אים איבערלאָזן דאָ אויף אַ געוויסער צייט, ווייל ער וויל מאַכן אַ שטיקל אויספאָרשונג און פעסטשטעלן, ווו מען איז אין דער וועלט.

דער אַלטער האָט אויסגעצויגן די אומצופרידענע לאַנגע נאָז.

„און ווי איז, אַ שטייגער, אַז איר וועט פאַרפאַלן ווערן און איך וועל אייך מער אין די אויגן נישט זען?" — האָט ער געפרעגט.

גאָדפריי האָט אים לייכט אָנגעפּאַטשט אין פּלייצע.

„שרעקט אייך נישט", — האָט ער געזאָגט, — „איך וועל נישט פאַרפאַלן ווערן! איר וועט דאָ זיצן און וואַרטן אויף מיר. איך וועל נאָר אַדורכגיין דאָס וועלדל און די בערג."



ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו דעם אַלטן און איז אַוועק אין וועלדל. דער אַלטער האָט אים נאָכגעשריען:

„פאַרגעסט נישט, מיין טייערער, צו דעפּעשירן קאָלדערופּן, ס'הייסט דעם הער קאָלדערופּ... איר וועט דאָך מסתּמא טרעפן אין וועג אַ שטאָט..."

גאָדפריי האָט זיך צעלאַכט און האָט גענומען מונטער שפּאַנען אין וועלדל.

פון וועלדל איז ער אַריין אין אַ געדיכטן וואַלד און איז געגאַנגען פאָראויס מיט דער זיכערקייט פון אַ מענטשן, וואָס האָט אַ באַשטימטן וועג פאַר זיך.

געגאַנגען איז ער צו די קעגנאיבערדיקע בערג וואָס האָבן זיך געהייבן איבערן וואַלד.

עס איז געווען פריילעך און אָנגענעם צו גיין. דער וואַלד איז געווען אָנגעפילט מיט וואָרקענדיקע ווילדע טויבן, מיט קליינע אָדלערס, מיטן קוקו... די ליבע פליגלדיקע פאַרביקע באַשעפענישן האָבן געפּיפּטשעט, געוואָרקעט און געברומט פון אַלע צווייגן און בעת מעשה באַגלייט אים מיט די אויגן און גרויס חידוש. ווו נישט ווו האָט ער געזען סימנים פון טריט, וואָס האָבן, קענטיק, געהערט צו גרויסע הירשן און באַרגציגעלעך.

דער וואַלד האָט געלעבט. יעדער פייגל האָט זיך פיין דורכגעשמועסט אויף זיין לשון און האָט פאַרגאָסן דעם וואַלד מיט מוזיקאַלישע קולות. עס האָט נאָר געפעלט דער לשון פון אַ מענטשן, אין וועלכן ער האָט זיך איצט אַזוי שטאַרק גענייטיקט.

ער האָט זיך דערמאָנט אין פינאַ. ער האָט זי געזען, ווי זי זיצט ביים קלאַוויר מיט די גאָלדענע האָר און טאַנצט מיט די לאַנגע פינגער איבער די ווייסע קלאַווישן.

אַך, ווי ער דאַרף זי האָבן דאָ, אין דעמדאָזיקן עלנט און צער. זי וואָלט אים באַרויִקט און צוגעגעבן פרישע כוחות און מוט.

ער איז געגאַנגען און האָט זי אַלץ געזען מיטן אויג און מיטן געדאַנק, און ער האָט זיך ווידער געזאָגט, אונטער די קלאַנגען פון די אומבאַקאַנטע וואַלדפייגל, אַז ער האָט זי פאַרלאָזט לייכטזיניק און נאַריש.

בכלל האָט ער די גאַנצע נסיעה אָנגעהייבן לייכטזיניק און נאַריש, און האָט זיך באַצאָלט דערפאַר.

לאַנג אָבער האָט ער נישט געקענט טראַכטן וועגן איין זאַך. די אומבאַקאַנטע פרעכטיקע לאַנדשאַפטן האָבן אים כסדר אויפגעריסן די אויגן און אָוועקגעריסן זיין געדאַנק פונעם פעטערס הויז און פון פינאַן. ער האָט געזען ווילדע עפלביימער, אויסטערלישע סאָסנעס, ריזיקע דעמבעס, ברייטע צעשפרייטע ליפעס און הויכע בזשאָזעס. די זון האָט דורכגעשאָסן אירע שטראַלן דורך די געדיכטע צווייגן פון וואַלד און האָט געוואָרפן גאָלדענע ציטעריקע פלעקן אויף דער ערד.

איבער זיין קאָפ האָבן געפלאַטערט הונדערטער פאַרביקע פליגלען פון פייגל. זיי זענען אים געפלויגן פאָראויס, פון די זייטן און פון הינטן און האָבן אים פאַרגאָסן מיט מונטערע קלינגענדיקע קולות.

ער איז געגאַנגען אין אַ מלוכה פון פייגל און ביימער, ביימער און פייגל, און דאָס וואַרעמע גאָלד פון דער זון האָט געציטערט אויף זיי.

ער איז געגאַנגען און האָט געטראַכט וועגן דער אינדזל. צו וועמען קען זי געהערן? וואָס איז עס פאַר אַ יבשה? און אים איז איינגעפאַלן, אַז דאָס מוז זיין אָדער אַ כינעזישער אָדער אַ יאַפאָנישער ערד. אַזוי האָט זיך עס אים געלייגט



אויפן רעיון, נאָכדעם, ווי ער האָט באַטראַכט און באַרעכנט דעם מאַרשרוט פון „דרים“.

זיכער איז אָבער נישט געווען. עס איז בלויז געווען אַ געדאַנק, אַ השערה, אַן איינפאַל, וואָס האָט, ווי אים האָט זיך געדאַכט, געשטימט מיט דער ווירקלעכקייט.

סוף כל סוף האָט ער זיך שטאַרק איינגעמידט גייענדיק. על פי יושר האָט ער זיך געמעגט אַוועקזעצן אָפרוען. אָבער אַן אינערלעכער אימפעט האָט אים, ווי מיט אַ בייטש, געטריבן פאָרויס און פאָרויס.

פון וואַלד איז ער אַרויסגעגאַנגען אויף אַ גרינער זוניקער לאָנקע, און דאָ האָבן זיך אָנגעהייבן די בערג.

די מידע פיס האָבן זיך צוגעשטעלט אויף אַ ווײַלע, אַ קאַלטער שווייס איז אים אַרויסגעטראָטן אויפן שטערן. אפשר וואָלט ער זיך פאָרט צוגעזעצט אָפרוען אויף דער לאָנקע?

ער האָט זיך אָבער געזאָגט:

„גיי, גיי, שטיי נישט, רו נישט! דיין מאָרגן איז נישט קיין זיכערער, דיין לעבן הענגט דאָ אינדערלופטן!.. מען טאָר נישט רוען, מען דאַרף נישט זיין פויל, מען דאַרף זוכן אַן אויסוועג!“

און ער האָט אָנגעהייבן צו קלעטערן אויף דעם העכסטן באַרג פון דער בערג-גרופע.

אויף דעמדאָזיקן באַרג איז נישט געווען קיין וועג, און עפטער האָט מען זיך געמוזט דראַפען מיט די הענט און מיט די פיס. מען האָט געמוזט אַרבעטן מיט שווייס, מיט דער העכסטער אָנשטרענגונג. טיילמאָל האָט ער באַדאַרפט קריכן אויף אַ גלייכער גלאַטער וואַנט און האָט אַ ליאַדע מינוט געקענט אַראָפפאַלן אין אַ טיפן פעלזיקן טאָל. ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט און האָט זיך געדראַפעט אַלץ העכער און העכער.

וואָס האָט ער אייגנטלעך געוואָלט?

ער האָט געוואָלט זען דעם טייל אינדזל, וואָס איז געלעגן פון יענער זייט באַרג. אפשר איז דאָרט פאַראַן אַ ישוב? אפשר וועט ער דאָרט געפינען עפעס אַזוינס, וואָס וועט אים געבן אַ מעגלעכקייט זיך דאָ, אויף דער אינדזל, זיך איינצואָרדנען?

דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפט, אין די שלייפן האָט אים געהאַקט און אין די אויערן האָט אים געקלונגען ווי מיט טויזנט גלעקער. ער האָט זיך אָבער נישט אונטערגעגעבן און מיט פאַרביסענע ציין זיך געדראַפעט אויפן שפיץ פון באַרג.

אָבער וואָס העכער ער האָט זיך אויפגעהייבן, אַלץ שווערער איז געוואָרן דער וועג. עס איז געווען אַ גלאַטע וואַנט און מען האָט זיך געדאַרפט דראַפען אויף איר, ווי אַ קאַץ. ער האָט זיך אָנגעכאַפט פאַר יעדן גריבל, פאַר יעדן אַרויסגערוקטן שפיץ פון א פעלז און מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם זיך גערוקט פאָרויס.

און אָט האָט ער מיט די לעצטע כוחות דערגרייכט דעם שפיץ באַרג.

ער האָט אָפגעצויגן דעם אָטעם, זיך אַרומגעווישט דעם שווייס און זיך ארומגעקוקט.

אַן אינדזל... אָט דער העכסטער באַרג האָט אים נאָכאַמאָל באַשטעטיקט, אַז ער געפינט זיך אויף אַן אינדזל, וואָס איז פון אלע זייטן אַרומגערינגלט מיט ים...

דאָס האַרץ איז אים געפאַלן פון צער. איצט ווייס ער, אַז אַלע וועגן, וואָס פירן צו דער ציוויליזירטער „וועלט“ און דערעיקרשט צו סאַן-פראַנציסקא, זענען אָפגעהאַקט געוואָרן, און קיינער קען אים נישט העלפן. עס זענען פאַראַן צוויי ברירות: אָדער מאַכן זיך אַ טויט און איינמאָל פאַראַלעמאָל



פטור ווערן פון אַלע זאָרגן און פיין, אָבער אַוועקשטעלן אַ מצבה אויף אַלע האָפענונגען, וואָס האָבן אים ביז אַהער געוואַרעמט דאָס האַרץ, און זיך נעמען איינאָרדנען אויף דערדאָזיקער אינדזל, ווי ראָבינזאָן האָט זיך אַמאָל איינגעאָרדנט.

זיין יונג בלוט האָט, נאַטירלעך, געהאַלטן פון דער צווייטער ברירה...

„מען דאַרף לעבן“, — האָט ער זיך געזאָגט, — און מען דאַרף קיין פחדן נישט זיין... איך אַליין בין שולדיק אין מיין גורל און איך אַליין דאַרף אויך דורכן לעבן אויסקויפן די-דאָזיקע שולד. מאַכן זיך אַ טויט איז נישט קיין קונץ. אַ קונץ איז צו לעבן אין אַזאַ נויט!“

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן שפיץ באַרג און האָט זיך אויסגערוט. ווידעראַמאָל האָט ער זיך געפרעגט: וואָס איז דאָס פאַר אַן אינדזל און צו וועמען געהערט זי? עס קען דאָך נישט זיין, אַז אַ שטיק יבשה זאָל זיך „אַרומוואַלגערן“ אויף דער וועלט אָן אַ באַלעבאָס... מסתמא איז דאָך דאָ עפעס אַ מלוכה, וואָס האָט צוגערעכנט אָט דאָס שטיק ערד צו אירע לאַנד-אוצרות.

ער האָט אָנגעשטרענגט דעם רעיון, געטראַכט און געחשבונט, אָבער אַזוי ווי ער האָט בכלל געהאַט א קנאַפע השגה אין געאָגראַפיע, האָט ער נישט געקענט באַשטימען דעם אָרט פון דער אינדזל און די מלוכה, צו וועלכער זי האָט געהערט.

און אַזוי ווי די אינדזל האָט נישט געהאַט קיין באַשטימטן אָרט אין זיינע אויגן און מען האָט אויך נישט געקענט דערקענען קיין סימנים פון א באַלעבאָס, צו וועלכן זי זאָל געהערן, האָט ער די אינדזל אַ נאָמען געגעבן פ י נ א.

„יאָ, דידאָזיקע אינדזל וועט הייסן פינא, צום אָנדענק

פון יענעם גאָלדבאַלאָקטן קעפּל, וואָס איך האָב עס אין אַ גליקלעכער שעה אַזוי אומפאַרציילעך לייכטזיניק פאַרלאָזט.

ער האָט זיך אויפגעהייבן און האָט זיך נאָכאַמאָל אַרומגעקוקט. ער האָט איצט געזוכט עפּעס אַ ישוב אויף דער אַנדער זייט פון די בערג. זיין אויג האָט אָבער געזען בלויז וואַלד און לאָנקע און קליינע לוסטיקע טייכלעך. פון א ישוב איז קיין זכר נישט געווען. אין די גרינע פאַרבן פון די ביימער, אין די פריילעכע שמייכעלעך פון די בלומען און אין די קלינגענדיקע לידלעך פון די זאַטע פייגל האָט זיך געפילט עפּעס אַן אָפּגעריסנקייט און אַ ווייטקייט פון מענטשן, אַן אָפּגעריסנקייט און אַ ווייטקייט, וואָס ציען זיך אפשר טויזנטער יאָרן. מעגלעך, אַז דער אַלטער תּרח איז גערעכט: זינט דידאָזיקע אינדזל עקזיסטירט, האָט דאָ נישט געטראָטן קיין מענטשלעכער פוס.

גאָדפריי האָט שוין אייגנטלעך נישט געהאַט מער וואָס צו טאָן אויפן באַרג. זיין טרויעריקע אויספאָרשונג האָט זיך געענדיקט. איצט קען ער זיך שוין אומקערן צוריק צו דעם אַלטן תּרח, ווי ער האָט גוטמוטיק אָנגערופן דעם בידנעם טאַנצפּראָפעסאָר.

אָבער פאַרן אַראָפּגיין פון באַרג האָט ער פּלוצלונג באַמערקט אין דערווייטנס עטלעכע ריזיקע ביימער, וואָס האָבן זיך אַזוי ווי צוזאַמענגעגאָסן און זיך געצויגן ווי א ברייטע גרויע וואַנט.

ער איז געשטאַנען און געקוקט אויף דערדאָזיקער ווייטער ביימערוואַנט און זיך בעת מעשה געזאָגט:

„אָט דאָרט איז טאַקע דער אמתער פּלאַץ פאַר אַ וווינונג. איך בין איצט מיד און צעקלאַפּט. לאָמיר נאָר אויסרוען, וועל איך ווידער קומען אַהער און דאָרט, ביי די ביימער לייגן דעם



פונדאַמענט צו אונדזער אָרעמען ישוב... אַ מער פּאַסיקערן אָרט האָב איך נאָך דערווייל נישט געפונען. יאָ, מיר וועלן וווינען אין שכנות מיט די גיגאַנטן-ביימער.“

ער האָט שוין געוואָלט אַראָפּגיין פון באַרג און איז ווידעראַמאָל געבליבן שטיין אויף איין אָרט, ווי אַ צוגעשמידטער: ער האָט דערזען אַ רויך...

הונדערטער רעיונות האָבן אים, ווי אַ ווינט, אַ טאַנץ געטאָן אין קאָפּ. ווי קומט אַהער אַ רויך? וואָס באַדייט עס? אפשר וווינען דאָ פּאָרט מענטשן? אפשר פאַרלייגן דאָ אַ פייער די איינצלנע מענטשן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון דער אונטערגעגאַנגענער שיף?

ער האָט אויפגעריסן די אויגן און האָט געקוקט טיף אין דעם ווייטן רויך אַריין. אפשר האָט ער אַ טעות? אפשר נאַרט אים דאָס אויג? איז עס באמת אַ רויך?

אין אַ ווײַלע אַרום איז עס אים קלאָר געוואָרן. דאָס איז געווען אַ קליין שיטער וואָלקנדל, געטראָגן און צעשפּרייט פון ווינט.

נישט קיין רויך, נישט קיין ישוב, נישט קיין מענטשן. נאָך אַ האָפענונג האָט אים געפּלאַצט, ווי אַ זייפנבלאָז...

פּאַוואָליע האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט פון באַרג. ער האָט זיך נישט געאיילט, מחמת ער האָט זיך געפילט שלעכט: דער רויך האָט אים אָפּגענאַרט.

אַראָפּ פון באַרג, האָט ער זיך געוואַקלט אויף די פיס און זיך עפּטער אומגעקוקט. ער האָט קיינעם נישט געזען. עס איז געווען שטיל און אומעטיק.

אין זיינע טריט האָט ער געהערט עפּעס אַ לשון, ווי עמעץ וואָלט אים נאָכגעגאַנגען און גערעדט צו אים:

„דו ביזט אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט. גאָדפרי, ווער ווייס, צי דו וועסט נאָך אַמאָל קומען צו אַ מענטשלעכן ישוב...“

דער וועג האָט געדויערט ביי אַ האַלבע שעה. צווישן די ביימער, אין דער געזעלשאַפט פון הינער, ציגן און בעק האָט ער דערזען טאַרטעלעטן. ער איז געשטאַנען אויף זיינע צרהדיקע טאַנצפיס און האָט געקוקט מיט הונגעריקע אויגן אין דער ווייטקייט אַריין.

„נו, וואָס?“ — האָט ער אַ פרעג געטאָן דעם יונגן מיליאָנער. — „האָט איר טעלעגראַפירט אַהיים?“

גאָדפריי האָט שטיל געענטפערט:

„די פּאָסט איז פאַרמאַכט... איך ווייס, אפשר איז ביי זיי היינט אַ יום-טוב“...

„וואָס זשע טוען מיר?“

גאָדפריי האָט געזאָגט:

„איך ווייס נישט. דערווייל וויל איך עסן. לאָמיר פריער אָפּעסן און נאָכדעם וועלן מיר שמועסן.“

ביידע האָבן זיך אָראָפּגעלאָזט אין גראָז און גענומען שלינגען רויע אייער און מאָלוסקן.

דער טאַנצפּראָפעסאָר האָט זיך געקרימט און געקרעכצט. עפּעס אונטער דער נאָז. שפּעטער האָט ער אַ שפּיי געטאָן און געמורמלט עפּעס אונטער דער נאָז.

גאָדפריי האָט געזאָגט:

„אייגנטלעך, איז עס אַ גאַנץ געזונט עסן, הער טאַרטעלעט. מען דאַרף גאָרנישט קיין בעסערע דיעטע פאַר אונדז...“

דער אַלטער טאַרטעלעט האָט אויפגעציטערט פון גרימצאָרן. ער האָט אַ שליידער געטאָן דאָס שאָלעכטס פון אַן איי און האָט גענומען שרייען:



„איר פאַרשטייט דאָך, מסתּמא, הער גאָדפריי, אַז מען האָט נאַרישע ווערטער, גולמדיקע, מוז מען אויפגעצונדן ווערן, בפרט נאָך אין אַזאַ לאַגע... איר וועט עס דאָך מיר מוחל זיין, נאַטירלעך... איך בין אַ מענטש אַן איידעלער, מיין ליבער, אָבער די איידלקייט ווערט אַ ביסעלע שוואַכער, ווען דער בויך הייבט אָן צו בורטשען (דאָס איז אויך נישט קיין איידעלער אויסדרוק, איר וועט מיר אוודאי אַנטשולדיקן, הער גאָדפריי...) פון הונגער און שוואַכקייט... אפילו ליידן נויט איז אויך גלייכער מיט אַ קלוגן, איידער מיט אַ נאַר... דאָס איז אַ כּלל, וואָס איך וועל אים ערשט רעכט באַגרינדן און אַנטוויקלען, ווען איך וועל קומען קיין סאַן-פראַנציסקאָ... דאָס איז זייער אַ פּראַקטישער כּלל, מיין ליבער גאָדפריי, און איר מעגט אים גוט אַריינעמען אין זינען...“

גאָדפריי האָט זיך נישט צוגעהערט צו זיינע רייד. ער האָט בעסער געגעסן, געשלונגען איין איי נאָכן אַנדערן מיט אַן אַפּעטיט פון אַ פאַרצייטישן זעלנער, וואָס האָט דורכגעמאַכט הונדערטער מיילן צופוס.

צולעצט איז דער אַלטער ווייכער געוואָרן און האָט זיך אָנגערופן מיט אַן איכה-טאָן:

„עך, ווי איז צו אונדז! מיר האָבן הינער, מיר האָבן שעפּסן, ציגן. מען קען עסן קאָטלעטן, ביפשטעקסן, זראַזעס, רומשטעקן, געבראָטנס, געפּרעגלטס, געקאָכטס... מיר האָבן אָבער קיין פייער נישט!..“

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, זיך אַרומגעוויגט פון גרויס צער און עגמת נפש, זיצנדיק אויף דער ערד, און גאָדפריי, אַריינגעוואָרפן אין זיך אַ צענדליק אייער, האָט צוגעמאַכט די אויגן, אַראָפּגעלאָזט דעם יונגן קאָפּ אין ווייכן גראָז און געכאַפּט אַ דרעמל. ער האָט קוים מיט צרות איינגעשטילט דעם הונגער.

## קאַפּיטל עלף.

מען קנייטשט דעם שטערן וועגן א דירה, מען שמועסט, מען רעדט און מען איז זיך מיישב. מען קען נישט זאָגן, אַז עס גייט זיי זייער גוט.

גאָדפריי האָט געשמועסט וועגן אַ שטיקל וווינונג, ווו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן. טאַרטעלעט האָט גאָרנישט געוואָלט הערן דערפון. ער האָט געטענהט, אַז ער וויל זיך דאָ נישט באַזעצן. מען מוז באַלד ארויספאָרן קיין סאַן-פראַנציסקאָ.

דערזען, אַז מען קען מיט אים גאָרנישט מאַכן, האָט זיך גאָדפריי געמאַכט הארץ און איז אַרויסגעפאָרן מיטן אמת.

ער האָט געזאָגט:

„הער, טאַרטעלעט, איך מוז מיט אייך זייער ערנסט רעדן. איר מוזט זיין געדולדיק און מיך אויסהערן. די לאַגע אונדזערע איז זייער אַן ערנסטע"...

„וואָס הייסט?"



„מיר נעפינען זיך אויף אַן אינדזל... אַרום אונדז איז ים, הער טאַרטעלעט. ביז מיר וועלן קענען קומען צו אַ ישוב, מוזן מיר זיך דאָ איינאָרדענען..."

„אויף אַן אינדזל!" — האָט זיך דער טאַנצפּראָפעסאָר. אַ כאַפּ געטאָן און די אָדערן האָבן זיך אים אויפגעהייבן אויף זיין פאַרמעטענעם שטערן. — „וואָס איז דאָס פאַר אַ ווערטער? פאַראַן נאַראָנים און נאַראָנים! צי איז מיר באַשערט צו רעדן מיטן גרעסטן נאַר אין דער וועלט?... איר וועט זיך דאָך נישט באַליידיקן מסתמא, מיין ליבער גאָדפריי, וואָס די צונג איז דאָ צו שאַרף געוואָרן... די נויט איז שולדיק..."

„איך באַליידיק מיך נישט," — האָט גאָדפריי באַמערקט, — „אָבער איך זאָג אייך נאָכאַמאָל, אַז מיר געפינען זיך אויף אַ ווייטער אינדזל און מען מוז זיך ערנסטער באַציען צו דער לאַגע. מען מוז טראַכטן פון אַ וווינונג... איר פאַרשטייט?"

דער טאַנצפּראָפעסאָר האָט גענומען שרייען:

„איך פאַרשטיי גאָרנישט! גאָרנישט! און איך וויל גאָרנישט פאַרשטיין!! וואָס רעדט איר מיר פון אַזוינע זאַכן? מיר מוזן פאָרן אַהיים! איר פאַרשטייט, זע איך, זייער שלעכט דעם גאַנצן ענין..."

גאָדפריי האָט אים נישט געענטפערט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער אַלטער איז ווילד געוואָרן פון פחד און מען קען זיך בשום אופן נישט צוזאַמענזינגען מיט אים. דער יונגער מיליאָנער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז בעסער אַוועק צפּעס עסן. עסן מוז מען דאָך, וואָס עס זאָל נישט זיין און ווי עס זאָל נישט זיין.

עס איז ווידער אַוועק אַ לאַנגער און אַ נאַרישער טאָג, וואָס האָט קיין שום נייס נישט געבראַכט. אויף דעם אייגענעם אָרט, וואָס נעכטן, האָט מען אויך דאָסמאָל איבערגענעכטיקט, און דער

אַלטער טאַרטעלעט האָט געוואָרטשעט און זיך געקרימט און געשאָלטן און געוואָגלט סאַמע ביז ער איז איינגעשלאָפן.

צומאָרגנס האָט גאָדפריי שאַרף אַ זאָג געטאָן:

„הער טאַרטעלעט! מיר האָבן דאָ נישט וואָס צו זיצן אין וועג אַריין!"

„אין וואָסער וועג?" — האָט דער טאַנצפּראָפעסאָר, ביז ווי אַ בין, אַ פרעג געטאָן.

גאָדפריי האָט געזאָגט:

„מיר האָבן דאָ נישט וואָס צו זיצן. מיר מוזן זיך איינאָרדענען, ווי מענטשן. ביז מיר וועלן קומען קיין סאַן-פראַנציסקא, מוזן מיר זיך דאָ מאַכן באַקוועמער!"

דעל אַלטער האָט געוואָרטשעט, אָבער ער האָט זיך דאָך אויפגעהייבן און האָט אַוועקגעשפּאַנט צוזאַמען מיט גאָדפרייען. נאָך זיי זענען געהאָרכזאַם נאָכגעגאַנגען די הינער, ציגן, בעק און קי.

זיי זענען געגאַנגען פּאָרויס כמעט אָן הפסקות. אָפּגעשטעלט אויף געציילטע מינוטן האָבן זיי זיך נאָר אין אַזוינע ערטער, ווו זיי האָבן געקאָנט אָנקלייבן פרישע אייער צום עסן.

ביידע זענען געגאַנגען און געשוויגן. גאָדפריי האָט געטראַכט פון דער שיינער פינאַן, וואָס טרינקט איצט אוודאי שמעקעדיקן קאַווע ביי זיך אין שיינעם צימערל און דער אַלטער טאַרטעלעט האָט געטראַכט פון סאַן-פראַנציסקא און פון די גרויסע וויינגעשעפטן אויף דער סאַקראַמענטאָ-גאַס, ווו מען קען באַקומען דאָס בעסטע פלעשל ווייַן פאַר גראָשנס.

אויסער די גוטע וויינגעשעפטן, זענען אין סאַן-פראַנציסקאָ אויך פאַראַן אויסגעצייכנטע רעסטאָראַנען, ווו מען קען זיך אונטערלענען דאָס האַרץ מיט די בעסטע מאַכלים. און דער אַלטער האָט געזען גרויסע שויפענסטער, פאַרשטעלט מיט פלעשער



ווייַן און גרויסע שויפענסטער פון רעסטאָראַנען, ווו עס זענען געשטאַנען לאַנגע טעלער מיט קעפּ פון פיש, באַלייגט מיט רויטע שטיקעלעך מיירן און יונגע געבראָטענע הינדלעך...

„אַ כאָלערע..." — האָט ער געשעפּטשעט און עמעצן געשאָלטן.

אַרום און אַרום האָט געשוויגן די טויטע אינדזל. עס האָבן געשוויגן די הויכע ביימער, די לופט, דער הימל.

זיי זענען אַלץ געגאַנגען פּאָרויס, פּונקט ווי זיי וואָלטן באמת געהאַט אַן אָרט, וווהין זיי האָבן באַדאַרפט קומען.

גאָדפריי האָט כסדר געוואָרפן די יונגע שאַרפע אויגן אויף רעכטס און אויף לינקס און געזוכט עפּעס אַ צייכן. אַ זכר פון אַ מענטשן אָדער פון אַ מענטשלעכן ישוב.

פּלוצלונג האָט ער באַמערקט אַ גאַנצע שורה ביימלעך, באַהאָנגען מיט רויטע עפּעלעך. ער האָט באַלד דערקענט, אַז דאָרט זענען די אַזויגערופענע „מאַנזאַנילין", אַ פּרי וואָס איז שטאַרק פאַרשפּרייט ביי די אינדיאַנער אין קאַליפאָרניע.

„הע-הע!" — האָט ער אַ טאַנץ געטאָן מיט די יונגע פיס, וואָס האָבן שטענדיק אַרויסגערופן גרויס קנאה ביים צרהדיקן טאַנצפּראָפעסאָר. — „מיר האָבן דאָך עפּעס גאָר אַ גוטע זאַך צום עסן, חוץ די אייער!... הער טאַרטעלעט, איר זעט נאָר, וואָס מיר האָבן דאָ צו עסן!"

דער טאַנצפּראָפעסאָר האָט זיך צוגעשאַרט אויף די אויסגעדרייטע פיס צו די ביימלעך. ער האָט זיך אָפּגעסאַפּעט און האָט גענומען שאָקלען מיטן קאָפּ.

נאָכדעם האָט ער אָפּגעריסן אַ פּאָר עפּעלעך און האָט זיי אויפגעגעסן.

„נישט שלעכט, נישט שלעכט!" — האָט ער געוואָרטשעט. — „כלעבן, גאָרנישט שלעכט."

ביידע האָבן גענאָסן און געגעסן.

דאָס זענען אייגנטלעך געוועןווילדע עפּעלעך, אַפילו שטאַרק זויער, אָבער גאַנץ באַטעמט. ווען מען זאָל אַרויסנעמען פון זיי דעם זאַפט און צונויפמישן אים מיט וואַסער, וואָלט מען באַקומען אַ געשמאַקן געטראַנק, וואָס איז אַזוי וויכטיק דאָ, אויף דער איינזאַמער און עלנטער אינדזל.

גאָדפריי האָט געטראַכט פון דעם, אָבער ער האָט זיך געזאָגט, אַז דאָס איז אַ שפּעטערדיקע זאַך. דערווייל דאַרף מען ווייטער גיין.

און מען איז ווייטער געגאַנגען. ווען נישט דער אומעט און די איינזאַמקייט, וואָלט דאָ גאָרנישט שלעכט געווען. זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין אַזאַ פעטער זוניקער גרינקייט פון צמחים, אַז דאָס האַרץ האָט זיך נישט ווילנדיק דערפרייט און גענומען זינגען.

ריזיקעביימער האָבן זיך געצויגן צום הימל, זאַפטיקע גראָזן האָבן פאַרדעקט די ערד. פון די גראָזן האָבן נאַיוו אַרויסגעקוקט פאַרביקע בלומען און מאַנכע האָבן זיך לייכט געגויגט פון ווינט צו די אָרעמע וועגלייט.

מאַנכע ביימער זענען געווען אַזוי הויך און דיק, אַז זיי האָבן געמאַכט אַן איינדרוק פון געוואַלדיקע בנינים. גאָדפריי איז געבליבן שטיין אַן איבעראַשטער פאַר דידאָזיקע ביימער. יעדער בוים האָט פאַרנומען אַ ברייטן שטח, ווי אַ הויז און געהאַלטן האָט ער זיך דאָס רוב אויף דער דיקער פעסטער קאָרע, ווייל אינעווייניק איז ער געווען אויסגעהוילט. אין דער קאָרע איז געווען אַ ברייטע עפענונג, ווי אַ טיר, פאַרהאָנגען מיט צווייגן און בלעטער. די בלעטער זענען אויך געווען משונה גרויס און ברייט.

גאָדפריי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין גראָז און האָט זיך



איבערגעווישט דעם שטערן. טאַרטעלעט האָט געטאָן דאָס אייגענע. דער עולם חיות און עופות האָט זיך אויסגעזעצט און אַרומגעלייגט אַרום זיי.

זיך עטוואָס אויסגערוט און אָפּגעצויגן דעם אָטעם, האָט גאָדפריי געזאָגט:

„הער טאַרטעלעט, מיר שיינט, אַז מיר וועלן דאָ האָבן אַ וווילע דירהלע... מיר זוכן שפּאַלטן און היילן אין דער ערד — איז דען נישט בעסער און באַקוועמער אַ וווינונג אין אַ בוים? איר קוקט נאָר אָן דעמדאָזיקן גיגאַנט — ער וועט אונדז באַשיצן פון אַלדאָס בייז... עס איז אַן אויסגעצייכנטע דירה, הער טאַרטעלעט!"

נאָכדעם האָט ער זיך אויפגעהייבן, אָנגענומען דעם אָרעמען טאַנצפּראָפעסאָר ביי דער האַנט און האָט אים אַריינגעשלעפּט אין דער מלוכה פון גיגאַנט.

אינעם אויסגעהוילטן בוים איז געווען שטאָק־פינסטער און דושנע — אַ סימן, אַז די קאָרע איז פעסט און איז ערגעץ נישט געשפּאָלטן. אין אַ שטורעם, אין אַ געוויטער, אין אַ שלאַקסרעגן האָט מען זיך דאָ געקענט פילן זיכער און רויִק, ווי אין אַ הויז אין שטאָט.

דער אַלטער טאַרטעלעט האָט אַרומגעטאַפּטשעט אינדערפינסטער, ווי אין אַ גרויסן שטאַל און האָט געוואָרטשעט.

גאָדפריי האָט געזאָגט:

„נישט געדאגהט, הער טאַרטעלעט! עס וועט זיין גוט! אַ דירה האָבן מיר שוין!.."

„יאָ, אַ דירה!" - האָט דער אַלטער זיך אָפּגעוואָרטשעט. — „אָבער וווּ נעמט מען פייער? וווּ נעמט מען ליכט? דאָ איז דאָך אַזוי פינסטער, אַז מען קען זיך די אויגן אַרויסנעמען! חשך מצריים, הער גאָדפריי!"

„עס וועט זיין ליכט אויך, הער טאַרטעלעט! אַלץ מיטאַמאָל ווילט איר? האָט נאָר אַ ביסל׳ע געדולט און פאַלט נישט פון מוט! איר לאָזט זיך נאָר דינען, הער טאַרטעלעט. מיט אַ דירהל׳ע זענען מיר שוין באַזאָרגט און גאָט וועט ווייטער העלפן!"

זיי זענען אַרויס פון בוים אין דער גאָלדענער ליכטיקייט פון טאָג. דאָס האַרץ האָט זיך געפרייט און געזונגען פונם גרינס, פון די גיגאַנטן-ביימער, פון די נויגנדיקע בלומען, פונם קלאָר זילבערן טייכעלע, וואָס איז דערביי געלאָפן און פון דעם בלויען הימל, וואָס איז געהאָנגען הויך איבערן קאָפּ.

אפילו די חיות און עופות האָבן דאָ גאָר אויפגעלעבט און מען האָט געמעגט שווערן, אַז די בעק האָבן געשמייכלט. זיי האָבן געקוקט מיט די מלמדישע בערדעלעך אַרום זיך און האָבן געשמייכלט.

די קי האָבן מיט גרויס הנאה און תענוג אַראָפּגעלאָזט די גרויסע קעפּ צו די זאַפּטיקע גראָזן און די הינער האָבן געפּאָכט מיט די פליגלען, זיך פריילעך אַדורכגעשמועסט צווישן איינאַנדער און זיך גענומען צום פּיקן...

עס איז געווען אַ שטיל האַרציק בילד, אַן אידיליע, וואָס האָט געגלעט די נשמה. עס האָט נאָר געפעלט פייער, אין וועלכן מען האָט געקענט פאַרגעסן, ווען דער אַלטער פּראָפעסאָר וואָלט עס עפּטער גישט דערמאָנט מיט זיין וואָרטשען.

דער טאָג האָט זיך שוין גענומען לעשן. ווי אין סאַן-פראַנציסקאָ, האָס זיך אויך דאָ אַרונטערגעגליטשט ביים האָריזאָנט אַ רויטע זון און אַן ערנסטע פאַרטראַכטקייט האָט זיך אויסגעגאָסן אויפן הימל.

די צוויי איינזאַמע מענטשן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין גראָז און זיך ווידעראַמאָל גענומען צו דער אָרעמער אייער-



אכילה. דאָסמאָל אָבער האָט מען פאַרביסן מיט די ווילדע עפּלעך, וואָס האָבן ביידן שטאַרק געשמעקט.

אַז עס איז געוואָרן פינסטער, איז מען אַריין אין בוים. גאָדפריי האָט געמאַכט אַ ווייכן געלעגער פון גראָז און פון בלעטער, און מען האָט זיך געלייגט שלאָפן.

ביידע האָבן זייער גוט געשלאָפן די נאַכט, ווי אין אַ צימער. אינדערפרי איז מען אויפגעשטאַנען, אויסגערוטע און אָפּגעפרישטע. גאָדפריי האָט זיך פּלוצלונג דערמאנט אין זיין פעטער, וויליאַם קאָלדערופּ, וואָס איז געווען אַזוי משונה הויך און ברייט, און האָט זיך אָנגערופן:

„הער טאַרטעלעט, אונדזער הויז מוז טראָגן אַ באַשטימטן נאָמען. אַלץ אין דער וועלט האָט אַ נאָמען, ווי אייך איז באַקאַנט. זאָל הייסן דער בוים, דאָס הייסט אונדזער הויז, וויליאַם, נאָך מיין פעטער, און פאַרקירצט: ווילי-בוים... עס געפעלט אייך?"

„געפעלט, געפעלט!" — האָט דער פּראָפעסאָר געוואָרטשעט. — „פאַראַן דאָ וואָס צו געפעלן! אָך און וויי צו אונדז! אפשר האָט איר עפּעס קליגערע און וויכטיקערע זאַכן אין זינען, הער גאָדפריי? איך דאַרפט זיך, נאַטירלעך, נישט באַליידיקן אויף מיר, וואָרים די רויע אייער מיט די זויערע עפּלעך ווירקן שלעכט אויף מיין מאָגן און איך קען קיין שיינע און העפלעכע ווערט נישט צוקלייבן..."

גאָדפריי האָט זיך פריילעך צעלאַכט און גענומען אַרומשפּרינגען אין גראָז.

מען מוז אָבער מודה זיין, אַז גאָדפריי איז בעצם נישט געווען אַזוי לייכטזיניק, ווי עס האָט זיך געקענט אויסווייזן אויפן ערשטן קוק. פאַר דער לעצטער צייט האָט זיך דער צע-

באַלעוועטער און אויסגעפּיעסטעטער יונגער מיליאָנער שטאַרק געענדערט אין כאַראַקטער.

ער איז געווען ערנסט און זיין מוח האָט שטאַרק געאַרבעט. די גאַנצע זאָרג פאַר דער עקזיסטענץ אויף דעמדאָזיקן אינדזעלע האָט ער גענומען אויף זיך. עס איז נישט געווען ווער עס זאָל אים העלפן און ער האָט עס אַליין אויסגעצייכנט גוט פאַרשטאַנען.

ער האָט געוווּסט, אַז ער געפינט זיך אין אַ קריטישער לאַגע, פאַרוואָרפן און אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט, אָבער ער האָט זיך ערנסט געזאָגט, אַז ער טאָר נישט פאַלן פון מוט, אַז ער דאַרף זיך האַלטן אויף די פיס ביז דעם לעצטן אָטעם און אַז ער מוז געפינען עפּעס אַן אויסוועג.

„איך טאָר נישט שטאַרבן פאַר דער צייט!" — האָט ער זיך געזאָגט.

אַזוי ווי אַ דירה איז שוין דאָ, האָט מען זיך אומבאַדינגט געמוזט באַזאָרגן מיט פייער. דאָס פייער איז איצט געווען דאָס נייטיקסטע און וויכטיקסטע פאַר זייער עקזיסטענץ, אָבער ווי באַקומט מען עס און ווו געפינט מען עס?

און וויפל מאָל ער האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ און געטראַכט וועגן דעם, איז ער יעדעס מאָל געקומען צו איין און דעמזעלבן געדאַנק, אַז ער איז נאָך ווייניק באַקאַנט מיט דער אינדזל און אַז ער מוז זי פריער גוט באַטראַכטן און אויספאָרשן.

אַזויאַרום איז ביי אים אויסגעקומען, אַז די באַקאַנטשאַפט מיט דער אינדזל איז דערווייל נאָך וויכטיקער, ווי דאָס צאַרבעטן און מיען זיך אויף דער דערפינדונג פון פייער.

ווער ווייסט, אפשר וועט אים דידאָזיקע באַקאַנטשאַפט געבן אַלץ, וואָס ער זוכט?



ון אָט האָט ער זיך טאַקע דעם 29-סטן יוני אינדערפרי ווידעראַמאָל אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין, איבערלאָזנדיק דעם אַלטן תּרח אינם „ווילי-פּאַלאַץ". ער איז געגאַנגען באַקוקן און באַטראַכטן די אינדזל פון אַ נייעם ווינקל.

דערווייל האָט ער אַלץ געזען ביימער און בלומען און גראָז און פייגל. קליינע זילבערנע טייכעלעך האָבן ווו נישט ווו איבערגעשניטן די געדיכטע סאַמעטענע גרינקייט. און אַז ער האָט זיך צוגעקוקט צום וואַסער, האָט ער געזען דערין צאַפּלדיקע פישלעך.

מען האָט געקענט כאַפּן פיש, פייגל. פון הונגער האָט מען דאָ, אַפּנים, נישט געקענט שטאַרבן. עס איז געווען פון כּל-טוב, אָבער פייער האָט געפעלט!

גייענדיק ווייטער, האָט ער געפונען אין דער ערד באַקאַנטע מינים וואָרצעלעך, וואָס אינדיאַנער עסן זיי. מאַנכע מינים ווערן געגעסן רויערהייט און מאַנכע — געקאָכטע.

איין מין זייערער הייסט „קאַמאַס" און איז ענלעך צו אַ ציבעלע. ווען מען טריקנט אויס דידאָזיקע וואָרצעלעך, באַקומט מען דערפון זייער גוטן מעל, וואָס זעטיקט ווי ברויט און איז באַטעמט אויף דער צונג. די אינדיאַנער עסן עס תּמיד.

מיטן „קאַמאַס" ווערט לגמרי פאַרענטפערט אויף דער אינדזל די פראַגע וועגן עסן, אָבער דאָ מוז מען אויך האָבן פייער, אויב מען וויל באַקן ברויט פונם קאַמאַס-מעל.

אָן פייער קען מען געברויכן דאָס וואָרצעלע, וואָס הייסט מיטן אויסטערלישן נאָמען „יאַמף". אמת, דער יאַמף זעטיקט נישט אַזוי ווי דער קאַמאַס, אָבער ער איז אויך גוט און, דער עיקר, מען קען אים עסן רויערהייט.

גאָדפריי איז שוין ווייטער נישט געגאַנגען.

די געפונענע וואָרצעלעך האָבן אים צעמישט די רעיונות.

איז דאָך טאַקע אַזוי־אַרום פאַרענטפערט געוואָרן אַזאַ האַרבע קשיה, ווי דאָס עסן. מיטן קאַמאַס און מיטן יאַמף קען מען פולשטענדיק אויסקומען, ווי מיט די בעסטע מאכלים, און די גאַנצע מאָגנפראַגע פאַלט אַוועק.

גאָדפריי איז געגאַנגען צוריק. ער האָט מיטגענומען עטלעכע הויפנס יאַמף־וואָרצעלעך, צו דערקוויקן מיט זיי די אַלטע ביינער פון דעם טאַנצפראָפעסאָר. קודם זענען זיי געשמאַק כמעט ווי אַ נאַשעריי, — און דאָס איז דער עיקר.

אַריינגעוואָרפן אַ פאָר וואָרצעלעך אין מויל און אויף דער גיך אַראָפגעשלונגען, האָט זיך דער אַלטער טאַרטלעט ממש מחיה געווען.

דאָס ערשטע מאָל האָט ער איצט אויף דער אינדזל גע־שמייכלט און געלעקט די פינגער. די פינסטערע אָנגעברוגזטקייט האָט אים אויף אַ ווײַלע פאַרלאָזט און ער האָט אויך געוואָלט כאַפן אַ טענצל אויף די אַלטע צרהדיקע פיס. אָבער עס איז אים נישט געלונגען. די קראַנקע קני האָבן זיך אויסגעבויגט און ער איז שיער נישט אומגעפאַלן.

„דאָס איז דאָך גאָר אַן אַנטיקל,״ — האָט ער געשלונגען די וואָרצעלעך. — „געזונט זאָלט איר מיר זיין, מיין גוטער גאָדפריי! איר האָט מיך גאָר מחיה געווען. איך האָב שוין לאַנג נישט געגעסן אַזאַ בעטעמטע פרי... אַי, ווי גוט! ווי גוט!״

ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, געשאָקלט מיטן קאָפ, זיך ווײַלעווייז באַלעקט, ווי אַ קאַץ און געטשאמקעט מיט די ליפן.

גאָדפריי האָט אים אויך געוויזן אַ פאָר קאַמאַס־וואָרצעלעך, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון וועג. דאָסדאָזיקע וואָרצעלע איז געווען באַקאַנט דעם טאַנצפראָפעסאָר, אָבער ער איז שוין נישט אַריינגעפאַלן אין אַזאַ התפעלות, ווי פריער.



„ביי די וואָרצעלעך קען מען שוין נישט אויסקומען אָן פייער,״ — האָט ער געזאָגט. — „איך האָב געזען, ווי די אינ־דיאַנער האָבן זיי געגעסן.״

„נו, מיר וועלן האָבן פייער אויך!״ — האָט אים גאָדפריי געטרייסט.

„עט! וואָס איר האַקט דאָרט מיט דער נאַרישער צונג!״— איז דער אַלטער שוין ווידער אָנגעברוגזט געוואָרן. — „איר וועט דאָך מסתמא אויף מיר קיין פאַריבל נישט האָבן פאַר אַזאַ מין לשון. אַז מען זיצט אָן פייער אויף אַן אינדזל און מען האָט נישט קיין בעט דעם אַלטן מידן קאָפ אָנצושפאַרן, קען מען נישט רעדן מיט דער שפראַך און מיט די מאַנירן פון אַ סאַן־פראַנציסקער סאַלאָן... אַזוי בין איך זייער אַ גוטער און זייער אַן איידעלער מענטש, מיין טייערער...״

„אָבער מיר וועלן דאַך קריגן פייער!״ — האָט גאָדפריי האַרט געזאָגט.

„ווי אַזוי״?

„ס׳וועט שוין זיין״.

דער אַלטער האָט סתם גענומען קלאָגן:

„פאַראַן אַזוינע גליקלעכע מענטשן אויף דער וועלט, גאָדפריי... פאַראַן מענטשן, גאָדפריי, וואָס אַז זיי דאַרפן פייער, נעמען זיי אַ שוועבעלע און טוען זי אַ רייב אָן... איינס און צוויי, גאָדפריי, און עס ווערט פייער... אוןביים פייער, גאָד־פריי, פרעגלט מען און מען באַקט און מען קאָכט און מען בראָט, גאָדפריי... צי ווייסט איר, אומגליקלעכער און נאַרישער, וואָס איר זענט — איר מוזט דאָך מיר אַנטשולדיקן! — וואָס פייער גיט דעם מענטשן? אָט עס ציט אַמאָל אין האַרצן, דער מאָגן ווערט ברוגזלעך און נעמט מאָנען דאָס זייניקע, גיט מען אַ זאָג דער דינסט, זי זאָל תיכף מאַכן פייער, וואָרים עס

ווילט זיך עסן. לויפֿט די דינסט אין קיך אַרײַן, כאַפּט אַ שוועבעלע, אַ רײַב אָן — און עס ברענט, עס קנאַקט דאָס פֿײַער! דערזעט עס דער אָרעמער מאָגן, ווערט ער אויך פֿריילעך נאָך איידער מען דערלאַנגט אים דאָס עסן. פֿונם פֿײַער ווערט פֿריילעך אויפֿן האַרצן, אין מאָגן, אין דער גאַנצער שטוב... און דערמאָנט אײַך, גאָדפֿרײַ — בלויז אַ רײַב, אַ צי, אַ דריק מיט אַ דינער אומשולדיקער שוועבעלע!.. אַך, פֿאַראַן גליקלעכע מענטשן אויף דער וועלט, גאָדפֿרײַ, אָבער מיר זענען עס נישט, און גאָט ווייס, צי מיר וועלן עס גאָר זײַן אַמאָל...״

זיך שטאַרק צערעדט, צעקלאָגט און צעאיכהט וועגן פֿײַער, האָט דער אַלטער פּלוצלונג נאָכגעגעבן.

„ווו שטייט עס געשריבן, גאָדפֿרײַ,״ — האָט ער געפֿרעגט מיט אַן אומגליקלעכער מינע, — אַז מען מוז עסן געבאַקט ברויט און געקאָכט פֿלייש? אפֿשר וועלן מיר עס פּרוּוון עסן רויערהייט? מען קען דאָך נישט זײַן דאָ קיין אויסקלײַבער, ווי מיינט איר?״

דער רייץ פֿון פֿײַער האָט אים אַזוי צעמישט און צעקלאַפּט די רעיונות, אַז ער האָט זיך ווײַלעוויַיז סותר געווען און האָט סוף כּל סוף אַליין נישט געוווּסט, וואָס ער רעדט.

„איך ווייס,״ — האָט גאָדפֿרײַ געזאָגט, — „פֿאַר מיינטוועגן קען מען עס עסן אויך רויערהייט. ביז אַהער זענט איר דאָך געווען קעגן דעם.״

דער אַלטער האָט זיך פֿאַרטראַכט.

„איך וועל אײַך זאָגן, מײַן ליבער גאָדפֿרײַ,״ — האָט ער זיך אין אַ ווײַלע אַרום גוטמוטיק אָנגערופֿן, — „וועגן דעם זענען בכלל פֿאַראַן פֿאַרשידענע טעאָריעס און שיטות. די פֿאַרדײַונג און דאָס אָטעמען זענען אין פֿלוג צוויי נאָענטע פֿונקציעס, וואָס קענען מיט דער צײַט פֿאַרבײַטן איינאַנדער. און אויב די כעמיע וועט



דערגרייכן צו דעם, אַז דער מענטש זאָל מיטן אָטעם אַרײַנעמען אין זיך די נערונגסשטאָפֿן און אַזוי־אַרום זיך אָנזעטיקן, וועט עס הייסן, אַז די כעמיע האָט אויפֿגעטאָן אַ וויכטיקע זאַך״.

דער אַלטער האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם און באַלד דערויף ווײַטער געזאָגט:

„איר פֿאַרשטייט, גאָדפֿרײַ? ליגט צו אַ ביסל טיפֿער דעם קאָפּ, וואָרים איך רעד מיט אײַך הײַנט וועגן הויך וויסנשאַפֿטלעכע ענינים. מיט טעמפּקייט וועט איר דאָ גאָרנישט פֿאַרשטיין... איר וועט דאָך מיר מוחל זײַן... מאַנכע ווערטער מײַנע האָבן טיילמאָל אַ צו שאַרפֿע שאַטירונג, אָבער איך בין דאָך, גאָדפֿרײַ, נישט קיין מלאך, נאָר אַ מענטש, וואָס איז נאָך דערצו אָפּגעשניטן געוואָרן פֿון דער גאַנצער וועלט און פֿון סאַן־פֿראַנציסקאָ... אַזאַ מענטשן, ווי איך, באַדאַרף מען מוחל זײַן... געוואָלט האָב איך אײַך זאָגן אָט וואָס: די שטרעבונג פֿון דער כעמיע באַדאַרף זײַן — אויסצוגעפֿינען די נ ע ר ו נ ג ס ל ו פֿ ט. דאָס איז די וויכטיקסטע אויפֿגאַבע אירע. אַנשטאָט צו עסן און צו טשאַמקען מיטן מויל, אָטעמען מיר אײַן די נערונגסלופֿט און מיר זענען זאַט. איך מיין, אַז די כעמיע וועט זיך אײַנגיכן אָפּפֿאַרטיקן מיט דערדאָזיקער אויפֿגאַבע, און דעמאָלט וועלן מיר אַלע אויסגעלייזט ווערן פֿון דעם מאָגניאָך... מיר וועלן ווערן פֿרײַע זאַטע רויִקע מענטשן... איר פֿאַרשטייט, גאָדפֿרײַ, צי דער קאָפּ איז אײַך טעמפּ?.. נאַטירלעך, איר טאָרט זיך נישט באַליידיקן אויף מיר...״

נאָך דערדאָזיקער דרשה האָט דער אַלטער טאַרטעלעט צוגעביסן מיט אַ געשמאַקן יאַמף, און גאָדפֿרײַ האָט זיך גענומען פֿאַר אַ נײַער אַרבעט. ער האָט אייסגערייניקט דעם באָדן פֿונם אויסגעהוילטן בוים. דאָרט איז געלעגן אַ באַרג מיט שטויב, וואָס האָט זיך זיכער אָנגעקליבן פֿאַר טויזנטער יאָרן.

מען מוז מודה זיין: דאָס איז געווען אַ שווערע אַרבעט דער שטויב איז געווען זייער אַ דיניטשקער און איז געקראָכן אין די אויגן, אין נאָז, אין די אויערן.

דרויסן, אַרום דעם בוים, איז געהאָנגען אַ געלער וואָלקן פֿון שטויב.

גאָדפֿריי האָט אָבער געאַרבעט מיט גרויס ענערגיע. ער האָט געוואָלט האָבן אַ שטיקל וווינונג, וווּ ער זאָל זיך קענען אויסרוען און טיפֿער אַריינטראַכטן אין זיין לאַגע.

אַז מען איז פּטור געוואָרן פֿון שטויב און מען האָט גוט אויסגערייניקט דעם אויסגעהוילטן בוים, האָט גאָדפֿריי געמאַכט צוויי הויכע אנשטענדיקע געלעגערס פֿון גראָז, צווייגן און בלעטער.

אינמיטן האָט ער אויפֿגעשטעלט אַ טיש פֿון ברעטלעך און קלעצער. גאָדפֿריי האָט געהאַט אַ מעסער און אַ זעג און האָט געקענט אַזויאַרום גאַנץ רויִק אַרבעטן.

אין בוים איז איצט געווען גענוג ליכטיק. דאָס ליכט האָט אַריינגעדרונגען פֿון דער ברייטער עפֿענונג, אַרום וועלכער מען האָט אַרומגעהאַקט די אַראָפּגעלאָזטע צווייגן.

איצט האָט מען זיך אינווייניק באמת געפֿילט, ווי אין אַ בנין. מען האָט געפֿילט דעם שוץ פֿון די ווענט, דעם צודעק פֿון דאַך.

מען קען נאָך אויך אויסהאַקן פֿענסטער אין דער קאָרע, און דעמאָלט וואָלט עס געווען אַ ליכטיק פֿריילעך אייגנאַרטיק הויז, וואָס וואָלט געהאַט אפֿשר מער רייץ, ווי דאָס הויז אין אַ שטאָט. גאָדפֿריי האָט נאָך אָבער אָפּגעוואַרט מיט די פֿענסטער צוליב פֿאַרשידענע השערות.

„עס וועט נאָך רעכט זיין אויך שפּעטער", — האָט ער געטראַכט, — „דערווייל וועט אויך גוט זיין אָט דאָס."



ווי הויך האָט געהאַלטן די אויסגעהוילטקייט פֿון בוים? אויף דערדאָזיקער פֿראַגע איז געווען נישט לייכט צו ענטפֿערן.

אויבן, אינדערהויך, איז געווען שטאָק-פֿינסטער, און מיט וואָס פֿאַר אַ לאַנגע שטעקנס גאָדפֿריי האָט נישט געפּרוווט אויסצומעסטן די הויך, האָט ער נאָך אַלץ נישט געקענט דער-גרייכן דעם „סופֿיט". אַזוי ווי דאָס איז נישט געווען קיין ברענענדיקע פֿראַגע, האָט גאָדפֿריי זיך אָפּגעזאָגט אויסצומעסטן די אויסגעהוילטקייט פֿון בוים.

„עס איז גוט אַזוי אויך", — האָט ער געשמייכלט.

ער האָט דעם גאַנצן טאָג געאַרבעט און איז געווען זייער צופֿרידן מיט זיך.

„מיר האָבן אַ גוטע וווינונג!" — האָט ער געמאָלדן דעם אַלטן תּרח. — „איצט וועלן מיר זיך קענען אויסשלאָפֿן, ווי די שררות."

דער אַלטער טאַרטעלעט האָט אַריינגעהונקען אין בוים און האָט באַטראַכט די נייע דירה. ער האָט לאַנג געקוקט אויף די הויכע געלעגערס, אויפֿן טיש מיט די בענקלעך און האָט, אַ צופֿרידענער, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. דאָס ערשטע מאָל האָט אים גאָדפֿריי צופֿרידנגעשטעלט אויף דערדאָזיקער אינדזל.

„נישט שלעכט..." — האָט דער אַלטער געטשאַמקעט. — „טאַקע גאָרנישט שלעכט... אַז עס איז דאָ וווּ צו שלאָפֿן, מיין ליבער פֿלייסיקער גאָדפֿריי, איז עס שוין אויף אַ העלפֿט באַ-רויִקט און צופֿרידנגעשטעלט דעם מאָגן... שלאָף און זאַטקייט זענען שטאַרק פֿאַרבונדן צווישן זיך... ס'איז אַלץ פֿאַרן מאָגן, פֿאַרן מאָגן, מיין ליבער..."

נאָכדעם, ווי מען האָט צוגעביסן און גאָדפֿריי האָט זיך אַרומגעוואַשן (טאַרטעלעט האָט געזאָגט, אַז דערווייל האַלט ער נאָך נישט פֿון אַרומוואַשן זיך. דער בוים איז נאָך נישט קיין

סאַלאָן אין סאַן-פראַנציסקא), האָט מען זיך אָוועקגעלייגט אויף די געלעגערס. ביידע זענען געווען מיד און האָבן געוואָלט שלאָפן.

עס האָט זיך אָבער אָנגעהייבן אַ קאַמף מיט די הינער. די לעצטע האָבן נישט פאַרגונען די מענטשן און האָבן אויך געוואָלט באַקומען אַ פּלאַץ אין „ווילי-פּלאַץ.“ קיין אַנדער עצה איז נישט געווען צו זיי, ווי נאָר צו פאַרשטעלן מיט צווייגן די עפענונג. דער אַלטער טאַרטעלעט האָט זיי געשאָלטן מיט ביטערע קללות.

גאָדפריי האָט געזאָגט:

„שעלט זיי נישט, ווארים זיי זענען גערעכט. זיי דאַרפן אויך האָבן אַ באַשטימטן אָרט ווו צו שלאָפן. מאָרגן וועל איך צוגרייטן פאַר זיי עפעס אַן אַנדער בוים. דאָ איז דאָך אַ בוים—אַ וווינונג“...

די נאַכט האָט מען ווידער זיך גוט אויסגעשלאָפן. אינדערפרי, אַז מען איז אויפגעשטאַנען, האָט מען באַלד צוגעביסן און גאָדפריי האָט אַוועקגעשלעפּט דעם אַלטן צום טייכל און האָט אים געצווונגען, ער זאָל אויסוואַשן זיין העמד.

דער אַלטער האָט נישט געוואָלט און האָט זיך שטאַרק געוועהרט. ער האָט געזאָגט, אַז אים איז אַלצאיינס, וואָס ער טראָגט דאָ אויף זיך און האָט זיך נישט פאַר וועמען צו פוצן און צו רייניקן.

„זעט איר, גאָדפריי, אין סאַן-פראַנציסקא, אַ שטייגער, איז עפעס אַנדערש. דאָרט בין איך געווען אַ באַוווסטער פראָפעסאָר פון טענץ און שיינע מאנירן, און אַלע האָבן מיך געקענט. איך האָב דאָרט געהאַט שילערינס, גאָדפריי, און צווישן זיי זענען געווען אַזוינע שיינע און רייכע, אַז זייער הויכגעשעצטער פראָפעסאָר האָט זיך געמוזט ווייזן פאַר זיי אין



שניי־ווייסע וועש, געקאמט, געראזירט און געשארן לויט דער לעצטער מאָדע... אַך, גאָדפריי, גאָדפריי! עס איז געווען איינע אַ פריילן, און געהייסן האָט זי מאָד, אַ הויך שלאַנק ווען מיט פאָרמען פון אַ גריכישער געטין... פון אירע גאָלדענע האָר האָט אַרויסגעקוקט די זון און פון אירע בלויע אויגן האָט אַרויסגעשמייכלט דער הימל. אַז זי פלעגט גיין אויף דער גאַס, האָבן אַלע מענטשן אויפגעהייבן די קעפּ און זענען געוואָרן אַזוי ווי העכער אין וווקס... אַך, גאָדפריי, גאָדפריי, דאָס איז געווען דאָס שענסטע און שטאָלצסטע ווען אויף דער גאַנצער וועלט, און איך בין איר פראָפעסאָר געוואָרן... איך האָב איר געלערנט די קונסט פון טאַנצן און דעם רייץ פון שיינע מאַנירן. שפּעטער, גאָדפריי, האָט זי פאַרלאָזט סאַן-פראַנציסקא, ווייל זי האָט חתונה געהאַט מיט אַן ענגלישן לאָרד... איך געדענק שוין נישט זיין פאַמיליע-נאָמען... ער האָט עס צוגענומען די זון פון סאַן-פראַנציסקא, אָבער איך בין איר פראָפעסאָר געווען... יאָ, פאַר איר, גאָדפריי, האָב איך געדאַרפט דערשיינען אין שניי־ווייסע וועש, אַ ליכטיקער, אַן עלעגאַנטער... אָבער דאָ וואָס? צו וואָס זאָל איך דאָ וואַשן מיין העמד?“

דעם אַלטן האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. גאָדפריי האָט געענדערט זיין באַציִונג צו אים. ער איז געוואָרן שטרענג צו דעם אַלטן, און טאַרטעלעט, וואָס האָט זיך תמיד געשראָקן פאַר אַ שטרענגן טאָן, האָט זיך, נעבעך, במחילה, געמוזט אויסטאָן אדם-נאַקעט און זיך אַוועקשטעלן ביים זילבערנעם טייכל וואַשן זיין שוואַרץ העמד...

# קאַפּיטל צוועלף.

געהאַלדיקע פּאַסירונגען.—פּייער! פּייער!—אַ רויך, וואָס ווערט געזען צום צווייטן מאָל אין אַ ווייטן ווינקל פון דער אינדזל.—עס עס ווערט בעסער. — דאָס לעבן גייט זיין וועג.

דאָס לעבן האָט זיך געצויגן גאַנץ רויק, אָן שום פּאַסי-רונגען. מען האָט נישט שלעכט געגעסן און גוט געשלאָפן. און ווען גאָדפריי, אַ שטייגער, וואָלט, אַנשטאָט דעם אַלטן תּרח, וואָס האָט געהאַט אַ מיאוסע און נודנע טבע כּסדר צו וואָרטשען, געהאַט אויף דערדאָזיקער אינדזל עפּעס אַ יונגן מוטיקן חבר, וואָלט, נאַטירלעך, גאָר גוט געווען.

גאָדפריי איז געווען זייער טעטיק. אַלע טאָג איז ער פּינקטלעך, ווי אַ זייגער, געגאַנגען צום ברעג ים, טאָמער וועט ער דערזען עפּעס אַ זעגל פון אַ שיף און מען וועט זיך קענען אַרויסראַטעווען פונדאַנען. ער האָט עס געהאַלטן פאַר אַ וויכטיקער פונקציע און האָט זי קיינמאָל נישט אַדורכגעלאָזט און נישט פאַרנאַכלעסיקט.



ער איז געשטאַנען אויפן ברעג און אויסגעשפרייט די ז אויפן אומענדלעכן ים, אָבער מער ווי הימל און וואַסער האָט גאָדפריי גאָרנישט געזען. ווי מיר האָבן שוין פריער באַמערקט, איז דאָסדאָזיקע אינדזעלע געלעגן ווייט פון די וואַסערטראַקטן, איבער וועלכע עס קורסירן שטענדיק שיפן, און גאָדפריי איז אַלע טאָג געגאַנגען צוריק פון ברעג אָן גוטע בשורות, ווי בכלל אָן שום נייס.

פונדעסטוועגן איז ער נישט געפאַלן פון מוט.

ער האָט זיך געהאַלטן פעסט און מונטער און האָט זיך אַלץ געסטאַרעט, צו שאַפן זיך אַ באַקוועם און געזונט לעבן אויף דער אינדזל, ענלעך צו ראָבינזאָנען.

עס האָט זיך אָבער געהאַנדלט בלויז וועגן פייער. מיט פייער וואָלט מען זיך פשוט געראַטעוועט דאָס לעבן. עס וואָלט זיך גאָר געענדערט די שטימונג און אין דעם אויסטערלישן „ווילי-פאַלאַץ" וואָלט מען זיכער געהערט אַלע טאָג אַ פריילעך געלעכטער און טענץ. גאָדפריי וואָלט געטאַנצט מיט דעם אַלטן פּראָפעסאָר. פייער וואָלט אַפילו געענדערט דעם אַלטן אויסגע-טריקנטן טאַרטעלעטן...

גאָדפריי האָט שוין אַפילו געפּרוּווט ווידעראַמאָל רייבן האָלץ אָן האָלץ, שטיינער אָן שטיינער. ער האָט געפּרוּווט אַרויס-שלאָגן פונקען, דרעלעווען אין האַרטן פעלדז, ברענגען שטיקלעך גלאָז אויף דער הייסער זון, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן — קיין פייער האָט ער נישט אַרויסבאַקומען, און דער אַלטער טאַרטעלעט האָט אים הונדערט מאָל אַ טאָג צוגעוואָרפן:

„אַז מען איז אַ נאַר, קריכט מען אויף די גלייכע ווענט, מיין ליבער... איר וועט דאָך בשום אופן נישט זאָגן, אַז איר באַליידיקט זיך אויף מיר, וואָרים דאָ, אויף דערדאָזיקער פאַר-שאָלטענער אינדזל, ווו מען זעט נישט אַפילו קיין לעבעדיקן

הונט, האָט די צונג פֿאַרלאָרן אירע באַשטימטע גרענעצן... קיין פֿייער וועט איר דאָ נישט געפֿינען, הער גאָדפֿריי!"...

אַזוי האָט מען געלעבט פֿון טאָג אויף טאָג אונטער דער פֿיינלעכער זאָרג וועגן פֿייער. מען האָט אין פֿלוג גוט און רויִק געלעבט. עס האָט זיך אָבער געוואָלט בעסער לעבן מיט דער הילף פֿונם געטלעכן פֿייער...

דעם 4-טן יולי האָט זיך אויפֿגעהייבן אַ מוראדיקער שטורעמווינט מיט אַ שלאַקסרעגן. דער טונקעלער הימל איז ווײַלע-ווײַז זיגזאַגיש דורכגעאַקערט געוואָרן פֿון בלענד-ווײַסע בליצן, וואָס זענען באַלד צוגעקלאַפּט געוואָרן מיט אימהדיקע דונערן, ווי מיט מיליאָנען האַרמאַטן.

עס איז אָבער געווען אַ שיין גראַנדיעז בילד און גאָדפֿריי, אַ נײַגעריקער, האָט זיך אַ ווײַלע אַרויסגעכאַפּט פֿון בוים און האָט געקוקט אויף דעם געוואַלדיקן ווערק פֿונם שטורעמווינט מיטן מבול.

איין דונער, אַ געדיכטער און אַ מעכטיקער, האָט אַ וויג געטאָן די ערד אין אַלע פֿיר זײַטן, און גאָדפֿריי איז באַלד אומגעפֿאַלן, פֿאַרלירנדיק דאָס גלײַכגעוויכט.

אַז ער האָט זיך אויפֿגעהייבן נישט טויט, נישט לעבעדיק, האָט ער דערזען, אַז ער שטייט אונטער אַ האָגל פֿון גליִענדיקע פֿונקען. דער לעצטער בליץ האָט, קענטיק, אָנגעצונדן די צווײַגן פֿון בוים.

גאָדפֿריי האָט אויפֿגעהייבן די הענט און האָט גענומען שרײַען נישט מיט זײַן קול:

„פֿייער! פֿייער! הער טאַרטעלעט, פֿייער!"

צווישן די הפסקות פֿון די דונערן האָט משונה אָפּגעהילכט זײַן קול:



„פֿייער! פֿייער! פֿייער!

דער אַלטער טאַרטעלעט איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון בוים, אַ צעשויבערטער, ווי אַ צעמישטע חיה.

ער האָט זיך גענומען צלמען און שעפּטשען מיט איין אָטעם:

„אוי, גאָטעניו, דײַנע וווּנדער זענען גרויס! אוי, פֿייער האָסטו אונדז געגעבן!"

און פֿאַרגעסנדיק, אַז ער רעדט איצט מיט גאָט, האָט ער מיט גרויס דאַנקבאַרקייט צוגעגעבן:

„אוי, געזונט זאָלסטו מיר זײַן, גאָטעניו! לאַנג לעבן זאָלסטו!"...

ביידע האָבן זיך ווי די היישעריקן אַ וואָרף געטאָן צו די הייסע פֿונקען און גענומען זיי צונויפֿשאַרן אין איין קופּע. צו דערדאָזיקער קופּע האָט מען צוגעוואָרפֿן טרוקענע צווײַגן און בלעטער. מען האָט נישט געקוקט אויפֿן שמייסנדיקן מבול, אויף די מאוימדיקע דונערן און בליצן און מען האָט געאַרבעט ממש מיט מסירת נפש. אַפֿילו דער אַלטער האָט געאַרבעט, ווי אַ העלד.

מען האָט נישט דערלאָזט, אַז די קופּע פֿונקען זאָל זיך אויסלעשן. מען האָט זיי אויפֿגעהאַלטן ביים לעבן, ווי אַ שווערן חולה. מען האָט געבלאָזן אין דער קופּע און געמאַכט זי אַלעמאָל גרעסער און לעבעדיקער.

„דאָס פֿייער טאָר נישט אויסגעלאָשן ווערן!" — האָט גאָדפֿריי געשריִען.

„וואָס הייסט אויסגעלאָשן ווערן!"—איז דער אַלטער אַרײַנגעפֿאַלן אין גרויס גרימצאָרן. — „מײַן לעבן וועל איך אַוועקגעבן, און דאָס פֿייער מוז ברענען! מיר האָבן דאָ גענוג טרוקענע צווײַגן, וואָס קענען אונדז קלעקן אויף יאָרנלאַנג! בלאָזט! בלאָזט, גאָדפֿריי!"

און גאָדפֿריי האָט געבלאָזן מיט אַלע כּוחות און צונויפֿגעשאַרט אַלץ נייע פֿונקען און ברענענדיקע בלעטער.

און דער אַלטער האָט געאַרבעט, שעפּטשענדיק:

„זעט איר, הער גאָדפֿריי, ביים פֿייער בין איך אויך אַזאַ מאַכער, ווי איר... ביים פֿייער ווער איך ייִנגער און מוטיקער. איך וועל נישט שלאָפֿן קיין נעכט און וועל אָפּהיטן דאָס פֿייער. עס מוז מיר ברענען. מיין השגחה וועט דאָ אויף קיין איין מינוט נישט פֿעלן? אַ קליינינקייט, פֿייער! אַ שטיקעלע געבראָטנס, אַ פּיצעלע געפּרעגלטס, אַ ווויל יאַיכעלע, אַ פֿריש לעבעלע ברויט, אַן אָפּגעקאָכט הינדעלע, אַ לונג און לעבערל... אַי, אַ געזונט זאָל אַריין אין מיינע אַלטע ביינער! איך וועל דאָך איצט אויפֿלעבן וועל איך!"...

טאַרטעלעט האָט נאָך קיינמאָל אַזוי הייס און פֿלייסיק נישט געאַרבעט, ווי דאָסמאָל ביים פֿייער. ער האָט אַוועקגעטריבן גאָדפֿרייען און האָט זיך אַליין עוסק געווען ביי דער קנאַקעדיקער קופּע צווייגן.

דער אַלטער האָט זיך געפֿרייט, ווי אַ קינד. ער האָט געקוקט אויפֿן פֿייער מיט טרייע ציטריקע אויגן, האָט זיך ווײַלעווייז צוגעבויגן מיט זיין אַרשיניקער נאָז און געבלאָזן אין די פֿונקען אַריין, הגם מען האָט עס גאָרנישט באַדאַרפֿט: עס האָט סיי ווי גוט געברענט.

דער רויך האָט אים געשטיקט, אָנגעפֿילט אים די אויגן מיט טרערן, אָבער ער איז בשום אופֿן נישט אָפּגעטראָטן פֿון דער ברענענדיקער קופּע.

אין אַ ווײַלע אַרום איז ער צוגעלאָפֿן צו גאָדפֿרייען מיט אויסגעשפּרייטע הענט און זיך אָנגערופֿן, אַ פּאַרסאַפּעטער:

„פֿאַרשטייט איר מיך, מיין ליבער, מיר וועלן אָפּבראָטן אַ פּאָר הינדלעך!... און נאָכמער: אַ פּאָר גוטע גרויסע קאָטלעטן



פֿון שעפּסנפֿלייש... דאָס איז נאָך אָבער אויך ווייניק. מיר וועלן שעכטן אַ ציג, אַ פֿעטע ציג, וואָס האָט זיך דאָ אָפּגעפּרעסן מיטן גראָז און מיר וועלן מאַכן אַ פֿיין געבראָטנס פֿון ציגנפֿלייש... און נאָכמער: מיר וועלן אויסשניידן אַ זייט פֿון אַ קי און וועלן מאַכן אַן אויסגעצייכנטע זופּ פֿון רינדערנעם פֿלייש... און נאָכמער..."

דער אַלטער האָט געוואָלט נאָך ווייטער פֿירן דעם ענין, אָבער גאָדפֿרייד האָט אים פּלוצלונג איבערגעהאַקט.

„גענוג! גענוג, הער טאַרטעלעט!" — האָט ער געזאָגט. — „קאָכט נישט און בראָט נישט אַזויפֿיל, וואָרים איר וועט נאָך קאַליע מאַכן דעם מאָגן... מען טאָר אַזויפֿיל נישט עסן מיט-אַמאָל. עס איז אומגעזונט און, אגב, דאַרף מען זיין שפּאָרזאַם. מען דאַרף זיך פֿירן עקאָנאָמיש. ווען מען זאָל אייך פֿאָלגן, וועלן מיר מאַכן אַ תּל פֿון אונדזערע זאַפּאַסן. אַזוי פֿירט מען זיך נישט אויף אַ פֿאַרוואָרפֿענער אינדזל"...

דער אַלטער איז געבליבן שטיין אָן לשון. זיין מוראדיקער אַפּעטיט, וואָס האָט אים די גאַנצע צייט געפּייניקט, איז שטאַרק געפֿאַלן פֿון גאָדפֿרייס ווערטער. טאַרטעלעט האָט געפֿילט, אַז גאָדפֿריי איז גערעכט.

„אָבער עסן וועלן מיר דאָך!" — האָט ער זיך אָנגערופֿן מיט אַ פֿאַרטריקנטן גומען. — „מיר וועלן דאָך עסן, הער גאָדפֿריי! מיר וועלן דאָך עסן, וואָרים מיר מוזן דאָך עסן, צו אַלדי שוואַרץ יאָר!... איר וועט זיך דאָך אוודאי נישט אומקוקן אויף מיינע ווערטער, וואָרים איך בין איצט זייער אויפֿגערעגט!"...

גאָדפֿריי האָט געשמייכלט.

"אוודאי וועלן מיר עסן," — האָט אים דער יונגער מיליאָנער באַרויִקט, — „אָבער מיט אַ חשבון, הער טאַרטעלעט."

נאָך דעמדאָזיקן שמועס האָבן זיך צוויי אומשולדיקע הינדלעך באַצאָלט מיטן לעבן. טאַרטעלעט האָט מיט די אַלטע בייניקע הענט זיי אויסגעפליקט די פעדערן, אַרויפגעזעצט זיי אויף שפיזלעך און זיי אָפּגעבראָטן.

גאָדפריי, ווידער, האָט צוגעגרייט די קאַמאַס-וואָרצעלעך, וועלכע ער האָט געוואָלט פאַרוואַנדלען אין ברויט.

מען האָט זיך, קענטיק, זייער ערנסט צוגעגרייט צו דער אַכילה.

פאַרטיק געוואָרן מיט די וואָרצעלעך, האָט זיך גאָדפריי אָנגערופן צו דעם טאַנץ-אינוואַליד:

„מיר באַציען זיך נאָך אַלץ נישט גענוג ערנסט צום פייער.“

„וואָס הייסט?“ — האָט דער אַלטער תּרח געפרעגט.

גאָדפריי האָט געזאָגט:

„אַזוי־אַרום וועלן מיר דאָס פייער פאַרלירן. איך האָב אַ פלאַן.“

„וואָס איז אייער פלאַן?“

„איר וועט באַלד זען.“

גאָדפריי האָט אויסגעגראָבן אַ טיפלעכן גרוב, אויסגעבעט אים מיט שטיינער און פאַרלייגט אים מיט טרוקענע צווייגן און בלעטער. נאָכדעם האָט ער געמאַכט אַ צוגאַנג צום גרוב — אַ מין קאַנאַל, און האָט איבערגעטראָגן אַהין דאָס פייער. ער האָט זיך איבערגעווישט דעם שטערן און האָט געזאָגט:

„איצט וועלן מיר האָבן אַן אויוון, וואָס וועט שוין אַזוי גיך נישט אויסגעלאָשן ווערן. מען דאַרף נאָר נישט האַנדלען לייכטזיניק, וועט שוין אַלץ זיין גוט! דאָס פייער מוזן מיר היטן, ווי דאָס אויג אין קאָפּ!“

דער אַלטער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און צוגעבאָמקעט:

„טאַקע! טאַקע! איך זע דאָך, מיין ליבער, אַז אַ טעמפער



קאָפּ פאַלט אויך אַמאָל אויף אַ גוטן געדאַנק... וועגן דעם, אַז איר זאָלט זיך באַליידיקן אויף מיר, קען, נאַטירלעך, קיין רייד נישט זיין אין אַזאַ היציקן מאָמענט, בשעת די הינדעלעך פרעגלען זיך, אַז די צונג ציטערט מיר אין מויל... אַך, געזונט זאָלן זיי זיין, די ליבע זיסע הינדעלעך!... ציפ-ציפ-ציפ...“

דאָס ברויט, ווידער, האָט מען געבאַקט אויף אַ באַזונדער פייער, וואָס האָט פריילעך געקנאַקט אויף גלייך אויסגעלייגטע שטיינער. עס האָט זיך געבאַקט ברויט, הינדלעך האָבן זיך געבראָטן, אַ מחיהדיקער ריח האָט זיך געשפרייט אין לופטן. דער רעגן האָט שוין לאַנג אויפגעהערט.

עס איז שווער צו שילדערן דעם אימפעט און די גיריקייט, מיט וועלכער דער אַלטער אָנצייניקער זקן האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער אַכילה. די אויגן האָבן אים אַרויסגעשפאַרט, די גאָמבע האָט אים געציטערט, אָבער די דזיאָסנעס האָבן געאַרבעט כּסדר, אינטענסיוו, אָן הפסקות און האָבן באַוועגט די קינבאַקן, ווי אַ מאַשין. דער מענטש האָט געגעסן מיטן מויל, מיטן קאָפּ, מיט די אויגן, מיטן שטערן און האָט צוגעסאַפעט צום טאַקט פון די גייענדיקע קינבאַקן.

אָפּגעשטעלט האָט ער זיך ערשט דעמאָלט, ווען עס איז שוין מער נישט געקראָכן אין האַלדז. דער טאַנצפּראָפעסאָר איז געווען אינגאַנצן אָנגעפּילט מיט אַכילה.

„סטאָפּ!“ — האָט ער אַ זאָג געטאָן. — „אַ מענטש איז נישט קיין הזיר, גענוג! ס'איז אַפילו נישט קיין לשון נאָך אַזאַ פיינעם טיש מיט געבראָטענע הינדלעך... ווי אַן איידעלער און גוט דערצויגענער מענטש בין איך עס אַליין מודה, אָבער נישט דאָ איז דער אָרט צו קוקן אויף שיינע ווערטער און פיינע מאַנירן. נאַטירלעך, ווען עס זיצט לעבן מיר די הערלעכע מאָד מיט דעם גאָלדענעם קאָפּ, וואָלט איך מיך אַזוי נישט אויס-

נעדריקט... ווי מיינט איר, מיין ליבער גאָדפריי? כלעבן, צו אונדזער היינטיקן מיטאָג האָט געמעגט איינגעלאַדן ווערן דער נראַבער קאָלדערופּ, וואָס צוליב זיין שולד, נישט געדאַכט זאָל ער ווערן, זיצן מיר דאָ, אויף דערדאָזיקער אינדזל..."

ער האָט זיך צעלאַכט אָן ציין און זאַט, און, אַ צעפּריי־דענער, האָט ער צוגעגעבן:

„יאָ, דערדאָזיקער קאָלדערופּ איז אייער פעטער, מיין ליבער גאָדפריי, און אַ מיליאָנער איז ער און געהאַלטן האָט ער מיך אויף דער עלטער ביי זיך אין שטוב, פונדעסטוועגן מעג אויף אים פאַלן מיין קללה, נישקשה, און איר וועט זיכער אויף מיר קיין פאַריבל נישט האָבן דערפאַר... ער האָט אונדז ביידן פאַרשטערט דאָס לעבן: מיר דאָס אַלטע, אייך — דאָס יונגע... כע־כע!.."

גאָדפריי, שטאַרק אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט, האָט אים נישט געענטפערט. ער האָט אויסגעלייגט די פריש אויסגעבאַקענע ברויטלעך אין ווילי־פּאַלאַץ און האָט צוגעוואָרפן צווייגן צום פייער.

דער יונגער מיליאָנער האָט געהאַט אַ סך אַרבעט.

טאַרטעלעט האָט זיך קוים אויפגעהייבן פון אָרט. ער האָט נישט געקענט גיין פון אָנגעשטאָפּטקייט, ווי אַן איבערגעפרעסענע גאַנדז... קוים מיט צרות האָט ער זיך דערשלעפּט צו זיין געלעגער.

עס איז צוגעפאַלן די נאַכט. גאָדפריי, אַן אָנגעהאָרעוועט און אַן אויסגעמוטשעטער, האָט זיך אויך אַוועקגעלייגט שלאָפן.

עס איז געווען שטיל אין בוים און שטיל אַרום בוים.

אַ וואַרעמע נאַכט האָט צוגעדעקט דאָס פאַרוואָרפענע אינדזעלע.

אין דערדאָזיקער שטילקייט האָט זיך דערהערט דער ערשטער באַסיקער כראָפּן פונם טאַנצפּראָפעסאָר. ער האָט זיך אָבער באַלד אויפגעכאַפּט און איז נישט טויט, נישט לעבעדיק אַראָפּ־



געשפּרונגען פון „בעט." ער האָט זיך דערמאָנט אינם פייער. אַ וואַקלענדיקער, ווי אַ שיכּור, איז ער אַרויס אינדרויסן. דאָרט האָט ער אַרויפגעוואָרפן צווייגן אויפן פייער און אַ־ז ווידער אַוועק שלאָפן.

ער האָט אָבער די גאַנצע נאַכט נישט צוגעמאַכט מיט אַן אויג. ער איז כּסדר געגאַנגען אַהין און צוריק: פון פייער צום געלעגער און פון געלעגער צום פייער. דער אַלטער טאַרטעלעט האָט מורא געהאַט, טאָמער פאַרלירט ער זיין פייער־אוצר, דאָס הייסט די געשמאַקע מיטאָגן, און מען מוז מודה זיין, אַז ער איז געווען אַ געטרייער פייער־שומר, ער האָט זיין אַרבעט געטאָן בשלמות.

צומאָרגנס אינדערפרי האָט אַ פריילעכע זון פאַרגאָסן מיט ליכט דאָס אינדזעלע. דאָס פייער האָט געקנאַקט אין גרוב, פאַרביקע פייגעלעך האָבן געזונגען אויף די צווייגן, די הינער האָבן געמיטלעך געפּיקעט אין גראָז, די קי האָבן דאָרפיש־מע־לאַנכאָליש געברומט, די ציגן האָבן טענאָריש געמעקעט, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז מען געפינט זיך ערגעץ אין אַ רייכער פערמע נישט ווייט פון אַ גרויסן ישוב.

טאַרטעלעט האָט איצט עפּטער אָן ציין געלאַכט. דער מענטש איז געווען גליקלעך. די קי האָבן אים פאַרציילט פון קאָטלעטן, די הינער פון געפּרעגלטע קורטשאַקעס, וואָס צעשמעלצן אויף דער צונג. ער האָט אין אַלץ געזען גוטע מאכלים און מאָגן־הנאה.

גאָדפריי האָט זיך ווידער גענומען פאַר זיינע געוויינלעכע אַרבעטן. ער האָט בלויז געטראַכט וועגן דעם, ווי צו מאַכן באַקוועמער דאָס לעבן. אויב עס איז באַשערט צו לעבן אַ ראָבינזאָן־לעבן, באַדאַרף מען עס איינאָרדענען בעסער, שענער און באַקוועמער, מיט מער לוקסוס און געמיטלעכקייט.

איצט האָט ער אויסגעלייגט אין זאַמד א שיין שטעגעלע,

וואָס האָט זיך געצויגן צום „ווילי־פּאַלאַץ". ער האָט דערבײַ שטאַרק געאַרבעט און געמאָסטן, אַז דאָס שטעגעלע זאָל זיך ציִען גלײַך, ווי אַן אײַזנבאַן־ליניע.

אינמיטן דער אַרבעט האָט ער זיך אָבער עטלעכע מאָל אָפּגעשטעלט. עס האָט אים איבעראַשט אַ וואַרעמער שטראָם לופט.

אַזוי ווי ער איז איצט געווען נײַגעריק צו יעדער קלייניקייט, האָט ער גענומען אויספאָרשן דעמדאָזיקן וואַרעמען לופט־שטראָם און האָט איינגעפונען, אַז ער ציט זיך פון שפּיץ בוים, דורך דער אויסגעהוילטקייט און גייט אַרויס אינדרויסן דורך דער עפענונג.

באַטראַכט און אויסגעפאָרשט דעם בוים, האָט ער איינגעפונען, אַז ער איז אויבן שטאַרק צעקאַליעטשעט פון די בליצן און אַז בײַם סאַמע שפּיץ איז ער דורכגעלעכערט געוואָרן.

אַזוי־אַרום איז שוין דער בוים געווען אָפן אויך פון אויבן און די זון האָט אַרײַנגעוואָרפן אַ הייסן שטראַל אין אים.

איצט האָט גאָדפרײַ געזען, אַז דער גאַנצער בוים איז אויסגעהיילט פון אונטן ביז אויבן און אַז ער האַלט זיך בלויז אויף דער קאָרע.

קיין שום פאַר רעגן און שטורעמווינטן קען שוין דידאָזיקע וווינונג נישט זײַן. דאָס האָט אַפילו נישט זייער שטאַרק געשמעקט דעם יונגן מיליאָנער. ער האָט געהאַט עפּעס אַ געוואַלדיקן צוטרוי צו דעמדאָזיקן בוים. און אָט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויך ער, דערדאָזיקער גיגאַנט, איז אַ שוואַכע כּלי, וואָס קען אַמאָל אײַנגאַנצן צעפאַלן ווערן.

גאָדפרײַ איז געשטאַנען, אַן אַנטוישטער, אין בוים, מיט



אַן אויפגעהייבענעם קאָפּ און געקוקט אין אַלע זײַטן. דער „ווילי־פּאַלאַץ" האָט פאַרלאָרן דעם ווערט אין זײַנע אויגן.

ער האָט זיך אָבער געזאָגט:

„איך מוז נאָך אים גוט אויספאָרשן, דעמדאָזיקן ריז. איך מוז מיך אַרויפדראַפּען אויף אים סאַמע ביזן שפּיץ. לאָמיר זען, וואָס איז דאָרט אַזוינס. אפשר וועט מען דאָרט קענען עפּעס פאַריכטן.

און דער יונגער שטאַרקער גאָדפרײַ, וואָס האָט געהאַט געשיקטע הענט און פיס, האָט פון אינעווייניק גענומען קלעטערן צום שפּיץ פון בוים.

ער האָט געקלעטערט איבער דער האַרטער געפאַלבטער וואַנט פון דער קאָרע. די פאַלבן האָבן פאַרהאַלטן זײַן פוס און ער האָט זיך גערוקט אַלץ העכער און העכער. פאַר אַ מענטשן, וואָס האָט אין די יונגע יאָרן געמאַכט אַ סך גימנאַסטיק און וואָס איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון ספּאָרט און געפערלעכע שפּילערייען, איז דאָס קלעטערן נישט געווען באַזונדערס שווער.

פון צײַט צו צײַט איז ער אָפּגעשאָטן געוואָרן מיט אַ דינעם שטויב פון די ווענט און ער האָט אויף אַ ווײַלע געמוזט צומאַכן די אויגן, ער זאָל נישט בלינד ווערן. אָבער דורכגעמאַכט דידאָזיקע אומאַנגענעמע אָפּעראַציע, איז ער ווײַטער געקראָכן.

נישט ווײַט פון שפּיץ, וווּ דער בוים איז שוין געווען גענוג שמאָל און עס האָט זיך געשפּירט אַ דושנעקייט פון אַ קוימען, האָט ער מיטאַמאָל דערהערט אַ משונה פּייפן מיט אַ קוויטש...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און צוגעהערט. ווער קען עס דאָ פּייפן? אפשר אַ שלאַנג? אַ בלוטדורשטיקע יאַשטשערקע? אָדער אפשר אַזוי עפּעס אַ מזיק אַ חיה?

אַ ציטער האָט אים אויף אַ רגע קאַלט אָנגערירט ביים האַרץ. דער מוט האָט אים אָבער נישט פאַרלאָזט, ווי פריער.

ער האָט ווייטער געקלעטערט מיט פאַרביסענע ציין. די אויבערשטע עפּענונג איז שוין געווען נישט ווייט. ער האָט געזען אַ רעדעלע הימל און אַ פרישע לופט האָט אים געבלאָזן אין יונגן פּנים אַריין...

ער האָט שוין געהאַלטן ביי אַכציק פוס הויך איבער דער ערד!

און אָט האָט זיך ווידער דערהערט אַ פייף און אַ בייזער קוויטש, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט עפּעס אַ ווילדן געלעכטער.

„צו אַלדי שוואַרץ יאָר! ווער וווינט עס דאָ? וואָסערע רוחות האַלטן זיך דאָ אויף?" — האָט גאָדפריי מונטער אַ געשריי געטאָן און אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון שפּיץ בוים.

ער האָט דאָס זייניקע דערגרייכט: ער האָט זיך געפונען אויפן שפּיץ פון בוים.

אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע פליגלען האָבן אַ פּאָך געטאָן אין לופטן און אַ ריזיקע וואָרנע איז תיכּף ומיד אַנטרונען געוואָרן פון איר איינגעזעסענער נעסט...

גאָדפריי האָט זיך הויך צעלאַכט.

„דאָס האָסטו, מיין ליבע שכנה, אַזוי געפּייפט?" — האָט גאָדפריי, אַ צעפרידענער, אַ זאָג געטאָן אין דער לופטן. — „נו, איצט וועלן מיר זיך אַקאָרשט גוט אַרומקוקן."

עס איז אים געווען גוט און פריילעך אויף דער נשמה. ער האָט געזען דעם ים פון אַלע זייטן און דאָס גאַנצע אינדזעלע. די זון האָט אים געשלאָגן אין קאָפּ אַריין, דער בלויער הימל איז געהאָנגען אַזוי נידעריק — מיט דער האַנט צו דערלאַנגען...

מיט דורשטיקע בליקן האָט זיך גאָדפריי אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. ער האָט געזוכט, געפאָרשט, געוואָלט עפּעס געפינען.



דער ים איז געווען רויִק און שטיל. קיין סימן פון עפּעס אַ באַוועגונג, קיין פלאַטער פון אַ פויגל. ער האָט זיך ווידער און ווידער איבערצייגט, אַז דאָס אינדזעלע ליגט ווייט פון די שיפטראַקטן און אַז עס איז גאָרנישט צו האָפן אויף עפּעס אַן אָקרענט, וואָס זאָל קומען זיי אויסלייזן פונדאַנען.

„מיר ליגן דאָ גוט אין פּעקל!" — האָט ער געטראַכט, אָבער אָן צער און עגמת נפש.

עס איז אים געווען אַנגענעם צו זיצן אויפן קאָפּ פון דעמדאָזיקן ריז און בעת מעשה לגמרי פאַרגעסן אין דער טראַגישער לאַגע פון די נייע ראָבינזאָנס...

אין דער צפון-זייט האָט ער אָבער פּלוצלונג דערזען אַ רויך, ווי דעמאָלט, ווען ער איז געשטאַנען אויפן שפּיץ באַרג.

אין דער ריינער שטילער לופט האָט זיך געצויגן אַ בלויער רויך גלייך צום הימל.

ער האָט אָבער געוואָלט אויסמיידן דאָס געפיל פון אַנטוישונג און האָט זיך דעריבער קאַלט צוגעקוקט צו דעמדאָזיקן רויך. ער האָט געטראַכט, אַז דאָס מוז זיין אַ וואָלקנדל, ווי דעמאָלט.

„מען טאָר זיך קיינמאָל נישט אָפּנאַרן," — איז אים איינגעפאַלן, — „דערנאָך האָט מען גרויס פּיין דערפון. איך מיין, אַז דאָס איז פּשוט אַ בלוי וואָלקנדל"...

דער רויך איז אָבער פאָרט געווען אַ רויך. גאָדפריי האָט דייטלעך געזען, ווי ער ציט זיך, ווי אַ שנירל גלייך צום הימל. וועגן דעם, אַז דאָס זאָל זיין אַ וואָלקן, האָט גאָר קיין רייד נישט געקענט זיין.

ניין, זיינע אויגן האָבן אים איצט נישט גענאַרט. עס ציט זיך אַ רויך אין דער צפון-זייט פון דער אינדזל. אַ רויך, אַ לעבעדיקער רויך, און מען קען זיך בשום אופן נישט גענאַרן.

גאָדפריי האָט דערשפירט, ווי דאָס האַרץ זעצט אין אים און וויל אַרויסשפּרינגען.

„אויב אַ רויך, מוז דאָך דאָ זיין אויך פייער," — האָט ער געטראַכט, — „און אויב, ווידער, פייער, מוזן דאָך דאָ ערגעץ זיין מענטשן? היינט וואָס פאַר אַ מענטשן זענען עס? צי אַ ווילדער שבט, וואָס אָט דאָס אינדזעלע איז זיין וויג, צי אפשר גאָר אונדזערע מענטשן פון „דרום," וואָס האָבן זיך געראַטעוועט ביי דער קאַטאַסטראָפע און פירן דאָ אויך אַ לעבן פון ראָבינזאָנס?..."

ער איז געזעסן אויפן שפּיץ פון בוים, זיך שטאַרק געבראָכן דעם קאָפּ און געקוקט אויפן רויך, וואָס האָט אים פאַרציילט פון מענטשן, פון אַ מענטשלעכן ישוב.

דאָס האַרץ האָט אים שטאַרק געקלאַפּט, און אַזוי האָבן אים אויך געקלאַפּט די רעיונות אין קאָפּ, וואָס האָט זיך געבאַקט אונטער די הייסע שטראַלן פון דער זון.

ער האָט נישט געקענט קומען צו עפּעס אַ באַשלוס. ער האָט נישט געהאַט די נייטיקע רויִקייט דערצו. מעכאַניש האָט ער זיך צוגעקוקט צום רויך און מעכאַניש האָט ער זיך איינגעחזרט דעם וועג צו דעמדאָזיקן רויך. ער האָט געזען, ווי אַזוי מען דאַרף גיין צו אים. ער האָט געזען דעם קירצסטן וועג.

פאַוואָליע האָט ער גענומען אַראָפּקריכן פון זיין הויכן טראָן. דער רויך האָט אים אינגאַנצן צעמישט. ער האָט שוין נישט געהאַט די פריערדיקע שטימונג. אַן אומרויִקייט איז אַריינגעפאַלן אין זיינע הענט און פיס.

פונדעסטוועגן האָט ער נישט פאַרגעסן צו פאַרשטאָפּן מיט צווייגן און דיקע בלעטער דאָס לאָך אין שפּיץ, איידער ער האָט זיך גענומען אַראָפּלאָזן. ער האָט דאָס אַלץ געטאָן



מעכאַניש, געטריבן פון אַן אינערלעכן אימפּעט, ווי אַ מאַשין.

בשלום האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד.

טאַרטעלעט האָט אים באַגעגנט מיט אַ מאָגער שמייכעלע אונטער דער אַרשיניקער נאָז, און אַ ווייז טוענדיק מיט דער בייניקער האַנט אויפן פייער, האָט ער געשעפּטשעט:

„עס לעבט! עס לעבט, מיין ליבער גאָדפריי. אַז עס איז דאָ פייער, איז אַ שמחה צום מאָגן און אַ תענוג צו די ביינער... מיט פייער קען שוין נישט זיין אַזוי אומעטיק, ווי פריער."

גאָדפריי האָט כמעט נישט געהערט דעם אַלטנס ווערטער. ער האָט גענומען אַ דיקן שטעקן אין האַנט און האָט אַ זאָג געטאָן צו זיין אַלטן חבר:

„הער טאַרטעלעט, איך גיי אַוועק און וועל מיך לאַנג נישט זוימען. גיט דאָ אַכטונג אויף אונדזער ביסל גוטס."

„אויפן פייער דאַרף מען אַכטונג געבן!" האָט טאַרטעלעט זיך אַזוי ווי באַליידיקט. — „דאָס פייער איז אונדזער ביסל גוטס... דאָס זאָלט איר אייך געדענקען, מיין ליבער גאָדפריי. קיין אַנדער גוטס איז דערווייל נישטאָ."

## קאפיטל דרייצן.

וואָס איז מיטן רויך? — אנטוישונגען און האָפענונגען. — גרויסע פּאַסירונגען. גאָדפריי האַלט אין איין זוכן און פאָרשן, בעסער אָבער ווערט עס נישט. — מען לעבט דאָך נישט שלעכט. —

גאָדפריי האָט שנעל געשפּאַנט. ער האָט זיך נישט אומגעקוקט און האָט זיך גערוקט פאָרויס מיט זעלנערישע טריט. דער רויך האָט אים געוואַלדיק אינטריגירט. ער האָט זיך געניטיקט אין מענטשן, אין מענטשלעכע ווערטער, אין מענטשלעכן געלעכטער.

צוויי שעה צייט האָט ער געשפּאַנט מיט איין אָטעם און מיט גרויס אימפּעט. לויט זיין חשבון, האָט ער שוין געדאַרפט זיין אויפן אָרט פון רויך, אָבער אַרום זיך האָט ער געזען שטילע שטחים, ביימער, פעלדזן און גראָז, אָבער פון רויך, וואָס האָט אים מיטאַמאָל פאַרכאַפּט מיט אַזויפיל הבטחות און האָפענונגען, האָט ער קיין סימן נישט געזען.

ער איז אַרומגעגאַנגען מיטן גראָבן שטעקן אין האַנט און געשריען מיט דער גאַנצער ברוסט:



„מענטשן, רופט זיך ווער אָפּ! שווייגט נישט?" איך זוך אַ מענטשלעכע נשמה! ווער האָט דאָ פריער פאַרלייגט אַ פייער!"

אַ ווייטער עכאָ, וואָס איז באַלד אָפּגעשטאָרבן, האָט געענטפערט אויף זיינע געשרייען.

גאָדפריי האָט געצויגן מיט די אַקסלען.

„אָבער דאָס קען דאָך נישט זיין!" — האָט ער מיט גרויס פיין געטענהט צו זיך. — איך האָב דאָך פאָרט געזען אַ רויך, אַן אמתן רויך!... קיין כישוף איז דאָך נישטאָ אויף דער וועלט, און איך האָב מיך בשום אופן נישט געניאַרט. מיינע אויגן האָבן גוט געזען. הייַנט ווי זאָל איך מיר דאָס אַלץ דערקלערן?"

ער האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ און נישט אויפגעהערט צו שרייען פון צייט צו צייט:

„מענטשן, רופט זיך אָפּ, ווו איר זענט! וואָס שווייגט איר, מענטשן?!"

געענטפערט האָט אים ווידעראַמאָל בלויז דער עכאָ.

גאָדפריי האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ. ער האָט זיך געפילט ווי אַן אָפּגענאַרטער און אַן אָפּגעשווינדלטער. פון וועמען? פון דער נאַטור. די נאַטור שפּילט זיך מיט אים און לאַכט אים אויס.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין גראָז און האָט זיך באַדאַכט. אַז דער רויך איז טאַקע געווען אַ רויך, ווען דעם קענען גאָר קיין צוויי מיינונגען נישט זיין, אלאָ, וואָס דען — פונוואַנען שטאַמט ער? דאָס איז אַ פראַגע, און אַ שווערע פראַגע. אפשר איז דאָס נישט מער, ווי אַ געאָלאָגישער פענאָמען? אַ שפּאַלטונג אין דער ערד מיט אַ שוואַכן אויסברוך פון פייער און רויך?

דידאָזיקע פראַגן זענען געבליבן הענגען אין גאָדפרייס

קאָפּ אָן אַן ענטפֿער. ער האָט זיך אויפֿגעהייבן און האָט אַוועקגעשפּאַנט צוריק אַהיים.

אויפֿן וועג האָט ער אָנבאַגעגנט מאָנכע היהלעך, וואָס זענען געשווינט נעלם געוואָרן פֿון זיינע אויגן. ער איז געגאַנגען מיטן הויכן גראָבן שטעקן אין האַנט, פּונקט ווי אויף דריי פֿיס.

זיך דערנענט צו דעם „ווילי־פּאַלאַץ", האָט ער פּלוצלונג דערהערט, ווי עמעץ שפּילט אויף אַ קליין פֿידעלע. דאָס האָט דער אַלטער טאַרטעלעט געהיט דאָס פֿייער, שפּילנדיק בעת מעשׂה אויף זיין קליין צעבראָכן פֿידעלע.

גאָדפֿריי האָט זיך אַנידערגעזעצט עסן. זיינע רעיונות האָבן איצט אינטענסיוו געאַרבעט אין איין ריכטונג: מען טאָר זיך נישט אָפּלאָזן און מען דאַרף לעבן און וועלן לעבן, ווי עס מאַכט זיך, צוגעפּאַסט צו די אומשטענדן.

„אַז מען קען נישט אַ ר י ב ע ר, מוז מען אַ ר ו נ ט ע ר," זאָגט אַ פּראַקטיש ווערטל, און אָט דאָס ווערטל איז איצט געוואָרן גאָדפֿרייס לאָזונג. נישטאָ וואָס צו טראַכטן און קלערן און זיך ברעכן דעם מוח אומזיסט. איין זאַך איז קלאָר, ווי דער טאָג: מ ע ן ד אַ ר ף ל ע ב ן, דאָס הייסט זיך איינאָרדענען באַקוועם און אינגאַנצן שלום ווערן מיטן אינדזעלע.

נאָכן עסן האָט ער זיך אויפֿגעהייבן און איז ווידער געגאַנגען מאַכן נייע פֿאָראָנדקעס אין „ווילי־פּאַלאַץ."

ער האָט איבערגעטווישט דאָס גראָז און די בלעטער פֿון די געלעגערס און האָט אויסגעריייניקט און אויסגעגלייכט דעם באָדן. ווען ער וואָלט איצט געהאַט טאַפּעטן, וואָלט ער מיט זיי אויסגעקלעבט די ווענט.

ער האָט געבענקט נאָך אַ שיינער רייכער דירה כאָטש



דאָ אויף דער אינדזל, ווייט און אָפּגעשניטן פֿון דער גאַנצער וועלט.

„שיינקייט", — האָט ער זיך געזאָגט, — „שאָדט קיינמאָל נישט"...

ביסלעכווייז איז ער אַלץ מער און מער אַריינגעטאָן געוואָרן אין דאגות וועגן דער באַלעבאַטישקייט. מיט יעדן טאָג זענען אַרויסגעשווומען נייע פֿראַגן, וואָס האָבן געפֿאָדערט אַן ענטפֿער.

עס איז איצט געשטאַנען די פֿראַגע וועגן קליידער. די אַלטע מלבושים ווערן צעפֿאַלן, ווי שפּינוועבס. מיט וואָס וועט מען זיי קענען פֿאַרבייטן? ווו וועט מען נעמען שטאָף פֿאַר נייע מלבושים?

אמת, דער קלימאַט איז דאָ זייער אַ וואַרעמער. עס וועט זיין גענוג, אַז מען וועט צודעקן דאָס לייב מיט אַ העמד און מיט אַ פּאָר דינע תחתונים, אָבער אויך דערויף באַדאַרף מען האָבן שטאָף.

גאָדפֿריי האָט, נאַטירלעך, נישט געקענט פֿאַרענטפֿערן די פֿראַגע וועגן שטאָף, אָבער פֿון מוט איז ער נישט געפֿאַלן. ער האָט נאָר אַרויפֿגעלייגט אויף דעם אַלטן תּרח אַ נייע פֿונקציע — ער זאָל וואַשן ביידנס וועש.

דער אַלטער האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט. זינט אויף דער אינדזל האָט זיך באַוויזן פֿייער און מען האָט געקענט פּראַווען אַ פֿיינעם מיטאָג, איז דער טאַנצפּראָפֿעסאָר געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש. ער איז געוואָרן געהאָרזאַם און האַרציק און האָט לגמרי אויפֿגעהערט צו וואָרטשען.

„מילא, אַז וואַשן וועש, איז וואַשן וועש," - האָט ער געזאָגט. — „אָט אַזוי ווערט מען, מיין ליבער, פֿון אַ פּראָפֿעסאָר אַ וועשער אָדער אפֿשר אַ... וועשערין. איך ווייס שוין אַליין

בישט, וואָס איך בין. אָבער איך גיב אייך מיין וואָרט, גאָדפריי, אַז איך וועל פּינטלעך דערפילן מיין אַרבעט.“

גאָדפריי, ווידער, האָט יעדן טאָג געפּטרט אַ שטיק צייט אויף קלייבן וואָרצעלעך, מאַנזאַנילן און אויף כאַפּן פיש אין טייך. דערצו האָט ער זיך שוין געמאַכט אַ קליינע ווענדקע און אַ נעצל. טיילמאָל האָט ער מיט דידאָזיקע גאַנץ פרימיטיווע מכשירים אַרויסגעשלעפּט פון וואַסער גרויסע צאַפּלדיקע פיש, וואָס האָבן געבלישטשעט, ווי פּערל אַנטקעגן דער זון.

ווי אַ גוטער באַלעבאָס, האָט ער באַזאָרגט זיין ביסל חיות און עופות. ער האָט פאַר זיי איינגעאָרדנט אויסגעהוילטע ביימער, ווי שטאַלן, ווו זיי האָבן געהאַט זייער באַשטימטן אָרט און האָבן מער נישט באַדאַרפט אַרומבלאָנקען אַרום דעם „ווילי-פּאַלאַץ“.

פון די הינער האָט ער באַלד דערלעבט אַ יונגן דור. די קליינע געל-פוכיקע הינדעלעך האָבן מיט זייער צאַרטן פּיפּ-טשען אָנגעפילט גאָדפרייס האַרץ, ווי מיט מוזיק. עפּטער האָט ער זיי צוגעוואָרפן שטיקעלעך ברויט און ברעקלעך פון טיש און האָט גאָר אָנגעקוואָלן, קוקנדיק, ווי דידאָזיקע צאַרטע געפליגלטע ברואים וואַקסן פשוט אויף די אויגן.

גאָרפריי מיט דעם אַלטן תּרח האָבן איצט געלעבט אַן עכט פערמער-לעבן. עס האָט זיי נאָר געפעלט אַן אַקער, צו פאַראַקערן און פאַרזייען די ערד.

זיי האָבן זיך געלייגט פרי שלאָפן און פרי זענען זיי אויפגעשטאַנען. קיין שום רייבונגען זענען צווישן זיי נישט געווען. עסן און טרינקען האָט מען געהאַט צו זאַט, און מער ווי דאָס האָט דער אַלטער טאַרטעלעט נישט באַדאַרפט.

זיינע צוויי פונקציעס — אָפּהיטן דאָס פייער און אויסוואַשן ביים טייכל דאָס וועש האָט ער דערפילט מיט דער



גרעסטער פּינקטלעכקייט און אין די פרייע שעהן פלעגט ער נאָך צו שפּילן אויף זיין קליין צעבראָכן פידעלע.

און די צייט איז דערווייל געלאָפן. מען האָט אָנגעהייבן ביסלעכווייז צו פאַרגעסן אין דער שטאָט, אין פריינט און באַקאַנטע. מען האָט אָנגעהייבן ביסלעכווייז צו פאַרגעסן אין דער ציוויליזירטער וועלט און מען איז שלום געוואָרן מיטן אינדזעלע.

דעם 29-סטן יולי, אינדערפרי, האָט גאָדפריי אַרויסגעשפּאַנט צו יענעם ברעג ים, וואָס האָט ביי אים געהייסן „דרים“-ברעג. „דרים“ איז אונטערגעגאַנגען נישט ווייט פון דעמדאָזיקן ברעג.

גאָדפריי האָט דאָ געזוכט מאָלוסקן, מושלען און קליינע פישלעך. זינט ער איז געוואָרן דער פירער פונם „ווילי-פּאַלאַץ“, איז פאַר אים אַלץ געווען אַ סחורה. וואָס עס האָט נאָר גע-טויגט צו דער אכילה, האָט ער געשלעפּט אַהיים. ער האָט אַלץ אָפּגעלייגט זאַפּאַסן, ווי אַ גוטער באַלעבאָס, און האָט אַפילו אויסגעגראָבן אין דער ערד אַ טיפן קעלער, ווו ער זאָל קענען האַלטן דאָס עסנוואַרג, וואָס טאָר נישט קאַליע ווערן.

זוכנדיק מיט די אויגן אויף דער ערד, האָט ער פּלוצלונג דערזען אַ בערגעלע זאַמד, וואָס איז אָנגעטראָגן געוואָרן פון ווינט, און אַז ער האָט אַ שאַר געטאָן מיטן פוס איבערן בערגעלע, האָט ער דערזען אַ ריזיק-גרויסן טשעמאָדאַן.

גאָדפריי איז געבליבן שטיין מיט ברייט אויפגעריסענע אויגן.

ווי קומט אַהער אַ טשעמאָדאַן? צו וועמען האָט ער אָנגעהערט? ווער האָט אים פאַרשלעפּט אַהער? געהערט ער נישט אַמאָל צום „דרים“?

צענדליקער פראַגן האָבן אַ טרייסל געטאָן גאָדפרייס קאָפּ. קיין ענטפער האָט ער אָבער נישט געפונען.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און האָט גענומען באַטראַכטן די מציאה. דאָס איז געווען אַ שטאַרקער טשעמאדאן, באַצויגן מיט דיקן לעדער. די ווינקלען זענען געווען באַפעסטיקט מיט שטאָל. ער איז געווען פאַרשלאָסן און דערצו נאָך איבערגעבונדן מיט לאַנגע דיקע לעדערנע פּאַסן.

גאָדפריי האָט אים געפּרוווט אַרונטערהייבן פון זאַמד, אָבער דער טשעמאדאן האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ער איז געווען זייער אַ שווערער. און ווידער האָט גאָדפריי געטראַכט: ווי קומט ער אַהער, אָט דער עדות פון אַ מענטשלעכן אָטעם? ווער האָט אים געבראַכט אַהער? איז ער אפשר אויסגעשפּייט געוואָרן דורך די כוואַליעס פון ים?

נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת האָט זיך גאָדפריי געזאָגט:

„איך וועל אים עפענען. דאָס איז דאָס גלייכסטע און דאָס בעסטע. לאָמיר נאָר זען וואָס ליגט דאָרט אין אים".

ער האָט אָפּגעבונדן די רימענע פּאַסן, אָפּגערייניקט אים פון זאַמד און זיך גענומען צום שלאָס. דער שלאָס איז אָבער געווען זייער אַ שטאַרקער און האָט זיך נישט געלאָזט אַזוי לייכט אויפברעכן. גאָדפריי האָט זיך אָפּגעגאָסן מיט אַ שווייס. צולעצט האָט ער גענומען האַקן מיט אַ שטיין אין שלאָס אַריין. דער שלאָס האָט זיך אַליין געעפנט...

מיט ציטערדיקע הענט האָט גאָדפריי אויפגעהייבן דאָס דעקל. אַ פריידיקע רויטקייט האָט אים אָפּגעשפּריצט די באַקן. ער איז אָפּגעשפּרונגען און האָט מיטן גאַנצן האַרצן פריידיק אויסגעשריען:

„אַך!"

מער האָט ער קיין ווערטער נישט געהאַט אויף דער צונג.

אין טשעמאדאן איז געלעגן אַן אוצר פון זאַכן: העמדער, קאַלסאָנעס, טיילעכער, ציכלעך, וואַרעם אונטערוועש, פאַר-



שידענע לייכטע און וואַרעמע מלבושים, קאַפּעלושן, שיך, דינע און דיקע שקאַרפּעטקעס...

אין אַ צווייטער אָפּטיילונג, איבערגעצאַמט מיט אַ דין ווענטל, איז געשטאַנען אַ גרויסער קעסל מיט קיכגעשיר, מיט טעלער, לעפל און גאָפּל, מיט פאַרשידענע מינים בערשטלעך, מיט טעפּ און קריגלעך. דערביי זענען געשטאַנען אַ פּאָר פּעסלעך, קענטיק, מיט שנאַפּס, אַרומגעוויקלט מיט שטרוי, און עטלעכע גרעסערע פּעקלעך טיי מיט צוקער.

נישט ווייט פונעם קעסל איז געלעגן געווער: ביקסן, רעוואָלווערן, פּאַטראָנעס, שווערדן און פּולווער.

אויף דער ביקס איז געשטאַנען דער שטעמפּל פון אַן ענגלישער פאַבריק.

זוכנדיק ווייטער אין דעם גרויסן טשעמאָדאַן, האָט גאָדפריי געפונען אַ קליין וועג-צעטייקל, אַ פעלדשפּאַקטיוו, אַ קאָמפּאַס, אַ כראָנאָמעטער, עטלעכע העפטן פּאַפּיר, פעדערס, בלייפעדערס, פלעשער מיט טינט, אַ לוח, אַ תנ"כל, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ניו-יאָרק, און אַ קאָכבוך...

גאָדפריי האָט זיך אינגאַנצן פאַרלאָרן פון אַזאַ עשירות. ביי זיין גאַנצער גבורה און יונגן געזונטן בלוט האָט ער אויף אַ ווײַלע נישט געקענט קומען צו זיך. עס האָט אים געשווינדלט פאַר די אויגן, דאָס האַרץ האָט געציטערט, די פיס האָבן זיך אַזוי ווי אונטערגעהאַקט.

מען האָט געדאַרפט קענען איבערלעבן מיטאַמאָל אַזאַ פרייד.

אים האָט זיך געדאַכט, אַז דער גאַנצער טשעמאָדאַן שרייט צו אים:

„נאָר לעבן! נאָר לעבן! אָט איצט וועסטו לעבן!"

און ווען ער וואָלט נישט געווען אַ יונגערמאַן פון שטאַרקע נערוון, פון גימנאַסטיק און ספּאָרט, וואָלט ער זיך זיכער צעוויינט:

אַז ער האָט זיך צום צווייטן מאָל באַרויִקט, האָט ער אַרויסגענומען אַלץ, וואָס עס האָט זיך געפונען אין טשעמאָדאַן און האָט עס אויסגעלייגט אויפן גראָז.

ער האָט געזוכט אַ פּאַפּיר, אַ שיין, אַן אָנווייזונג, אַ רמז, צו וועמען דערדאָזיקער אוצר האָט אָנגעהערט. ער האָט געזוכט דעם באַלעבאָס פון דעמדאָזיקן טשעמאָדאַן און האָט אים נישט געפונען. ער האָט געזוכט מענטשלעכע טריט אויפן זאַמד — און האָט זיי אויך נישט געפונען. ער האָט געזוכט אויפן ים...

דאָס רעטעניש איז פאַרבליבן רעטעניש.

געטראַכט האָט אָבער גאָדפריי, אַז דער טשעמאָדאַן איז אַרויסגעשמיסן געוואָרן פון ים אויפן ברעג. די כוואַליעס האָבן אים לאַנג געמוזט טראָגן, אָבער זיי האָבן אים נישט געשאַדט, ווייל ער איז געווען הערמעטיש פאַרמאַכט און באַצויגן מיט דיקן פעסטן לעדער.

איבערטראָגן דעם טשעמאָדאַן מיט איין מאָל האָט מען, נאַטירלעך, נישט געקענט. גאָדפריי האָט צוריק איבערגעלייגט דעם אוצר אין טשעמאָדאַן און האָט אים פאַרמאַכט. נאָכדעם האָט ער זיך אויפגעהייבן און איז אַוועק אַהיים, מיטנעמענדיק מיט זיך דעם קעסל, אַ גרויס יעגערמעסער, אַ ביקס, אַ רעוואָלווער, קוילן, פּולווער און דעם פעלדשפּאַקטיוו.

ער איז נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געגאַנגען אַזוי האָפערדיק, ווי איצט. ער איז געגאַנגען און געזונגען שטיל אונטער דער נאָז, און געפילט האָט ער זיך אַזוי, ווי ער וואָלט געגאַנגען פון אַ שלאַכט, ווו ער האָט לייכט און שנעל באַזיגט אַ שטאַרקן און אַ געפערלעכן שונא.



יאָ, ער האָט טאַקע איצט באַזיגט אַ געפערלעכן שונא — דעם טויט... אַלץ, וואָס ער האָט געפונען אין טשעמאָדאַן, האָט געהאַט אַ דירעקטע פאַרבינדונג מיטן לעבן און אין יעדער זאַך באַזונדער איז געלעגן אַ נצחון איבערן טויט...

די אמתע שמחה האָט זיך ערשט אָנגעהייבן, ווען דער אַלטער טאַרטאַלעט האָט דערזען דעם קעסל מיט דער ביקס און מיט דעם אַלעם, וואָס גאָדפריי, אַ פאַרשוויצטער האָט מיטגעבראַכט פון ברעג.

ביי דעם אַלטן טאַנצפּראָפעסאָר האָבן זיך אויסגעצויגן די ליפּן ביז צו די אויערן פון גרויס געלעכטער און שמחה, און זיינע צרהדיקע פּיס האָבן פון גרויס אימפּעט גובר געווען די צרהדיקייט און האָבן אָפּגעטאַנצט אַ טענצל פון אָנהייב ביזן סאַמע סוף...

איבערהויפּט האָט דעם אַלטן געפרייט דער גרויסער קעסל, אין וועלכן מען וועט קענען קאָכן פון כל טוב. די גאַנצע פרייד איז אים געגאַנגען פון מאָגן, פון דעמדאָזיקן אָרגאַן, וואָס האָט געהאַט אויף אים מער השפעה, ווי דאָס האַרץ.

„מיין טייערער גאָדפריי,״ — האָט ער זיך צעגאָסן אין האָניגדיקע ווערטער, נאָכדעם, ווי גאָדפריי האָט אים פאַרציילט פון דער גאַנצער מציאה, — „מיין טייערער, מיין זיסער גאָדפריי, מיר וועלן דאָך איצט לעבן, ווי די מאָנאַרכן!... כלעבן, דאָ ווערט שוין באַלד בעסער, ווי אין סאַן-פראַנציסקא ביי דעם איבערגעפרעסענעם קאָלדערופּ, ימח שמו... קיין פאַריבל דאַרפט איר אויף מיר, נאַטירלעך, נישט האָבן פאַר אַזאַ מין אַרויספאָר מיט לשון, ווי איך בין דאָ איצט אַרויסגעפאָרן... די נערוון ברענען מיר, מיין טייערער, און די רעיונות שפּרינגען מיר אין קאָפּ און דער מאָגן זינגט אין מיר!... דער גאַנצער בויך זינגט, גאָדפריי! פון הונגער צו זאַטקייט, פון דלות צו עשירות, פון קבצנות צו

קאַמפּאַרט! אַך, מיין טייערע מאָד, דו שענסטע ווײַזן פון סאַן־פראַנציסקאַ! ווען דו וואָלסט דאָ איצט געווען מיט דײַנע גאָלדענע האָר און מיט די שלאַנקע פאָרמען, וואָס נאָר דײַן אַלטער פּראָפעסאָר איז געווען אַ מבין אויף זיי, וואָלט ער, אָט דער אומגליקלעכער־גליקלעכער פּראָפעסאָר דערשינען פאַר דיר אין שנייוויַיסע וועש און וואָלט זיך פאַרנויגט פאַר דיר מיט יענער עלעגאַנץ און פייערלעכקייט, וואָס מען זעט עס נאָך ביי אַלטע טראָגען און יחוסדיקע הויפן. ניין, איך האָב ביז אַהער זיך טועה געווען. איך האָב געמיינט, אַז מיין וויסטער סוף איז שוין געקומען און אַז מיר איז דאָ באַשערט אויסגעטריקנט צו ווערן... דאָ איז דאָך נישט אַזוי געשמאַק צו שטאַרבן, מיין ליבער. דאָ האָט מען טאָפּעלע קברים — אַ קבר אין אַ קבר. וואָרים די אינדזל, צווישן אונדז ביידן זאָל דאָס בלייבן, איז נישט קיין קבר? ווער קומט דאָ אַהער און ווער ווייס פון דעמדאָזיקן שטיקעלע ערד?... אָבער, גאָדפריי, אַז עס איז דאָ וואָס צו עסן, אַז מען זעט פאַר די אויגן פלייש און פייער און אַ קעסל, קען מען באמת פאַרגעסן אין אַלע צרות און שלעק. איך דאַרף נאָר האָבן, אַז דער מאָגן זאָל מיר זינגען, אַז ער זאָל זיך פרייען, אַז ער זאָל זיך אָנפילן מיט שמחה... איר זעט דאָך, אַז איך זוך נישט קיין תכליתים און קיין גרויסע גליקן און קיין איבעריקע הנאות. איך האָב נאָר איין זאָרג — נישט צו פאַרשאַפן קיין צער מיין מאָגן... זאָל ער זיך אָנפילן מיט פלייש, מיט פיש און מיט אַלע גוטע זאַכן! שטערט אים נישט און לאָזט אים נישט ליידן, וואָרים ער האָט אַ הייליקע פונקציע. אָן אים, אָן דעם מאָגן, בין איך גאָר אויס מענטש, בין איך קיין צעבראָכענעם גראָשן נישט ווערט, און אויב איך בין אין מיין לעבן געווען אַן אָנגעזעענער פּראָפעסאָר פון דער איידלסטער קונסט אין דער וועלט און האָב געהאַט



די זכיה צו לערנען טאַנצן דעם שענסטן ווײַזן אין דער וועלט, דעם פריילן מאָד, וואָס אירע האָר האָבן קאָנקורירט מיטן גאָלד פון דער זון, — איז עס נאָר אַ דאַנק מיין מאָגן..."

דער אַלטער טאַרטעלעט האָט אויפגעהייבן די הענט און האָט, קענטיק, משער געווען, אַז ער רעדט אויף אַ מאַסנפאַרזאַמלונג. גאָדפריי האָט אים אָבער אַראָפּגעדריקט ביי די אַקסלען און אים געצוווּנגען זיך אַראָפּצולאָזן אין גראָז.

„מען דאַרף אַזויפיל נישט רעדן", — האָט ער געזאָגט. — „מיר האָבן נאָך אַ סך צו טאָן. מען דאַרף איבערטראָגן אַהער דעם גאַנצן אוצר און מען דאַרף עס מאַכן מיט גרויס אָרדענונג."

דער אַלטער, וואָס איז, קענטיק, אַליין שטאַרק גערירט געוואָרן פון זיין לאַנגער דרשה וועגן מאָגן, האָט מיט טרערן אין די אויגן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

„יאָ, יאָ", — האָט ער געשמייכלט. — „איך וועל אַלץ טאָן, וואָס מען וועט מיר הייסן... איך וואָלט געווען אַ מערדער, ווען איך זאָל מיך איצט אָפּזאָגן פון צו פאָלגן..."

דער טאַנצפּראָפעסאָר האָט זיך אויפגעהייבן און געזאָגט:

„איך בין גרייט!"

און דערביי האָט ער זיך פאַרנויגט מיט יענער עלעגאַנץ, וואָס האָט דערמאָנט אין זיינע אַלטע לימודים וועגן רייץ און שיינע מאַנירן.

אין דעם טאָג האָט ער זיך באַפרייט פון אַ וויכטיקער, נאָר זייער אַ נודנער פונקציע: ער האָט שוין נישט באַדאַרפט מער היטן דאָס פייער. מיטן פולווער, וואָס גאָדפריי האָט געפונען אין טשעמאָדאַן, האָט מען אַלעמאָל געקענט מאַכן פייער.

גאָדפריי האָט זיך אָנגערופן:

„מיר וועלן גיין צו אונדזער אוצר און וועלן אים ביסלעכווייז אַריבערפּעקלען אַהער. מיר וועלן עס מאַכן זייער געשיקט.״

„איך מיין אויך אַזוי,״ — האָט דער אַלטער געזאָגט און האָט גענומען אַ שטעקן אין דער ביניקער האַנט.

אָבער אין דער מינוט האָט ער זיך געכאַפּט, אַז וויבאַלד עס איז דאָ אַ קעסל, באַדאַרף מען צושטעלן צום פייער אַ רעכטע פּאָרציע פלייש און מען דאַרף פּראַווען אַ גוטן מיטאָג.

ער האָט אַ וואָרף געטאָן דעם שטעקן און האָט זיך גענומען צום קעסל. ער האָט געאַרבעט, ווי אַ געשיקט דינסטמיידל: אַריינגעלייגט פלייש אין קעסל, אָנגעגאָסן עס מיט וואַסער, באַשאָטן מיט זאַלץ, וואָס ער האָט אַרויסבאַקומען אויפן ברעג ים און צוגעוואָרפן צו דעם אַלעם אַ פּאָר הויפנס יאַמפּוואָרצלעך און זויערע עפּעלעך.

נאָכדעם האָט ער זיך אויסגעווישט די הענט, געשמייכלט פון גרויס תענוג און הנאה, גענומען צוריק דעם שטעקן און זיך פייערלעך אָנגערופן:

„נו, מיר גייען איצט, גאָדפריי, איך בין גרייט!״

ביידע זענען אַוועק צו דעם „דרים״-ברעג.

דער טשעמאָדאַן איז, ווי פריער, געשטאַנען אויף זיין אָרט. גאָדפריי האָט פּאַוואָליע געעפנט דאָס דעקל און האָט גענומען סאָרטירן די פאַרשידענע זאַכן, צונויפלייגנדיק זיי אין קליינע פּעקלעך.

דער אַלטער האָט דערווייל געפּאַטשט מיט די הענט, געשריען און געהאַלטן לאַנגע דרשות. דער מענטש האָט געברענט פון אַנטציקונג, וואָס האָט זיך גענומען מער פון מאָגן, ווי פון האַרצן.



גאָדפריי האָט אים אָבער עפּעס איבערגעריסן און געהייסן שווייגן. דער אַלטער האָט אים געשטערט אין דער אַרבעט.

דער אַלטער איז באַלד שטיל געוואָרן, אָבער אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך פאַרגעסן און האָט ווידער אָנגעהייבן זיינע לאַנגע התפּעלותדיקע דרשות.

„איר לאָזט זיך מיר פרייען אַ ביסל״, — האָט ער געטענהט צום יונגן מיליאָנער, — „איך בין דאָך נישט קיין אַרעסטאַנט!..״

„אָבער איר שטערט דאָך מיר.״

„נו, וועל איך שווייגן...״

דער אַלטער איז אָבער אויף אַן אמת שטיל געוואָרן, ווען ער האָט באַקומען אַ פּעקל און האָט מיט אים אַוועקגעהוּנקען נאָך גאָדפרייען אין „ווילי-פּאַלאַץ.״ טראָגן אַ משא האָט ער פיינט געהאַט, אָבער ער האָט זיך געוואָלט דיסציפּלינירן און זיין געהאָרכזאַם, ווי אַ קינד.

גאַנצע דריי טעג האָט מען כסדר, אָן הפסקות, געשלעפּט דעם אוצר. מען האָט געשוויצט, ווי די בערן און מען האָט געאַרבעט מיט איין אָטעם. דעם ערשטן אויגוסט האָט מען אַפילו אַריבערגעשלעפּט דעם טשעמאָדאַן גופא. מען האָט אים אַריבערגעשלעפּט מיט גרויס אָנשטרענגונג און שווייס. גאָדפריי האָט איינגעפונען, אַז ער וועט קענען דינען פאַר אַ שאַנק, אין וועלכן מען נייטיקט זיך אַזוי אין „ווילי-פּאַלאַץ״. אַזוי אַרום זענען פאַרענדיקט געוואָרן אַלע אַרבעטן ביים אוצר.

נאָכדעם, ווי מען האָט זיך גוט אויסגערוט און אָפּגעגעסן אַ רייכן מיטאָג כיד המלך, האָט זיך טאַרטעלעט אויפגעהייבן, גענומען די פידל אין האַנט, זיך אַנידערגעשטעלט אין אַ באַשטימטער פּאָזע און זיך זייער ערנסט אָנגערופן צום יונגן מיליאָנער:

„מיין ליבער גאָדפריי, איך וויל מיט אייך איבערגיין אַ קורס פון טענץ... איר דאַרפט נאָר זיין אַ גוטער און פלייסיקער תּלמיד..."

גאָדפריי האָט אים נישט געענטפערט.

דער אַלטער האָט ווידער געזאָגט:

„איך וועל ביי אייך קיין סך נישט נעמען, מיין ליבער... מיין האָנאָראַר איז אַ קליינער. די קאָנקורענטן, וואָס באַזיצן מער חוצפה, ווי טאַלענט, האָבן געבלוטיקט מיין האָנאָראַר... אָבער עס שאָדט נישט. דערפאַר בין איך אַ לעזער אַ גוטער. מען קען מיך אין גאַנץ סאַן-פראַנציסקאָ... שטעלט זיך אַוועק, מיין ליבער, איך וועל אייך ווייזן די נשמה פון אַ באַוועגונג..."

גאָדפריי האָט אים אויך דאָסמאָל נישט געענטפערט.

דער אַלטער האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין פאַטילניצע און האָט אָפּגעקרעכצט.

„איך האָב דאָ נישט קיין תּלמידים", — האָט ער שטיל געזאָגט. -- איך האָב אַלץ צו טאָן מיט טעמפּע מענטשן... איך ווייס דאָך, נאַטירלעך, נישט איינפאַלן, אַז דאָס קען זיין אַ באַליידיקונג, מיין ליבער גאָדפריי..."

## קאַפּיטל פערצן.

מ־ן עסט און מען טרינקט. — אין „ווילי-פאַלאַץ" פעלט גאָרנישט. — אַמאָל בענקט זיך אַ ביסל, אָבער נישט געפערלעך. — עס טרעפט מיט זיי עטוואָס אַזוינס, וואָס פאַסירט אומבאַדינגט מיט יעדן ראָבינזאָן.

ווען-ווען, נאָר טאַרטעלעטן, דעם אַלטן פּראָפעסאָר פון טענץ און שיינע מאַנירן, איז געווען גוט ווי די וועלט אויף דער אינדזל פ י נ א, ווי גאָדפריי האָט אָנגערופן דידאָזיקע יבשה, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט ים.

דער אַלטער האָט געגעסן און געטרונקען און געשלאָפן אויף אַ ווייכן באַקוועמען געלעגער און געשפּילט אויפן פידעלע און שעהנווייז גערעדט צו דער „געטלעכער מאָד," וואָס איז אים געשטאַנען אין דמיון.

קיין בעסער לעבן האָט ער זיך גאָרנישט געווונטשן.

טיילמאָל האָט ער אַליין מודה געווען:

„איך בין שוין אַלט, מיינע פיס דינען מיר נישט, היינט צו וואָס טויג איך אין סאַן-פראַנציסקאָ? די יונגע לערער פון

טענץ, וואָס ווייסן נישט ווי אַזוי צו שטעלן אַ ריכטיקן פאַ און וואָס האָבן נישט קיין אַנונג אין אַ שיינער באַוועגונג, האָבן מיך פאַרקאָנקורירט און געלאָזט פאַלן מיין אויטאָריטעט... איך האָב מיך געמוזט אויפהאַלטן ביי קאָלדערופן אין פאַלאַצל און עסן, מיין ליבער, געשענקט ברויט... אָט דאָס ברויט, טייערער, איז שוין נישט אַזאַ גרויסער יחוס ביים מאָגן... ער קען עס כמעט נישט פאַרדייען! אָבער דאָ בין איך פריי און רויִק, דער מאָגן אַרבעט אויסגעצייכנט און איך פיל, ווי איך ווער יינגער... איך גיי צוריק, מיין ליבער: איך עלטער מיך נישט, נאָר איך ווער יינגער... מעגלעך, אַז די לופט איז שולדיק דערין. אַזאַ פרישע געזונטע לופט האָב איך נאָך קיינמאָל נישט איינגעאָטעמט... און דער אַפעטיט וואַקסט דאָ, ווי אויף הויוון..."

גאָדפריי אָבער האָט עס נישט געקענט זאָגן וועגן זיך. ער האָט טיילמאָל געבענקט. ער האָט געבענקט נאָך פינאַן, נאָך אירע קלאַנגען אויפן קלאַוויר און נאָך די שיינע אויסגעשטערנטע נעכט פון סאַן-פראַנציסקאָ.

ער האָט אָבער געשוויגן און האָט זייער גוט און פרידלעך געלעבט מיטן אַלטן טאַנצפראָפעסאָר.

דער לעצטער האָט שוין פון גרויס רחבות גאָרנישט געוווסט וואָס צו ווערן. עפטער איז אים איינגעפאַלן זיך איבערצוטאָן אין די שענסטע מלבושים, וואָס זענען געלעגן אין טשעמאַדאַן און זיך דורכשפּאַצירן אַ ביסל צו מאָדן. מאָד, איז ביי אים אויסגעקומען, וווינט דאָ נישט ווייט, אַ צוויי-דריי טריט פון „ווילי-פאַלאַץ"...

גאָדפריי האָט אים אָבער באַמערקט:

„אַ שאָד די מלבושים. מיר דאַרפן זיך פירן עקאָנאָמיש".

דער אַלטער האָט איינגעווענדט:



„איך פאַרשטיי נישט, צו וואָס אַזאַ קאַרגקייט? אַז מען לעבט, דאַרף מען לעבן. עס איז דאָך אַ חרפה צו קוקן, ווי מיר גייען דאָ אַרום האַלב-נאַקעט. מיר זענען דאָך עפעס נישט קיין ווילדע מענטשן, גאָדפריי..."

גאָדפריי האָט געזאָגט:

„ניין, הער טאַרטעלעט, מיר זענען יאָ ווילדע מענטשן... מען דאַרף עס קענען פאַרשטיין... מיר לעבן מיטן צופאַל און אַזוי לעבט אייגנטלעך אַ ווילדער..."

„איך אנערקען עס אָבער נישט!" — האָט זיך טאַרטעלעט געוואָרפן. — „פאַרקערט, מיר לעבן איצט אַ פיין קולטורעל לעבן, און מיר נייטיקן זיך בלויז אין עלעגאַנץ."

גאָדפריי האָט זיך צעלאַכט.

„וואָס טויג אייך דאָ די עלעגאַנץ, הער טאַרטעלעט? פאַר וועמען וועט איר זיך דאָ פוצן? פאַר די הינער, צי פאַר די ציגן?"

„פאַר מיין דמיון!" — האָט דער טאַנצפראָפעסאָר אויסגעשאָסן. — „ווען איך האָב נישט געהאַט וואָס צו עסן, האָט עס מיר נישט געאַרט, אָבער איצט וויל איך גיין אָנגעטאָן, ווי אַ מענטש..."

גאָדפריי איז אָבער געוואָרן זייער שטרענג. ער האָט געזאָגט:

„הער טאַרטעלעט, מעגלעך, אַז איר זענט גערעכט, אָבער איך וועל אייך באין אופן נישט אַרויסגעבן קיין נייע מלבושים! אונדזער מלבושים-זאַפאַס איז זייער אַ קליינינקער און נאָכאַמאָל וועט איר נישט געפינען קיין טשעמאַדאַן אויפן ברעג. מוז מען זיין זייער שפּאָרזאַם. איר קענט אייך וועלן, און איך וועל אייך נישט געבן."

„און יום-טוב אויך נישט?" — איז שוין דער אַלטער ווייכער געוואָרן. — „דאַרף איך יום-טוב אויך אַרומגיין אַ האַלבנאַקעטער? איך פרעג אייך?"

גאָדפריי האָט געזאָגט:

„נו, יום-טוב איז עפּעס אַנדערש. אויף אַלע יום-טוב וועט אייך אַרויסגעגעבן ווערן אַ נייער אַנצוג און איר וועט דאָ מעגן אַרומפּראַנטעווען, ווי דער גרעסטער עושר אין סאַן-פראַנציסקאָ."

דער אַלטער האָט זיך גוטמוטיק צעלאַכט. „גאָט צו דאַנקען, אַבי איך האָב כאָטש געפּועלט, מען זאָל דעם יום-טוב פייערן, ווי שטיקלעך מענטשן. מען דאַרף גאָרנישט זיין אַזוי קאַרג, מיין ליבער גאָדפריי, מיר האָבן פון כל טוב. אונדזער טשעמאָדאַן, געזונט זאָל ער מיר זיין, וועט אונדז געבן מלבושים אויף צענדליקער יאָרן... איר זענט שוין אַ ביסל צו קאַרג!.."

זיך איבערגערעדט און איבערגעשמועסט צווישן זיך, האָט זיך יעדער גענומען פאַר זיין געוויינלעכער אַרבעט.

אַזוי ווי דער אַלטער האָט שוין איצט מער נישט באַדאַרפט היטן דאָס פייער, איז ער אַ פּאָר שעה אין טאָג אַרומגעגאַנגען אין וואַלד און געקליבן די קאַמאַסוואָרצלען און יאַמפּוואָרצלען. אַמאָל פלעגט ער גיין כאַפּן פיש אָדער אָפּקערן דעם פּלאַץ אַרום דעם „ווילי-פּאַלאַץ."

די עסנס האָבן זיך מיט יעדן טאָג פאַרבעסערט. גאָדפריי האָט געשאָסן פייגל, און מען האָט געהאַט צום מיטאָג געפליגל און פרישן בוליאָן.

געגעסן האָט מען אָדער אין „ווילי-פּאַלאַץ" אָדער אינדרויסן, אונטערן פרייען הימל, וווּ עס איז געשטאַנען אַ טיש מיט שטולן. גאָדפריי האָט שוין איצט געהאַט אַזויפיל אינסטרו-



מענטן צו דער אַרבעט, אַז ער האָט געקענט מאַכן וואָס ער האָט געוואָלט.

אָנשטאָט די געלעגערס פון צווייגן און בלעטער, האָט ער אַוועקגעשטעלט אין בוים צוויי ברייטע בעטן, און ביי יעדן בעט באַזונדער — אַ קליין טישעלע. אויף דער ערד האָט ער אויסגעלייגט אַ הילצערנע פּאָדלאָגע. ביי דער וואַנט איז געשטאַנען אַ שיין שאַפּקעלע פאַרן געווער און נאָך אַ שאַפּקעלע פאַרן קיכגעשיר. אין דער עפענונג האָט ער אַריינגעפּאַסט אַ טיר מיט אַ קליאַמקע און אין דער קעגנאיבערדיקער וואַנט האָט ער אויסגעהאַקט דריי הויכע פענסטער און פאַרזען זיי מיט לאָדנס.

דער בוים איז שוין איצט באמת געווען אַ באַקוועמע דירה פאַר מענטשן. דאָרט איז געווען אַ סך ליכט און לופט, און די זויבערקייט האָט ממש געקענט איבעראַשן אַ נייגעקומענעם מענטשן.

אויף דער נאַכט האָט ער פאַרשפּאַרט די טיר און די לאָדנס, און די צוויי מענטשן האָבן זיך געפילט אין בוים, ווי אין אַ שטאַרקער פעסטונג.

דערווייל האָט מען זיך נאָר געניטיקט אין אַ לאָמפּ, אין באַלייכטונג. גאָדפריי האָט אויך געטראַכט פון אַן אויוון, וואָס מען זאָל אים קענען באַהייצן, ווען עס וועט אָנקומען דער ווינטער. דער זומער איז דאָך דאָ נישט קיין אייביקער.

די פראַגן וועגן באַלייכטונג און באַהייצונג האָבן אים אָבער נישט שטאַרק באַאומרויִקט. ער האָט געפילט, אַז ער וועט שוין געפינען עפּעס אַן עצה, ווי אַזוי צו מאַכן זיך ליכטיק און וואַרעם, און אויב ער האָט ביז אַהער עקזיסטירט, וועט ער ווייטער אַוודאי עקזיסטירן.

קיין אייביקער ראָבינזאָן האָט ער דאָך נישט געוואָלט פאַרבלייבן. ערגעץ טיף אין דער נשמה האָט ער נאָך אַלץ

געהאָפּט אויף אַ שיף, וואָס וועט אים באַפֿרײַען פֿון דערדאָזיקער אינדזל, און דעריבער האָט ער אויפֿן בערגל, בײַם ברעג ים, אַוועקגעשטעלט אַ הויכן זעגלבוים מיט אַ פֿלאַג. אַזוי־אַרום האָט ער געוואָלט צוציען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון אַ פֿאַרבײַגײענדיקער שיף.

ליגט דאָך זײַער באַפֿרײַונג נאָר אין אַ שיף, און נישט אין עפּעס אַנדערש.

דעם פֿלאַג האָט ער געמאַכט פֿון אַ ווײַסן ליילעך, אָבער כּדי מען זאָל אים לײַכטער באַמערקן, האָט ער אים אָפּגעפֿאַרבט מיטן זאַפֿט פֿון רויטע יאַגדעס.

די אינטעסיווע הויז־אַרבעט האָט זיך אײַגעטלעך געצויגן ביז דעם 15־טן אויגוסט. אַלע אַרבעטן, וועלכע ער האָט נאָר פֿאַרטראַכט, זענען ביז דערדאָזיקער דאַטע פֿאַרענדיקט געוואָרן. ער האָט אַפֿילו פֿאַרענדיקט די פּאָר בריקלעך אויף די טײַכן, וואָס אַ דאַנק זיי, איז שטאַרק פֿאַרקירצט געוואָרן דער וועג צום ברעג ים.

איצט איז שוין גאָדפֿריי געווען כּמעט אַ פֿרײַער מענטש, און דעריבער האָט ער זיך ערנסט גענומען פֿאַר דער ביקס. דער יאַגד איז איצט געשטאַנען אויפֿן ערשטן פּלאַן.

אַזוי ווי דער טאַנצפּראָפֿעסאָר איז געווען אַ קנאַפּער שיסער, איז דער ענין פֿון יאַגד געלעגן אינגאַנצן אויפֿן יונגן מיליאָנער.

און גאָדפֿריי האָט געקענט שיסן. די ביקס איז געלעגן אין אַ געניטער האַנט, און דערצו האָט נאָך גאָדפֿריי געהאַט זייער אַ שאַרף אויג. מען האָט זיך געקענט פֿאַרלאָזן אויף אים.

גאָדפֿריי איז איצט אַרויס פֿון שטוב אינדערפֿרי, ווען דער אַלטער טאַרטעלעט האָט נאָך געשלאָפֿן. מיטגענומען די ביקס מיטן יאַגדזעקל, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט איבער דער אינדזל מיט דרײסטע טריט פֿון אַ יונגן יעגער.



אין אַ משך פֿון עטלעכע טעג האָט ער דערשאָסן אַ מענגע פֿעלדהינער, וואַלדשנאָפּן און אַפֿילו עטלעכע גרויסע אַנטילאָפּעס. טאַרטעלעט האָט זיך באַזונדערס אַנטציקט מיט די אַנטילאָפּעס, וואָס האָבן אים דערמאָנט אין אַ גוזמא קאָטלעטן און ביפֿשטעקסן.

„מײַן מאָגן הערט נישט אויף צו זינגען,“ — האָט ער זיך געוויצלט און האָט בעת מעשה מיט הנאה געגלעט דעם בויך.

אין דער צײַט פֿון יאַגד האָט זיך גאָדפֿריי בעסער באַקענט מיט דער אינדזל. ער האָט זי אַדורכגעשפּאַנט אין דער לענג און אין דער ברייט און האָט זיך ווידעראַמאָל איבערצײַגט, אַז דאָ איז קיין ילוד אשה נישטאָ. עס זענען אויך נישטאָ קיין בלוטדורשטיקע חיות, קיין גיפֿטיקע שלאַנגען, און דערדאָזיקער אומשטאַנד האָט אים זייער געפֿרייט.

ער האָט דערין געזען אַ מער באַקוועם לעבן. מען פֿאַרשפּאָרט זיך צו שרעקן פֿאַר דער אייגענער הויט, אַ זאַך, וואָס האָט אים תּמיד שטאַרק דענערווירט.

געפּייניקט האָבן אים נאָר צוויי רעטענישן, וואָס לאָזן זיך בשום אופֿן נישט פֿאַרענטפֿערן: איין רעטעניש מיטן רויך און דאָס צווייטע — מיטן טשעמאָדאַן. אויב ער האָט זיך נאָך געקענט זאָגן, אַז דער טשעמאָדאַן איז אַרויסגעשליידערט געוואָרן פֿון די ים־כוואַליעס, האָט ער אָבער קיין שום ענטפֿער נישט געפֿונען פֿאַרן רויך.

צוויי מאָל האָט ער מיט זײַנע אייגענע אויגן געזען אַ רויך און ביידע מאָל האָט ער נישט אַנטפּלעקט די סיבה פֿון דעמדאָזיקן רויך. עפּטער פֿלעגט ער טראַכטן פֿון אים מיט יענער עקשנות און פֿײַנלעכקייט, ווי עס קען נאָר טראַכטן אַן אײַנזאַמער מענטש, אָבער די זאַך איז אים אויף אַ האָר נישט אויפֿגעקלערט געוואָרן. דעמאָלט פֿלעגט ער זיך איבערווישן דעם שטערן און אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט אין לופֿטן, פּונקט ווי

ער וואָלט אַרויסגעטריבן פון קאָפּ זיינע אומרויִקע מחשבות, וואָס האָבן זיך איינגעגעסן אין אים.

די גאַנצע וואָך האָט מען געאַרבעט, זונטיק אָבער האָט מען גערוט. אויפן וואַנט איז געהאָנגען דער אָפּרייס־לוח און די רויטע זונטיק־ציפער האָט זיי יעדעס מאָל מחיהדיק אָנגעזאָגט, אַז ס'איז יום־טוב און מען דאַרף רוען.

טאַרטעלעט האָט זיך אַלע זונטיק אויסגעפּוצט, ווי אַ חתן צו דער חתונה. זיך אַרומגעוואַשן און פאַרקעמט, האָט ער זיך איבערגעטאָן אינם נייעם אַנצוג, וואָס איז געפונען געוואָרן אין אוצר און האָט אַרויסגעשפּאַצירט אינדרויסן מיט גרויס פאַראַד און פייערלעכקייט, ווי אַמאָל, אין די יונגע יאָרן, ווען ער פלעגט אַרויסגיין אינדערפרי אויף אַ רייכער לעקציע.

טיילמאָל, שטאַרק אַריינגעטאָן אין זיינע לעקציע־זכרונות, פילנדיק בעת מעשה, אַז ער אַליין איז אַ מענטש פול גראַציע און רייץ, פלעגט ער צוגיין צו אַ בוים און פלעגט אים לערנען, ווי צו מאַכן אַ ריכטיקן פּאַ. און אַז דער בוים האָט עס נישט געוואָלט טאָן און איז אַלץ געשטאַנען אויף איין אָרט, איז טאַרטעלעט אַרויס פון די כלים, און אַ דענערווירטער, האָט ער שוין געשריִען צום בוים נישט מיט זיין קול:

„אָבער גאָט אין הימל, מען קען דאָך נישט זיין אַזוי טעמפּ! מען דאַרף זיך באַוועגן לייכט און ריטמיש, און דער פוס דאַרף זינגען, ווי דער האַלדז!... וואָרים אַ באַוועגונג זינגט אויך, טעמפּע באַשעפעניש, וואָס דו ביזט!"

טיילמאָל, ווידער, פלעגט ער אַ כאַפּ טאָן דאָס פידעלע, אַ פיר טאָן מיטן פינגער איבער די סטרונעס און זיך אָנרופן צו גאָדפרייען:

„שטעלט זיך אַוועק, מיין ליבער, אין אַ פּאָזיציע..." עס הייבט זיך אָן די לעקציע. איר מוזט אָבער זיין געהאָרכזאַם



און זיך גוט צוהערן צו דעם לערערס ווערטער. איך וועל אייך ווייזן די נשמה פון אַ באַוועגונג..."

גאָדפריי פלעגט זיך צעלאַכן.

„לאָזט מיך אָפּ, הער טאַרטעלעט," — פלעגט ער זאָגן, — „איך טאַנץ איצט נישט. קיין שום ראָבינזאָן אין דער וועלט טאַנצט נישט. שיין וואָלט ער אויסגעזען מיט זיינע טענץ..."

„אָבער הער גאָדפריי," — האָט דער אַלטער טאַנצמייסטער אויפגעהייבן שטאָלץ דעם קאָפּ און אַרויסגערוקט די שמאָלע איינגעפאַלענע ברוסט.—„איר טאָרט נישט איגנאָרירן מיינע ווער־טער. ווען איך זאָג אייך, אַז מען דאַרף זיך יאָ לערנען טאַנצן, באַדאַרפט איר מיך פאָלגן! מיט אייך רעדט דער גרעסטער אויטאָרי־טעט אין דערדאָזיקער קונסט! און דערדאָזיקער אויטאָריטעט זאָגט אייך, אַז מען מעג זיך לערנען טאַנצן אַפילו אין קבר, אויב מען קען זיך נאָר דאָרט רירן פון אָרט..."

גאָדפריי פלעגט אים ענטפערן מיט אַ געמיטלעכן געלעכ־טער און פלעגט אים אָנפּאַטשן אין פּלייצע.

„נו, נו, זייט נישט אַזוי פייערלעך, הער טאַרטעלעט! פאַרגעסט אייך נישט, אַז ביים היינטיקן טאָג זענט איר נישט מער ווי אַ ראָבינזאָן... זענט אַ ביסעלע ניכטערער און קומט צו די קלאָרע רעיונות..."

אויף דעם אַלטן האָבן נישט אַזוי געווירקט דידאָזיקע ווערטער, ווי דער פּאַטש אין פּלייצע. דער פּאַטש אין פּלייצע האָט אים געזאָגט, אַז דאָ איז נישט סאַן־פראַנציסקאָ און אַז גאָדפריי איז נישט זיין תלמיד. גאָדפריי איז שטאַרקער פון אַ תלמיד. ווען נישט ער, וואָלט דער אַלטער טאַנצפּראָפעסאָר שוין לאַנג אומגעקומען. עס איז אַ מעשה מיט אַ ראָבינזאָן, אַ ביטערע מעשה, און טאַרטעלעט פלעגט תיכּף וּמיד אַנטרונען ווערן פון אונטער גאָדפרייס אויגן.

זיך געענדיקט דער זונטיק, דאָס בלעטל פון לוח מיט דער רויטער וואַרעמער ציפער איז אָפּגעריסן געוואָרן, האָט טאַרטעלעט ווידער אַרומגעבלאָנקעט, אַ האַלב־נאַקעטער, איבער די נאָענטע שטחים פון „ווילי־פּאַלאַץ.“

דעם 15-טן טעפּטעמבער איז געשען עטוואָס אַזוינס, וואָס האָט שטאַרק צעטרייסלט דאָס נערוונסיסטעם פון דעם יונגן מיליאָנער.

אין דעמדאָזיקן טאָג איז גאָדפריי, ווי אַלעמאָל, אַוועק צום ברעג ים. ווי מיר האָבן שוין פריער באַמערקט, איז עס געווען זיינע אַ מעכאַנישע פונקציע, פון וועלכער ער האָט זיך נישט געקענט באַפרייען. ער האָט געמוזט אַלע טאָג זען דעם ים — אפשר ווייזט זיך ערגעץ אַ שיף. אין „ווילי־פּאַלאַץ“ איז געווען זייער גוט, אָבער אין סאַן־פראַנציסקאָ איז, אַ פּנים, געווען נאָך בעסער.

און אָט האָט גאָדפריי דערזען אַ הויכן זייל רויך אין ים. ערגעץ ווייט אין ים האָט דער רויך, ווי מיט אַ שוואַרצן פּענדזל געשמירט איבערן הימל.

גאָדפריי האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ.

„אַ שיף, אַ שיף...“ — האָט ער געשטאַמלט. — „אַ דאַמפער... אַ מאַשין מיט רויך...“

וואָס טוט מען אָבער, ווי ווערט מען באַמערקט פון דעמדאָזיקן דאַמפער? ווי גיט מען אים צו וויסן, אַז דאָ שטייט אַ מענטש, וואָס איז אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט?

גאָדפריי איז אַזוי צעמישט געוואָרן, אַז ער האָט געוואָלט לויפן אָנזאָגן די בשורה טאַרטעלעטן און מיט אים זיך מיישב זיין, וואָס זיי האָבן צו טאָן. ער האָט זיך אָבער באַלד באַדאַכט, אַז דער אַ־טער טאַנצפּראָפעסאָר קען אים דאָ העלפן, ווי זיין



זיין שטעקן, וואָס ער האַלט אין דער האַנט, און ער איז פאַרבליבן אויפן ברעג.

ער איז געשטאַנען און געקוקט אויפן רויך, וואָס האָט זיך ביסלעכווייז דערנענט, דאָס הייסט ער איז אַלץ מער און מער אויסגעוואַקסן אויפן פּאַן פון האָריזאָנט.

אין אַ שעה אָדער צוויי אַרום זענען פּאַוואָליע, פון ווייטן אַרויסגעשווומען פאַר גאָדפרייס אויגן דריי הויכע זעגלביימער, און עטוואָס שפּעטער האָט ער שוין אַפילו געקענט זען די פאַרבן פון די פלאַגן. דאָס זענען געווען אַמעריקאַנישע פלאַגן.

דער יונגער מיליאָנער, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן אַזוי שטאַרק און מונטער, האָט זיך אָבער געוואָלט צעוויינען, ווי אַ קינד...

עס גייט אַ שיף מיט אַמעריקאַנישע פלאַגן — די הילף ליגט אים סאַמע אונטער דער נאָז, מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. נאָך אַ שעה, נישט מער — און ער קען זיך געזעגענען אויף אייביק מיט דעדאָזיקער איינזאַמער אינדזל, מיט זיינע גרויע מאָגן־דאַגות און מיט דער גאַנצער באַלעבאַטישקייט, וואָס איז נאָר גוט דעמאָלט, ווען מען האָט נישט קיין שיף פאַר די אויגן און מען זאָגט זיך אָפּ פון יעדער האָפענונג. אָבער אַז עס איז דאָ אַ שיף און עס פלאַמט אויף אין האַרצן אַ האָפענונג, ווילט זיך וואָס גיכער אַנטלויפן פונדאַנען...

פון גרויס אויפרעגונג האָבן זיך ביי גאָדפרייען געביטן די פאַרבן אין פּנים. ער איז געווען בלאַס און רויט און רויט און בלאַס, און פאָכענדיק מיט די הענט צום ים, ווי מיט פליגלען, האָט ער געשעפּטשעט:

„גאָט אין הימל, אַז איך זע זייערע פלאַגן, דאַרפן זיי זען מיין פלאַג! עס קאָן דאָך נישט זיין, אַז דער דאַמפער

זאָל פֿאַרבייגיין און זאָל זיך גאָרנישט אומקוקן אויף דעמדאָזיקן ברעג מיטן הויכן פלאַג!...״

דער דאַמפֿער איז אָבער געגאַנגען, ווי אַ בלינדער. ער האָט זיך אַפֿילו דערנענט צום ברעג, אָבער ער האָט נישט באַמערקט דעם פלאַג. דער איינזאַמער מענטש אויפֿן ברעג האָט קיין שום צייכן און קיין שום סיגנאַל נישט באַקומען פֿון דאַמפֿער.

עס איז טונקעלער געוואָרן. דער פֿאַרנאַכט האָט זיך אויסגעשפּרייט אויפֿן הימל, ים און ברעג. אַ שטאַרקע זון האָט שטיל געניִדערט אין מערב־זייט.

ביי גאָדפֿרייען האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָס האַרץ. עפּעס אַ קאַלטע טעמפּקייט האָט אַרומגענומען זיינע רעיונות. ער האָט נישט געקענט פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס ער קען זיך נישט צוזאַמענטרעפֿן מיטן גליק, מיט דער באַפֿרייונג, ווען ביידע געפֿינען זיך אויף אַזאַ נאָענטן שטח.

דידאָזיקע לאַגע האָט אים אויסגעוויזן אַזוי קאָמיש ביז צום וויינען און אַזוי טראַגיש ביז צום לאַכן...

צולעצט האָט ער גענומען שרייען צום דאַמפֿער. שרייען מיט אַלע כּוחות און מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג, און אַז דאָס האָט אויך נישט געהאָלפֿן, האָט ער אָנגעצונדען עטלעכע טרוקענע צווייגן און גענומען שיסן מיט דער ביקס...

פֿון דאַמפֿער האָט אים אָבער קיינער נישט געענטפֿערט.

און דערווייל איז צוגעפֿאַלן די נאַכט, אַ געדיכטע און אַ דושנע, און האָט אַלץ פֿאַרדעקט און פֿאַרשטיקט אונטער זיך.

גאָדפֿריי האָט פֿאַרלאָזט דעם ברעג, אַ דערשלאָגענער און צעבראָכענער.



## קאַפּיטל פֿופֿצן.

*ציִיע געוואַלדיקע פּאַסירונגען.—טאַרטעלעט האָט דעריזען אַ שיף מיט ווילדע מענטשן.—פּחד און פֿאַרצווייפֿלונג.—מען הערט טריט אויף דער אינדזל. — ששששש...—*

דער יונגער גאָדפֿריי האָט זיך געפֿילט אַזוי דערשלאָגן און צעקלאַפּט פֿון דער גאַנצער פּאַסירונג מיטן דאַמפֿער, אַז ער איז אַ טאָג צייט געלעגן אין בעט מיט אַ הייסן קאָפּ. ווען נישט דאָס באַוווּסטזיין, וואָס האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז ער מוז זיך שטאַרקן און קרעפֿטיקן, וואָלט ער געקענט אַריינפֿאַלן אין אַ געהירנאָנצינדונג. די פּאַסירונג מיטן נאָענטן דאַמפֿער איז געווען די גרעסטע אַנטוישונג אין זיין לעבן.

ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט און איז אַראָפּ פֿון בעט. די שטוביקע אַרבעט און דער יאַגד האָבן אים ביסלעכווייז באַרויִקט און ער האָט זיך געגעבן דאָס וואָרט, אַז ער זאָל פֿאַריאָגן פֿון דער נשמה אַלע האָפֿענונגען און זאָל איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל געדענקען, אַז ער דאַרף אויסלעבן זיינע יאָרן אויף דערדאָזיקער אינדזל

טאַרטעלעט האָט פון דער גאַנצער מעשה נישט געוווּסט. גאָדפריי האָט נישט געפונען פאַר נייטיק מיט אים צו רעדן דעריבער. ער האָט געוווּסט, אַז מיט דעם אַלטן קען מען נישט רעדן וועגן טיפע איבערלעבונגען און אַנטוישונגען.

מיטן טאַנצפּראָפעסאָר האָט מען נאָר געקענט רעדן וועגן מאָגן-ענינים. דאָ איז ער געווען קלוג און פּראַקטיש און שטאַרק באַריידעוודיק. ווייטער איז דעם אַלטן קיין זאַך נישט אָנגעגאַנגען.

מען האָט ווידער געלעבט רויִק, זאַט און נאָרמאַל. ביידע האָבן צוביסלעך געאַרבעט. אַ דאַנק דעם יאַגד, האָט מען געמאַכט גרויסע זאַפּאַסן אויף ווינטער. די זאַפּאַסן זענען שוין אפשר געווען צו גרויס פאַר צוויי מענטשן. אויף דער אינדזל איז אָבער געווען אַ שפע פון געפליגל, אַנטילאָפּעס און האָזן, וואָס האָבן זיך אַזוי ווי אַליין אונטערגערוקט אונטער די קוילן פון דער ביקס.

עס איז נאָר געבליבן די זאָרג וועגן באַהייצונג און באַלייכטונג. גאָדפריי האָט זיך, איבעריקנס, נישט שטאַרק געקימערט וועגן דעם, ער האָט געוווּסט, אַז ווען עס וועט זיך אונטערוקן דער נייטיקער מאָמענט, וועט ער שוין מסתמא געפינען אַ מיטל, ווי צו באַהייצן און באַלייכטן דעם „ווילי-פּאַלאַץ.“

ווי געזאָגט, האָט מען געלעבט רויִק, זאַט און נאָרמאַל. דער אַלטער טאַרטעלעט האָט זיך אָבער געפילט אַזוי גוט, אַז אין זיין אויסגעטריקנטן פאַרמעטענעם פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שאַטירונג פון פרישקייט, פון רויט בלוט. דער מענטש איז טאַקע ווי יינגער געוואָרן.

ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אין סאַן-פראַנציסקאָ און האָט נאָך קיינעם נישט געבענקט. די גרויסע פריילעכע רוישיקע שטאָט האָט לגמרי פאַרלאָזט זיין זכרון. און ער וואָלט זיכער געווען דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט, ווען ער



וואָלט דאָ געקענט עפענען אַ טאַנצשולע כאָטש פאַר איין תלמיד. אַ שאָד, וואָס די ביימער פון דער אינדזל פינאַ האָט זיך נישט געגלוסט צו טאַנצן. אַנישט, וואָלט ער זיי געלערנט טאַנצן אָן אַ גראָשן שכר-למוד.

דער אַלטער האָט כסדר געגעסן און געטרונקען, געשפּילט אויפן פידעלע און געשפּאַצירט מיט די הענט פאַרלייגט אַ הינטער, אַזאַ גליקלעכע עלטער האָט זיך אים אפילו נישט געחלומט.

איינמאָל, פאַרנאַכט, האָט ער אַזוי, מיט די הענט אַהינטער, אַוועקגעשפּאַצירט צום ברעג ים.

ער האָט געטראַכט פון אַ קאָטלעט און פון אַ ביסעלע שנאַפּס, וואָס ער וועט היינט אָפּצאַפּן פון פעסעלע.

גאָדפריי איז פאַרבליבן אין „ווילי-פּאַלאַץ.“ ער האָט געפלאָכטן אַ נעץ פון דינע פעדעם.

פלוצלונג איז דער אַלטער געקומען צוריק מיט צעשויבערטע האָר, מיט אַן אויסגעצויגענער נאָז און אַרויסגעשפּאַרטע געלע איבערגעשראָקענע אויגן.

גאָדפריי איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט.

„וואָס איז געשען, הער טאַרטעלעט?“ — האָט ער אים אָנגעכאַפּט ביי די הענט און אַ טרייסל געטאָן.

דער אַלטער האָט נישט געקענט רעדן, נאָר שטאַמלען. דער אָטעם האָט אים פאַרכאַפּט.

„רעדט ווערטער, הער טאַרטעלעט!“

דער אַלטער האָט קוים אַרויסגעשטאַמלט:

„דאָרטן... דאָרטן... דאָרטן...“

און מיט אַ ציטערדיקער האַנט האָט ער געוויזן אין דער ריכטונג צום ברעג.

„וואָס דאָרטן?“ — האָט גאָדפריי געפרעגט.

„אַ שיפל...“

„אַ שיפֿל?"

טאַרטעלעט האָט גענומען שטאַמלען מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם:

„אַ שיפֿל... ווילדע מענטשן... קענטיק, מענטשנפֿרעסער..."

און נאָך אַ קליינטשקער הפסקה האָט ער באַלד דערויף ווייטער צוגעשטאַמלט:

„מענטשנפֿרעסער... אַנטלויפֿן מוזן מיר... קיין סאַן-פֿראַנציסקאָ..."

גאָדפֿריי האָט אים געגעבן צו טרינקען אַ ביסל קאַלט וואַסער. דער טאַנצפּראָפֿעסאָר האָט זיך עטוואָס באַרויִקט. ער האָט שוין געקענט רעדן נישט מיט אַזאַ ציטערדיקן אָטעם, ווי פֿריער.

„פֿאַרוואָס מיינט איר, אַז דאָס זענען מענטשנפֿרעסער? דערציילט, וואָס האָט איר געזען?"

דער אַלטער האָט געזאָגט:

„מיין ליבער גאָדפֿריי, טעמפּקייט איז אַ געבאָרענע אייגנשאַפֿט, אָבער דער אַנדערער איז דאָך נישט מחויב צו ליידן בסדר פֿון איר... איר וועט דאָך מיך, נאַטירלעך, אַנטשולדיקן... איך בין איצט אויפֿגערעגט... נו, און וועגן די ווילדע — קענען ווילדע זיין נישט קיין מענטשנפֿרעסער? איך פֿרעג עס ביי אייך, כאָטש איר זענט טעמפּ, ווי אַ שטעקן... איר מוזט עס מיר אָבער מוחל זיין... דאָס רעדט דער פּחד פֿון מיר."

גאָדפֿריי האָט רויִק געזאָגט:

„איך באַליידיק מיך נישט, אָבער זאָגט מיר קלאָר און דייטלעך, וואָס האָט איר געזען?"

„איך האָב געזען אַ שיפֿל."

„און ווער איז געזעסן אין שיפֿל?"

„ווילדע..."



„פֿאַרוואָס מיינט איר, אַז זיי דאַרפֿן זיין מענטשנפֿרעסער?"

„ווייל ווילדע קענען אַנדערש נישט זיין..."

„ווו האָט איר זיי געזען?"

„נישט ווייט פֿון ברעג."

„האָבן זיי אייך באַמערקט?"

„דאָס קען איך גענוי נישט וויסן. אָבער מיר שיינט, אַז יאָ..."

גאָדפֿריי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן צום פֿעלדשפּאַקטיוו.

„נו, מיר וועלן באַלד זען", — האָט ער געזאָגט און איז אַוועקגעלאָפֿן צום ברעג.

אויפֿן ברעג האָט ער זיך נישט באַדאַרפֿט אָנשטרענגען — ער האָט באַלד דערזען דאָס כאַראַקטעריסטישע שיפֿל פֿון געפֿלאָכטענעם באַמבוק. אין שיפֿל זענען געזעסן ווילדע מענטשן.

פֿון דעמדאָזיקן סאָרט שיפֿל, וואָס האָט געהייסן פּראַאָ, האָט גאָדפֿריי פֿאַרשטאַנען, אַז די אינדזל פֿינאַ באַדאַרף זיך געפֿינען נישט ווייט פֿון די מאַלאַיִשע אינדזלען.

די ווילדע, וואָס זענען געזעסן אין שיפֿל, האָבן אָבער נישט אויסגעזען, ווי מאַלאַיער. זיי זענען געווען גלאַנציק-שוואַרץ און האַלב נאַקעט. צוזאַמען זענען זיי געווען אַ מאַן צוועלף.

גאָדפֿרייען האָט זייער נישט געשמעקט די באַקאַנטשאַפֿט מיט דידאָזיקע לייט. ער האָט שוין חרטה געהאַט דערויף, וואָס ער האָט אויפֿגעשטעלט אַ הויכן פֿלאַג אויפֿן ברעג ים.

ער האָט גוט געוווּסט, אַז קעגן אַ ווילדן שבט איז ער אומבאַהאָלפֿן און אַז ביי אַ באַגעגעניש מיט ווילדע קען ער אַמאָל זייער מיאוס אָפּשניידן.

צונעמען דעם פֿלאַג האָט מען איצט נישט געקענט. די ווילדע האָבן אים אוודאי באַמערקט. עס האָט אים שטאַרק באַנג געטאָן אויף דעם גאַנצן ענין.

„אין אַזאַ לאַגע, דאָס הייסט אין אַ ראַבינזאַן-לאַגע, מוז מען זיין זייער פּאָרזיכטיק", — האָט ער זיך געזאָגט, — „און איך האָב גאָרנישט געטראַכט, ווען איך האָב אויפגעשטעלט דעם פלאַג... די ווילדע פון די נאָענטע מקומות האַלטן אוודאי, אַז אויף דערדאָזיקער אינדזל וווינט קיינער נישט. איצט זאָגט זיי דער פלאַג עפּעס אַנדערש... דער פלאַג האָט אונדז אַרויסגעגעבן."

ער איז אָבער געבליבן שטיין אויפן ברעג און האָט נאָכגעהיט דאָס שיפל.

די ווילדע זענען געפאָרן נישט ווייט פון ברעג. וואָס זיי האָבן גערעכנט צו טאָן, האָט מען נאָך דערווייל נישט געקענט וויסן. פון זייערע באַוועגונגען האָט זיך אָבער גאָדפריי אָנגעשטויסן, אַז זיי האָבן בדעה אַראָפּצושטייגן אויפן ברעג.

ער איז באַלד אַוועקגעלאָפן אין „ווילי-פּאַלאַץ", ווו ער האָט זיך מיט גרויס ענערגיע גענומען צו דער אַרבעט. קודם כל האָט ער גוט פאַרשפּאַרט די חיות און די עופות — מען זאָל זיי נישט זען און נישט הערן, און נאָכדעם האָט ער אויסגעלאָשן דאָס פייער אין אויוון און פאַרשאָטן דאָס אַש מיט זאַמד און גראָז.

נאָכדעם האָט מען די טישלעך מיט די בענק, ווי בכלל אַלץ, וואָס איז געשטאַנען אינדרויסן, אַריינגעשלעפּט אין אויסגעהוילטן בוים און מען האָט זיך גוט פאַרשפּאַרט פון אינעווייניק אויפן פאַל, טאָמער וועלן די ווילדע מאַכן אַן אָנגריף.

דער אַלטער טאַרטעלעט האָט זיך כסדר געקראַצט אין פּאַטילניצע און איז געווען זייער נישט צופרידן. זיין גוטע שטימונג, וואָס האָט זיך געדאַרפט ציען אייביק, ווי אים האָט זיך געדאַכט, איז מיטאַמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן.

„עס איז נישט גוט," — האָט ער געטענהט צו גאָדפרייען, — אין סאַן-פראַנציסקא איז שוין בעסער. דאָרט ווייס מען נישט



פון אַזעלכע זאַכן, מיין ליבער. דאָרט איז דאָ פּאָליציי, און אַז עס פעלט אָן אַזאַ חברה, בינדט מען זי און מען צימבלט איר אַריין, אַז זי דערזעט דעם טאַטן פון יענער וועלט... אַבי איך האָב געמיינט, אַז מיר וועלן זיך שוין דאָ עלטערן אין גרויס נחת און גדולה און קיין שום צער און ווי וועלן איבער אונדז קיין שליטה נישט האָבן... קען דען זיין שלעכט, אַז מען האָט אַזוינע זאַפּאַסן צום עסן? קען דען זיין שלעכט, איך פרעג אייך, אַז מען איז זיכער מיט דער מנוחה פון מאָגן? און אָט, נאַ דיר! קומען גאָר אָן ווילדע, וואָס וועלן נישט בלויז אויפעסן דיינע זאַפּאַסן, נאָר דיך אַליין אויך!... עס לייגט זיך מיר גאָרנישט אויפן רעיון, ווי אַזוי וועט מען עס פון מיר מאַכן קאָטלעטן! טפו, זאָלן זיי ווערן!"

דאָסמאָל האָט אים גאָדפריי געענטפערט:

„הער טאַרטעלעט, מיר האָבן זיך פון סאַמע אָנהייב אָן נישט פאַרשטאַנען, און מיך פאַרשטייען זיך אויך איצט נישט... פון אָנהייב האָט איר כסדר געקלאָגט און איך האָב אייך באַרויִקט. איך האָב אייך געזאָגט, אַז מען דאַרף נישט פאַלן פון מוט און אַז מען דאַרף וועלן לעבן... האָט איר בעת מעשה געוואָרטשעט און האָט אַליין נישט געוווּסט, וואָס איר האָט געוואָלט. יאָ, איר האָט געשריען, אַז מען דאַרף אַרויספאָרן קיין סאַן-פראַנציסקאָ... איצט, ווידער, האָט איר זיך אַזוי איינגעלעבט אויף דער אינדזל, אַז איר האַלט דאָס לעבן דאָ פאַר אַ גן-עדן-לעבן... איר זעט אויס, ווי אַ גליקלעכער חתן, איר עסט, איר שפּאַצירט, איר זינגט, און עס פעלט אייך גאָרנישט איין, אַז דאָס איז אַן איינזאַמע אינדזל אינמיטן ים און אַז זי איז אונטערגעוואָרפן פאַרשידענע געפאַרן... דער אונטערשייד צווישן מיר און אייך, הער טאַרטעלעט, איז דער, וואָס איך האָב מיך פון אָנהייב נישט געשראָקן, ווען עס איז געווען שלעכט און בין

נישט אַרייַנגעפֿאַלן אין התפּעלות, ווען עס איז געוואָרן בעסער... איך האָב דעם חשבון קיינמאָל נישט פֿאַרלאָרן. איר זענט אַ שלעכטער ראָבינזאָן, הער טאַרטעלעט. איר לעבט מיט שטימונגען און מיטן מאָגן... דאָסמאָל וועט איר מיר אויך מוחל זיין — איך האָב מיך דאָך קיינמאָל אויף אייך נישט באַליידיקט... איך ווייס נאָר איין זאַך, אַז מען דאַרף זיין אַ מענטש און מען טאָר נישט פֿאַלן פֿון מוט. דאָ, אויף דער איינזאַמער אינדזל, קען נישט זיין קיין גן-עדן-לעבן. עס זענען פֿאַראַן פֿאַרשידענע סיבות דערצו, וואָס זענען, איבעריקנס, גאַנץ פֿאַרשטענדלעך. מען טאָר אָבער אויך נישט מאַכן דאָס לעבן דאָ פֿאַר אַ גיהנום... מען דאַרף נאָר קענען אויסהאַלטן... דאָס איז דער עיקר.״

גאָדפֿריי איז אַנטשוויגן געוואָרן און טאַרטעלעט האָט געזאָגט:

„ווען איך הער די פֿילאָזאָפֿיע פֿון דער טעמפּקייט, ווער איך נישט שטאַרק געהייבן ביי זיך... עס פֿאַרשטייט זיך, אַז דידאָזיקע ווערטער צילן נישט עמעצן צו באַליידיקן. עס איז נאָר אַ פֿאָרעם אַזאַ, וואָס איז נישט מער ווי אַ פּועל-יוצא פֿון צער און פֿאַרדראָס. אין סאַן-פֿראַנציסקאָ רייד איך שענער... איך קען אָבער נישט פֿאַרליידן, ווען מען איז מיר באַוווּסטזיניק מבטל די באַדייטונג פֿון מאָגן... ניין, דאָס וועט איר ביי מיר נישט פּועלן! מאָגן איז מאָגן! מאָגן איז אַלץ! מאָגן איז נשמה און האַרץ און גייסט! איך קען אָבער מיט אייך נישט אַרייַנקריכן אין לאַנגע חקירות, ווען מענטשנפֿרעסער שטייען מיר אונטער דער נאָז... איך האָב מורא פֿאַר זיי און זיי מאַכן מיר שווער דאָס געמיט. זעט איר, גאָדפֿריי, אויב איר שרעקט זיך נישט פֿאַר זיי, זענט איר אַ בריה און אַ העלד! איך וויל דאָס גאָרנישט זיין אַפֿילו. איך וויל נאָר גוט לעבן, גאָדפֿריי! פֿאַרשטייט איר, וואָס איך זאָג אייך, אָדער איר זענט נאָך אַלץ



טעמפּ!... קיין שום באַליידיקונגען קענען אין דעם מאָמענט נישט אָנגיין!...״

דער אַלטער איז אַנטשוויגן געוואָרן. אין בוים איז געוואָרן שטאָקפֿינצטער, אַ טויטע שטילקייט איז פֿאַרגליווערט געוואָרן אַרום דידאָזיקע צוויי מענטשן און מען האָט נאָר געהערט קלאַפּן דאָס אַלטע האַרץ ביי טאַרטעלעטן.

לאַנג און שווער האָט זיך געצויגן די נאַכט. ביידע האָבן זיך אַנידערגעלייגט מיט אָנגעשטרענגטע נערוון און אויערן.

פֿון צייט צו צייט האָט עמעץ פֿון זיי געוואָלט עפּעס זאָגן און דער אַנדערער האָט אים אָפּגעהאַלטן מיט אַ ששש...

גאָדפֿריי האָט געטראַכט וועגן דעם, וואָס ער באַדאַרף טאָן, ווען די ווילדע זאָלן באַפֿאַלן דעם „ווילי-פּאַלאַץ.״ די פֿראַגע איז, ווי אַזוי מען קען זיך פֿאַרטיידיקן. דאָס בעסטע איז, נאַטירלעך, ווען מען זאָל אַרויפֿקלעטערן אינדערהויך אויף דער קאָרע-וואַנט און פֿון דאָרטן שיסן אין די ווילדע. ווען זיי זאָלן נעמען נאָכקלעטערן אויף דער קאָרע-וואַנט, קען מען זיי מיט דער ביקס איינציקווייז אַוועקלייגן, ווי די קעץ. קיין אַנדער סטראַטעגישער פּלאַן, חוץ דעם, זעט זיך נישט פֿאָר. די קאָרע-וואַנט אין דערהויך דאַרף זיין די פֿעסטונג, פֿונוואַנען מען קען שיסן אין שונא.

אַזוי האָט גאָדפֿריי געטראַכט, ליגנדיק אין בעט אויסגעטאָן, און האָט געקוקט מיט אָפֿענע אויגן אין דער שוואַרצקייט אַריין, גרייט יעדע מינוט צום קאַמף מיט די ווילדע אָנפֿאַלער.

די נאַכט האָט זיך דאָך ווי עס איז אַדורכגעשלעפּט. דורך אַ שמאָל שפּעלטעלע אין דער קאָרע-וואַנט האָט אַרייַנגעדרונגען אַ מאָגער פּאַסיקל ליכט פֿון טאָג...

טאַרטעלעט, וואָס האָט אויך נישט געשלאָפֿן די גאַנצע נאַכט, האָט געפֿרעגט:

„נו, וואָס, מיר דאַרפן נאָך ווייטער אַזוי ליגן, ווי די מתים אין קבר, אָדער מיר וועלן אויפשטיין.“

גאָדפריי האָט געענטפערט:

„דערווייל מוזן מיר נאָך אָפּוואַרטן. איך וואָלט מיך נישט געוואָלט פאַרטשעפּען מיט זיי... אפשר וועלן זיי אַדורכלאָזן אונדזער אינדזעלע און מיר וועלן פון זיי פטור ווערן אָן אַ קאַמף.“

„באַדאַרפן מיר נאָך טאַקע ליגן?“ — האָט דער טאַנצפּראָפעסאָר ווידעראַמאָל געפרעגט.

„איך מיין אַזוי. אויב עס וועט זיין רויִק, וועלן מיר זיך שפּעטער פאַוואָליע אַרויסרוקן פונדאַנען און וועלן מאַכן אַ שטילע אויספאָרשונג...“

„ווער איז דאָס דער „מיר“? — האָט דער אַלטער געפרעגט.

„נו, איך און איר...“

„פאַר מיר דאַנק איך אייך!... איך בין אייך מוחל אייערע אויספאָרשונגען. לאָזט מיך געמאַך. איך טויג נישט צו דעם.“

דער אַלטער האָט גערעדט מיט גרויס פחד און אימה. אַזוי־ווי ער האָט קיין ציין נישט געהאַט, האָט אים בלויז געקלאַפּט אַ דזיאָסנע אָן אַ דזיאָסנע.

דער מאָגן האָט זיך אים איינגעשרומפּן און האָט געפּייפט פון שרעק.

פלוצלונג האָט ער זיך אַרונטערגעהייבן אויף איין האַנט און האָט גענומען שעפּטשען:

„גאָדפריי, זיי גייען... ששש... — איך הער טריט... די מענטשנפרעסער גייען... מיר ווילט זיך שרייען „גוואַלד!“...

גאָדפריי האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט פון בעט און איז צוגעלאָפן צו די פאַרמאַכטע לאָדנס. צוגעלייגט אַן אויער צו זיי, האָט ער זיך מיט גרויס אָנשטרענגונג צוגעהערט.



דער אַלטער טאַרטעלעט האָט זיך געוואָרפן, ווי אין אַ קדחת. דער מאָגן איז אים לגמרי קאַליע געוואָרן.

„איך הער גאָרניִשט,“ — האָט גאָדפריי געזאָגט. — „אייך דאַכט זיך עס פאַר שרעק...“

„מעגלעך...“ — האָט דער אַלטער געשטאַמלט.

„מיר שיינט, אַז די ווילדע האָבן אויסגעמיטן אונדזער נעסט.“

„איר מיינט אַזוי?“

„יאָ. ווען די ווילדע וואָלטן באמת אַרויף אויפן ברעג, וואָלטן זיי שוין לאַנג געווען אין „ווילי־פּאַלאַץ.“

„זעט איר, גאָדפריי, איר רעדט איצט צו דער זאַך!...“ — האָט דער אַלטער, אַ צופרידענער, אונטערגעכאַפּט.

„ווען די ווילדע וואָלטן דאָ געווען, וואָלטן מיר זיי געהערט,“

„אַוודאי, ווילדע מענטשן מאַכן תמיד אַ טומל...“

„אינדרויסן איז שטיל.“

„שטיל?“

„שטיל.“

„וועלן מיר דאָך טאַקע קענען אַרויס פונדאַנען?“

„נו, געוויס.“

„איז גוט!“

„איר ווילט דען עפּן?“

דער אַלטער האָט מיט גרויס צער געענטפערט:

„אָי, ניין!“

„פאַרוואָס?“

„איך ווייס...“

„פאַרוואָס?“

„דער מאָגן איז מיר קאַליע געוואָרן. ער קאָכט שלעכט... מסתמא פון שרעק...“

„דאַרף מען זיך נישט שרעקן!"

„עס איז לייכט צו זאָגן."

„וועט איר דען נישט עסן?"

„דערוויילע נישט..."

„אָט אַ מאָדנער מענטש."

„זאָגט בעסער: אַן אומגליקלעכער מענטש!"

„פאַרוואָס זאָל איך עס אַזוי זאָגן?"

„ווייל וואָס טויג איך אָן עסן? מיין פילאָזאָפיע, מיין ליבער, איז גאָר אַן אַנדערע, ווי אייערע... און האַלט שטאַרק פון עסן..."

גאָדפריי האָט עטוואָס געעפנט אַ לאָדן. אינדרויסן איז געווען גרויסער טאָג. די זון האָט געשיינט. אַ בלויער הימל האָט אַ שמייכל געטאָן אין פענסטער צו גאָדפרייען.

„איך מיין, אַז מען קען אַרויס," — האָט ער געזאָגט און האָט באַלד געעפנט אַלע לאָדנס.

די נאַכט מיט איר פחד איז צערונען געוואָרן. דער טאָג מיט זיין שטאַרקן מונטערן ליכט האָט אַפילו באַרויִקט דעם אָרעמען טאַנצפּראָפעסאָר.

פאַוואָליע האָט גאָדפריי געעפנט די טיר, און פאַוואָליע האָט ער זיך אַרויסגערוקט אינדרויסן. אין האַנט האָט ער געהאַלטן דעם פעלדשפאַקטיוו. ער האָט אים צוגעטראָגן צו די אויגן און האָט זיך אַרומגעקוקט.

עס איז געווען שטיל. קיין שום ווילדע מענטשן האָט ער נישט געזען.

אין אַ ווײַלע אַרום איז ער אַדורכגעגאַנגען אַ שטיק שטח און האָט קיין זכר נישט געזען פון זיי.

דעמאָלט איז ער אַריין צוריק אין בוים און האָט אָנגע-



זאָגט די גוטע בשורה דעם אַלטן, וואָס איז געלעגן אויפן בעט מיט אַ שלעכטן מאָגן און זיך געטרייסלט פון קאַלטן פחד.

„מען קען שוין אַרויסגיין, הער טאַרטעלעט, ס'איז פון זיי קיין זכר נישטאָ," — האָט גאָדפריי געזאָגט.

„וואָס רעדט איר?" — האָט דער אַלטער זיך אויפגעהייבן און איז אַראָפּ פון בעט.

ער האָט אַ ביסל צוגעקרעכצט.

„דער מאָגן דינט מיר נישט," — האָט ער זיך געקלאָגט, — איך זאָל נאָר היינט קענען עסן... וואָס טויג איך, איך בעט אייך, אָן עסן? שפּעטער וועלן מיר דאָך מסתמא מאַכן פייער? ווי מיינט איר?"

„נו, געוויס! מען דאַרף נאָך רעדן וועגן דעם? אָן פייער קען מען נישט אויסקומען."

דער אַלטער איז אויף אָפּגעשוואַכטע פיס אַרויס אינדרויסן.

די פרישע לופט און די אַרומיקע שטילקייט האָט אים באַלד אויפגעמונטערט. איצט האָט ער מיט זיינע אייגענע אויגן געזען, אַז דאָ זענען נישטאָ קיין מענטשנפרעסער.

דער מאָגן האָט זיך אים תיכף ומיד באַרויִקט.

גאָדפריי האָט געזאָגט:

„קומט, מיר וועלן צוגיין צום ברעג. מען דאַרף אַלץ זען און מען דאַרף קיין פחדן נישט זיין."

„וואָס רעדט איר, גאָדפריי, זאָל איך מיטגיין מיט אייך!" — האָט ער זיך אָפּגעטרייסלט מיט די הענט. — „ווען איך גיין, וועל איך מיך שרעקן, גאָדפריי!"...

„ווייל איך טאַקע, איר זאָלט גיין און זאָלט זיך נישט שרעקן," — האָט גאָדפריי געשמייכלט. — „נישקשה, הער טאַרטעלעט, איך וועל אייד מאַכן אויף דער עלטער פאַר אַ מוטיקן

מענטשן, פאַר אַ זעלנער... איך וועל אייך אויסלערנען שיסן...
איר זעט דאָך אַליין, אַז מיט דער טאַנצפּראָפעסיע וועט איר דאָ גאָרנישט קענען אויפטאָן. נישטאָ דאָ, ווער עס זאָל טאַנצן, אָבער מיט דער ביקס וועט איר זייער אַ סך אויפטאָן..."

מיט דידאָזיקע ווערטער האָט גאָדפריי אַרויסגענומען פון שאַנק נאָך אַ ביקס און האָט זי דערלאַנגט דעם אַלטן.

„קומט," — האָט ער געזאָגט, — „איר גייט דאָך עפּעס מיט מיר. אַז איך וועל שיסן, הער טאַרטעלעט, וועט איר אויך שיסן. וואָס איך וועל טאָן, וועט איר אויך טאָן."

תחילת האָט זיך דער אַלטער שטאַרק געקווענקלט, צי ער זאָל גיין, צי נישט גיין. ער האָט זיך אָבער דערמאַנט, אַז בלייבן אַליין אין „ווילי-פּאַלאַץ" איז נאָך ערגער, און איז אַוועק מיט גאָדפרייען צום ברעג.

## קאַפּיטל זעכצן.

דער טאַנצפּראָפעסאָר ווערט אַ שיסער. — גאָדפריי מאַכט אויספאָר-שונגען.—ווידער ווילדע מענטשן.—פּאַסירונגען אויף פּאַסירונגען.

פאַרן אַוועקגיין האָט גאָדפריי אַרויסגעלאָזט די הינער מיט די הויז-חיות, און ביידע זענען אַוועק צום ברעג.

עס איז געווען אַ שטיל וועטער. דאָס גאַנצע אינדזעלע האָט געשוויגן אונטער דער ווייכער זון. נאָך אַזאַ שווערער נאַכט איז איצט געווען אַנגענעם צו גיין.

טאַרטעלעט האָט זיך נאָך אַפילו געשראָקן. ער איז גע-גאַנגען הינטער גאָדפרייען און האָט געוואָרפן די אויגן אין אַלע זייטן. יעדער שאָטן און יעדע באַוועגונג פון אַ צווייגל אויף אַ בוים האָט אים באַלד איבערגעשראָקן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ווילדע מענטשן רוקן זיך.

מיט דער צייט איז ער אָבער מוטיקער געוואָרן און איז שוין געגאַנגען אַ ביסל זיכערער. ער האָט איינגעזען, אַז ער שרעקט זיך אומזיסט: נישטאָ קיין ווילדע מענטשן אויף דער אינדזל.

צוגעקומען צום ברעג מיט די ביקסן אין די הענט, האָבן זיי דערזען דעם זעגלבוים, אָבער אָן דעם פלאַג. אַפּנים, אַז די ווילדע ברואים איז געפעלן געוואָרן דאָס רויטע טוך און זיי האָבן צוגעלקחנט דעם פלאַג...

„נו, וואָס זאָגט איר, גאָדפריי”, — האָט טאַרטעלעט אַ ווייז געטאָן אויפן זעגלבוים, — „זענען די מענטשנפרעסער דאָ יאָ געווען... זיי האָבן דאָך צוגענומען דעם פלאַג...”

„יאָ, זיי זענען געווען אויפן ברעג, אָבער זיי זענען, קענטיק, ווייטער נישט געגאַנגען.”

„אָבער זיי זענען פּאָרט געווען אויפן ברעג!” — האָט דער אַלטער געמרוקעט. — „אַ ביטערע מעשה, גאָדפריי.”

דער יונגער מיליאָנער איז געשטאַנען און געטראַכט. צולעצט האָט ער באַשלאָסן: מען דאַרף נישט זיין קיין פּחדן און מען מוז אויספאָרשן, ווי געהעריק, דעם גאַנצן ברעג. מען מוז דאָך איינמאָל פאַר אַלעמאָל וויסן, צי זיי זענען פאַרבליבן אויף דער אינדזל, צי זיי זענען אַוועק זייער וועג.

ער האָט גענומען די ביקס אויפן אַקסל און איז אַוועק פאָרויס מיטן ברעג. טאַרטעלעט האָט אים נאָכגעהונקען פון הינטן, ווי אַן אַלטער אויסגעהונגערטער הונט.

דער ברעג איז געווען אַ געדרייטער און איז באַשטאַנען פון בערגלעך און טאָלן. ער האָט אָבער געהאַט די מעלה אין זיך, וואָס מען האָט געקענט גיין איבער אים און בעת מעשה נישט באַמערקט ווערן פון אַ פרעמדן אויג, און מען האָט זיך געקענט אויסבאַהאַלטן אויף אים.

אויפן ברעג האָט גאָדפריי קיין שום פאַרדעכטיקס נישט באַמערקט. עס איז געווען שטיל. קליינע פייגלעך האָבן ווי נישט ווו צוגעפייפט און איבערגעפליגן פון איין בוים אויף אַ צווייטן. דער גרויסער ים איז איינגעשלאָפן אונטער דער זון.



טאַרטעלעט איז עטלעכע מאָל אומגעפאַלן. מיט די אַלטע אויסגעטאַנצטע פיס און מיט די צרהדיקע אויסגעבויגענע קני איז אים געווען שווער צו גיין איבער דעם געדרייטן ברעג. גאָדפריי האָט אייגנטלעך נישט באַדאַרפט מיטשלעפן דעם זקן, אָבער עס איז שוין געווען צו שפעט אים אָפּצושיקן אין „ווילד-פלאַץ”. דער טאַנצפראָפעסאָר האָט מורא געהאַט אַליין צו גיין.

זיי זענען שוין געגאַנגען ביי אַ צוויי שעה צייט און האָבן זיך נאָך קיין איינמאָל נישט אָפּגעשטעלט. טאַרטעלעט האָט שטיל פּראָטעסטירט:

„צו ווייט שלעפן מיר זיך? וווּהין גייען מיר? און ווער האָט עס כּוחות דערצו?”

„מען דאַרף דאָך אָבער וויסן, צי די ווילדע האָבן פאַרלאָזט די אינדזל, צי נישט?” — האָט גאָדפריי געזאָגט.

דער אַלטער האָט זיך ביטער צעלאַכט.

„וואָס טויג אונדז אַזאַ וויסן? און ווי וועט טאַקע זיין, אַז איר וועט אָנבאַגעגענען די מענטשנפרעסער און איר וועט זיין אַן אויסגעמאַטערטער און אַ הונגעריקער און נישט קיין אויסגעשלאָפענער! שוין זשע קען אַ מענטש אין אַזאַ צושטאַנד זיך ראַנגלען מיט זיי? ס'איז סתּם אַ טעמפּקייט און אַ נאַרישקייט פון אייער זייט, און איר קענט מיר דאָסמאָל נישט מוחל זיין אויך... סאיז מיר שוין אַלצאיינס!...

און אַז גאָדפריי האָט אים נישט געענטפערט, האָט ער צוגעגעבן:

„קיין ווילדע זענען דאָ בכלל נישטאָ. איך הער זיי נישט און זע זיי נישט... מענטשן פילט מען זייער לייכט. איך פיל זיי דאָ נישט...”

פּלוצלונג האָט גאָדפריי זיך אָנגערופן:

„זיי זענען יאָ דאָ... רעדט נישט אַ וואָרט.”

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיטן בויך אויף דער ערד און האָט געהייסן דעם אַלטן טאַנצמייסטער, ער זאָל אויך טאָן דאָס אייגענע.

„שאַ שטיל...״ — האָט גאָדפריי געשעפּטשעט.—„ליגט זיך אויפן בויך... זיי זענען דאָ... דאָ...״

פון שרעק האָט ביי דעם אַלטן גענומען קילן די צונג אין מויל. אָבער זעענדיק, אַז זיין לעבן איז איינגעשטעלט אויפן העכסטן גראַד, האָט ער זיך געסטאַרעט נישט צו מאַכן קיין גוואַלד און צו האַלטן זיך פעסטער. קיין אַנדער אויסוועג האָט ער סיי ווי נישט געהאַט.

ליגנדיק אין אַ קליינעם פלאַכן טאָל, האָבן זיי דאָך געקענט זען פאַר זיך אַ גרויסן שטח. זיי האָבן געזען פון וייטן קליינע גרופּעס ביימער, אַרומגעלייגט מיט גרויסע שטיינער. דאָס הויכע גראָז אַרום די ביימער האָט זיך שטיל געוויגט...

פון צווישן די ביימער האָט זיך געצויגן צום הימל אַ דינער רויך.

גאָדפריי האָט איצט פאַרשטאַנען, פונוואַנען עס האָט געשטאַמט דער רויך, וועלכן ער האָט געזען צוויי מאָל אויף דער־דאָזיקער אינדזל. דאָס גרויסע רעטעניש איז אים קלאָר געוואָרן.

„די ווילדע קומען, אַלזאָ, עפּטער אַהער,״—האָט ער געטראַכט.—„אָבער וווּ טוען זיי אַהין דאָס אַש, נאָכדעם, ווי זיי פאַרלאָזן דעם אָרט?״ ער האָט דעמאָלט געזוכט דאָס אַש און האָט עס נישט געפונען.

ער האָט זיך אַ ביסל אַ רוק געטאָן העכער מיטן בויך. טאַרטעלעט האָט אויך געטאָן דאָס אייגענע. ביידע האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם. גאָדפריי האָט מרמז געווען מיט אַ פינגער דעם אַלטן טאַנצמייסטער, ער זאָל נישט רעדן אַ וואָרט און זאָל זיך נישט באַוועגן.



דאָרט, ביי די ביימער האָט געברענט אַ גרויס פייער, און אַרום אים זענען געזעסן ווילדע מענטשן. גאָדפריי מיט זיין חבר האָבן אַפילו געהערט, ווי עס קנאַקט דאָס פייער און ווי עמעץ פון די ווילדע לאַכט מאָדנע הויך און טרוקן, פונקט ווי מען וואָלט געשאָסן פון אַ קליינער ביקס...

גאָדפריי האָט אָנגעשטעלט זיין ביקס גרייט צום שיסן און האָט צוגעציילט די ווילדע פאַרשוינען. צען נפשות זענען געזעסן אַרום דעם פייער, דער עלפטער, קענטיק, דער ראש זייערער, האָט אַרומגעשפּאַצירט אַהין און צוריק און אַ צוועלפטער איז געלעגן אויף דער ערד, צוגעבונדן צו אַ בוים...

די צאָל שטימט. אין שיפל זענען נעכטן אויך געזעסן צוועלף נפשות.

דער אַלטער טאַרטעלעט האָט געזען די ווילדע בראָוים און אַ ציטער האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין גאַנצן גוף. ער האָט דערשפּירט אַן איבלקייט אין מויל און אַ שטעכעניש אין מאָגן. בעצם האָט ער זיך איצט באַדאַרפט אָפּשיידן פון גאָדפרייען צוליב אַ געוויסער באַדערפעניש, אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטן און האָט זיך געפרוווט שטאַרקן.

די צייט איז דערווייל געגאַנגען. די צוויי זענען געלעגן און געקוקט און דאָרטן, ביים פייער, זענען געזעסן די ווילדע. די לעצטע האָבן נישט געוווּסט פון די ערשטע, און גאָדפריי האָט געטראַכט, אַז דער געבונדענער, דער געפאַנגענער, וועט האָבן אַ וויסטן סוף...

מען וועט אים אָפּבינדן, צעשניידן אויף שטיקער און אָפּבראָטן אויפן פייער. טאַרטעלעט האָט זיך נישט טועה געווען, ווען ער האָט זיי נעכטן אָנגערופן „מענטשנפרעסער״.

גאָדפריי האָט זיך פריער אויך נישט געשראָקן. זיינע צוריקגעהאַלטענע באַוועגונגען זענען נישט געווען קיין אויס־

דרוק פון פחדנות, נאָר פון באַדאַכטקייט און פּאָרזיכטיקייט, אָבער איצט האָט ער אינגאַנצן פאַרלאָרן דעם חוש פאַר פחד. און אָט האָט ער געוואָלט שפּילן די ראָל פון אַ העלד פון אַ ראָמאַן. ער האָט געוואָלט אַרויסראַטעווען פון די ווילדע הענט דעם אומגליקלעכן געפאַנגענעם, אויף וועלכן עס האָבן אַזוי אומגעדולדיק געוואַרט די מאָגנס פון די ווילדע ברואים. ער האָט געוואָלט ווייזן אַ בריהשקייט, אַן אויסערגעוויינלעך דרייסטן צוג...

ער איז געלעגן אויף דער ערד מיט דער ביקס אין דער האַנט און האָט נאָר געוואַרט אויף אַ פּאַסיקן מאָמענט.

לאַנג וואַרטן האָט ער נישט באַדאַרפט. דער ראש האָט מיטאַמאָל אויפגעהערט צו שפּאַצירן און האָט זיך דערנענט צום פייער, דערביי האָט ער אַ ווייז געטאָן מיט אַ פינגער אויפן געפאַנגענעם.

גאָדפריי האָט זיך באַלד אויפגעהייבן. מעכאַניש, אָן איין געדאַנק אין קאָפּ, האָט זיך אויך אויפגעהייבן דער טאַנצפּראָפעסאָר מיט זייער אַ שלעכטן מאָגן...

דריי ווילדע מענטשן האָבן אָפּגעבונדן דעם געפאַנגענעם. דער לעצטער האָט עפּעס געשריען און אָפּגעשטויסן פון זיך זיינע פייניקער. די ווילדע האָבן אים אָנגעכאַפּט ביי די הענט. דער ראש האָט געמאַכט אַן אומגעדולדיקע באַוועגונג...

דאָס אַלץ האָט גאָדפריי דערזען פונדערווייטנס.

ער איז געשטאַנען מיט דער ביקס אין דער האַנט. דאָס האַרץ האָט אים עטוואָס געקלאַפּט, אָבער די ליפּן האָבן אים קינדיש געשמייכלט. ווי אַ גוטער ספּאָרטסמאַן, האָט ער געוואָלט כאַפּן אַ שפּיל מיטן טויט...

ער האָט אויפגעהייבן די ביקס, האָט זיך אַ ווײַלע געצילט און האָט אויסגעשאָסן. אין דער שטילער לופט האָט אָפּגעהילכט דער שאָס, ווי אַ דונער.



צוויי מענטשן זענען תיכּף ומיד אומגעפאַלן אויף דער ערד: דאָרט ביי די ווילדע איז אומגעפאַלן דער ראָש, און דאָ, לעבן גאָדפרייען איז אומגעפאַלן טאַרטעלעט. דער ערשטער איז, קענטיק, געפאַלן פון דער קויל, דער צווייטער, ווידער, איז געפאַלן פון שרעק און פון אַ שלעכטן מאָגן...

באַלד נאָכן שאָס איז גאָדפריי אַראָפּגעלאָפן פון בערגל און איז צוגעלאָפן צו דעם געפאַנגענעם. די ווילדע זענען געבליבן שטיין מבולבלע און צעמישטע. דער שאָס איז געקומען אַזוי אומגעריכט, אַז זיי האָבן פאַרלאָרן די באַוועגונג אין די הענט און די פיס. דער געפאַלענער ראש האָט נאָך פאַרשטאַרקט דעם עפעקט פונם פּלוצלעכן אָנפאַל.

דער געפאַנגענער האָט גענומען וויינען — מסתמא פון פרייד — און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו גאָדפרייען.

אין דעם מאָמענט האָט אָפּגעהילכט נאָך אַ שאָס און אַ צווייטער פון די ווילדע איז געפאַלן. דאָס האָט געשאָסן טאַרטעלעט פון בערגל. ער האָט געשאָסן מיט פאַרמאַכטע אויגן, מיט קאַלטע ציטערדיקע הענט און פיס, אָבער על פּי צופאַל איז דווקא די קויל נישט געגאַנגען לאיבוד...

איצט האָבן זיך די ווילדע אַזוי ווי אויפגעכאַפּט פון אַ טיפן שלאָף. עס איז מיטאַמאָל אַראָפּגעווישט געוואָרן דער גלאַנץ פון זייערע נאַקעטע לייבער און אַ צאָן אָן אַ צאָן האָט זיי געקלאַפּט. זיי האָבן, משמעות, געמיינט, אַז זיי ווערן באַפאַלן פון אַ גרויסער באַוואָפנטער מחנה, און צעמישטע און האַלב משוגע האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטאָן צום ברעג, וווּ עס איז געשטאַנען זייער שיפל. עס האָט געדויערט נישט מער ווי אַ רגע — און ניין מענטשן זענען שוין געזעסן איז שיפל און מיט מוראדיקע קולות זיך דערווייטערט פון ברעג.

דערמיט האָט זיך געענדיקט די גאַנצע טראַגעדיע מיט די

ווילדע. נישט זיי האָבן געזיגט און נישט זיי האָבן מענטשן געפרעסן, נאָר געזיגט האָבן די צוויי איינזאַמע מענטשן אויף דער אינדזל פינאַ.

דערזען, ווי די ווילדע מאַכן פליטה אויפן ים און שרייען דאָרט פון פחד און פּאַניק, האָט זיך דער אַלטער טאַרטעלעט אויפגעהייבן פון אָרט און איז צוגעגאַנגען צו גאָדפרייען. דער מענטש האָט אויסגעזען, ווי אַ משוגענער: די אויגן אַרויסגעשפּאַרט, די האָר צעשויבערט, די אַרשיניקע נאָז אויסגעצויגן פאַר אַ מייל און באַשאָטן מיט טראָפּעלעך שווייס...

גאָדפריי האָט געלאַכט, האָט אים וואַרעם אָנגעפּאַטשט אין פּלייצע און געזאָגט:

„איר זענט דאָך גאָר אַ כוואַט, הער טאַרטעלעט! איר האָט דאָך אַוועקגעלייגט אַ ווילדן!... דערויף האָב איך מיך גאָרנישט געריכט, הער טאַרטעלעט. לאָזט זיך גאָר אויס, אַז איר זענט נישט בלויז אַ גוטער לערער פון טענץ, נאָר אויך אַ גוטער שיסער..."

„איך וויל אַהיים..." — האָט דער אַלטער געמרוקעט. — „אַהיים וויל איך!.. איך האָב אים שוין גענוג, דעם ברעג..."

„מיר גייען שוין אַהיים," — האָט אים גאָדפריי באַרויקט. — אָבער פריער מוזן מיר באַשליסן וואָס צו טאָן מיטן געפאַנגענעם."

דער געפאַנגענער, וועלכן מען האָט נאָר וואָס מציל געווען פון טויט, איז געשטאַנען צווישן זיי אַן אומבאַהאָלפענער, אַ פאַרלאָרענער. ער האָט זיך נישט געשראָקן, אָבער ער האָט זיך אויך נישט געפרייט. ער האָט נישט געוווּסט, ווי זיך צו האַלטן מיט די ווייסע מענטשן.

דאָס איז געווען אַ מענטשל פון אַ יאָר פינפאונדרייסיק.



אַ שוואַרצער, ווי קויל. זיין נאַקעטע לייב האָט געגלאַנצט, ווי אַן אויסגעפּוצטער שוך.

אויף זיין שוואַרצן פּנים האָבן זיך ברייט געצייכנט די משונה רויטע ליפּן.

דאָס איז, קענטיק, געווען אַן אַפריקאַנער נעגער, וואָס דער צופאַל האָט אים פאַרטראָגן אויף די שכנישע אינדזלען.

די אַפריקאַנישע נעגערס קענען דאָס רוב אַ ביסל ענגליש. גאָדפריי האָט אים געפרעגט אויף ענגליש, ווי ער הייסט. דער נעגער האָט נישט פאַרשטאַנען דידאָזיקע פראַגע. ער האָט בכלל נישט פאַרשטאַנען קיין ענגליש.

האָט אים גאָדפריי גענומען פייניקן מיט רמזים און אַזוי־אַרום אַרויסבאַקומען זיין נאָמען. נאָך גרויס מי און מאַטערניש, מאַכנדיק מיט די הענט און גלאָצנדיק מיט די אויגן, איז גאָדפרייען געלונגען פעסטצושטעלן, אַז דאָסדאָזיקע שוואַרצע מענטשל הייסט קאַרעפינאָטו.

דער נענער האָט כסדר געשאָקלט מיטן קאָפּ און אַדורכגעזייט דורך די בלענד־ווייסע ציין אָט דאָס איינציקע וואָרט:

„קאַרעפינאָטו..."

„ע, אַ צו לאַנגער נאָמען פאַר מיר", — האָט גאָדפריי געזאָגט, — „אָבער פאַרפאַלן."

„וואָס הייסט פאַרפאַלן?" — האָט זיך פלוצלונג אַריינגעמישט טאַרטעלעט, פונקט ווי ער וואָלט שוין געקומען אַ ביסל צו די כוחות — „וואָס איז עס פאַר אַ נאָמען אַזאַ און ווי קען מען עס הייסן קאַרעפינאָטו?... עס איז דאָך פשוט צום לאַכן."

ער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און האָט צוגעגעבן:

„איר ווייסט, ווי איך וואָלט אים גערופן? פרייטיק!... ראָבינזאָן האָט געהאַט אַ פרייטיק, לאָמיר אויך האָבן אַ פרייטיק.

איר גלייכט זיך דאָך אַלץ צו ראָבינזאָנען! אויסערדעם, האָבן מיר טאַקע היינט פרייטיק..."

גאָדפריי האָט זיך צעלאַכט און האָט זיך אָנגערופן צו דעם טאַנצפראָפעסאָר:

„איך האָב פון אייך נחת, הער טאַרטעלעט. איר ענדערט זיך אַלץ מער און מער צום גוטן..."

דער אַלטער האָט אַראָפגעלאָזט די אַרשיניקע נאָז.

„און איך האָב פון זיך נישט קיין נחת," — האָט ער געזאָגט.— „עס טוט מיר ווי דער בויך."

דער ווילדער האָט דערזען, אַז מען שמייכלט דאָ און מען לאַכט, איז ער געוואָרן דרייסטער. ער האָט אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויף גאָדפרייס האַרץ און האָט אָנגעקלאַפּט דערין, פרעגנדיק עפעס דערביי.

גאָדפריי האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז ער פרעגט אים, ווי ער הייסט, און ער האָט דייטלעך געזאָגט:

„גאָדפריי!"

דער ווילדער האָט זיך ברייט און קינדיש צעשמייכלט, און האָט עטלעכע מאָל פאַר זיך איבערגעחזרט:

„גאָדפריי! גאָדפריי!"

נאָכדעם האָט ער מיט אַ פינגער אָנגעקלאַפּט אין דעם טאַנצמייסטערס האַרץ.

דער אַלטער האָט געזאָגט:

„טאַרטעלעט!"

דער ווילדער האָט אים קלאָר נאָכגעזאָגט:

„טאַרטעלעט!"

איצט האָט ער שוין געוווּסט ביידנס נעמען.

דער רמזימדיקער שמועס איז ווייטער געפירט געוואָרן. גאָדפריי האָט געוואָלט וויסן, צי דער ווילדער געפינט זיך



לאַנג אין דידאָזיקע מקומות. אַ האַנטבאַוועגונג אַהער, אַ האַנטבאַוועגונג אַהין, אַ גלאָץ מיט די אויגן, אַ מאַך מיטן קאָפּ, אַ שעפּטשע מיט די ליפּן, ביז דער ווילדער האָט פאַרשטאַנען, וואָס מען פרעגט אים, און דעמאָלט האָט ער אויך דורך פאַרשידענע צייכנס און באַוועגונגען געוויזן, אַז שוין לאַנג.

איצט האָט גאָדפריי געוואָלט וויסן, ווי הייסט, אַ שטייגער, דאָס אינדזעלע. ער האָט ווידער גענומען מוטשען דאָס שוואַרצע מענטשל.

ער האָט אים אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויפן וואַלד, אויף די אַרומיקע שטחים, אויף רעכטס און אויף לינקס און געמאַכט מיט אַ פינגער אין דער ריכטונג פון דער גאַנצער אינדזל, ווי דער ווילדער האָט אים פריער געקלאַפּט מיטן פינגער אין האַרצן.

קאַרעפינאָטו האָט סוף כל סוף פאַרשטאַנען, וואָס מען וויל דאָ פון אים און האָט ווידער דורכגעזייט דורך די בלענדווייסע ציין א נאָמען:

„אַרנעקאַ!"...

„אַרנעקאַ?" — האָט זיך גאָדפריי געחידושט און בעת מעשה געקלאַפּט מיטן פוס איבער דער ערד.

„אַרנעקאַ! אַרנעקאַ!" — האָט דער ווילדער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

דערדאָזיקער נאָמען האָט גאָדפרייען גאָרנישט געזאָגט. קענטיק, אַן אָרטיקער נאָמען, וואָס ווערט געברויכט צווישן די ווילדע און ווערט נישט דערמאַנט אין דער געאָגראַפיע.

קאַרעפינאָטו האָט זיך דערווייל אינגאַנצן באַרויקט. מיט טרייע גלאַנציקע אויגן האָט ער אָנגעקוקט דאָ גאָדפרייען און דאָ טאַרטעלעטן, באַטראַכט זיי פון קאָפּ ביז די פיס און גע-

שמייכלט. ווי אַ קינד, ברייט און פריי, אויסשטעלנדיק זיינע בלענד ווייסע ציין.

קוקנדיק אויף דידאָזיקע ציין, איז טאַרטעלעטן יעדעס מאָל אַדורכגעגאַנגען אַ קאַלטער שוידער איבערן לייב. ער האָט זיך דערמאַנט, אַז מיט דידאָזיקע ציין פרעסט מען דאָס פלייש פון אַ מענטשן און מען פאַסמאַקעוועט זיך נאָך... און אין אַזאַ מינוט האָט ער ווידער דערשפירט גרויסע יסורים אין מאָגן.

ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און האָט זיך אָנגערופן צו גאָדפרייען:

„זאָל איך פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ באָק, מיין ליבער גאָדפריי, אויב דידאָזיקע אייזערנע ציין האָבן נישט געגעסן קיין מענטשנפלייש... קוקט נאָר אָן דידאָויקע ציין! אָפּגעהיט זאָל מען ווערן!"

גאָדפריי האָט אים באַמערקט:

„דאָסדאָזיקע מענטשל, הער טאַרטעלעט, זעט גאָרנישט אויס צו זיין אַזאַ אכזר. איר קוקט אויף זיינע ציין און איך קוק אויף זיין שמייכל... דער ווילדער שמייכלט דאָך אַזוי, אַז עס איז פשוט אַ מחיה צו קוקן אויף אים... פאַר אַ מענטשן מיט אַזאַ שמייכל באַדאַרף מען זיך נישט שרעקן!"

זיך דערפילט היימיש מיט דידאָזיקע צוויי אומבאַקאַנטע מענטשן, וואָס האָבן אים, אגב, געראַטעוועט דאָס לעבן, האָט קאַרעפינאָטו גענומען קוקן אויף זייערע ביקסן, און זיין פנים האָט גלייכצייטיק אויסגעדריקט פחד און אַנטציקונג צוזאַמען.

ער האָט נאָך פריער געזען, ווי דאָסדאָזיקע שטומע קאַלטע באַשעפעניש האָט אַ בליץ געטאָן און פון דעמדאָזיקן בליץ איז אַוועקגעפאַלן דער אָנפירער פון זיינע פייניקער. איצט האָט ער באַטראַכט מיט גרויס יראה און שרעק דאָס אייזן פון דער ביקס און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, שעפּטשענדיק עפּעס דערביי.



גאָדפריי האָט אים דורך רמזים באַוויזן, אַז די ביקס איז אַ געוואַלדיק באַשעפעניש און אַז איר כוח איז נישט אָפּצושאַצן.

ביי אַ פופציק טריט פון זיי איז געשטאַנען אַ פעלדהינדל און געפּיקעט אין גראָז. גאָדפריי האָט אָנגעוויזן קאַרעפינאָטון אויף דעמדאָזיקן הינדל און אויף דער ביקס און באַלד דערויף האָט ער אויסגעשאָסן. אַ דונערדיקער טראַך האָט אַ זעץ געטאָן אין דער שטילקייט פון דער אינדזל. דער ווילדער איז אויפגעשפרונגען, טאַרטעלעט האָט זיך אויסגעבויגן, ווי אַ שלאַנג און דאָס אומשולדיקע הינדל איז געלעגן טויט אויפן גראָז, באַשפריצט מיט טראָפּעלעך בלוט...

דער ווילדער איז איבעראַשט געוואָרן ביז געליימטקייט... אַז ער איז אָבער געקומען צו זיך, איז ער אַוועק, האָט אויפגעהייבן דאָס טויטע הינדל און האָט עס דערלאַנגט גאָדפרייען.

„פאַלאַפּיטאַ!" — האָט ער געזאָגט און האָט זיך שטאַרק אַנטציקט.

קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס „פאַלאַפּיטאַ" באַדייט.

טאַרטעלעט האָט אָבער קיינמאָל נישט געקענט גלייכגילטיק צוזען יענעמס ערפאָלג. ער האָט געוואָלט, אַז דער נעגער זאָל זיך אויך אַזוי אַנטציקן מיט אים, ווי מיט גאָדפרייען, וואָס קען אַזוי גוט שיסן.

ער האָט דער־בער זיך אָנגערופן צום יונגן מיליאָנער:

„זעט איר, מיין ליבער, אָט דאָרט אויפן בוים זיצט אַ פייגל, וואָס הייסט „פישפאַנגער". איך וויל אים, דעמדאָזיקן שייגאַץ, אַ ביסל אונטערשיסן... זאָל דער נעגער זען, וואָס ווייסע ציוויליזירטע מענטשן קענען, און זאָל ער אויך דרך ארץ האָבן פאַר מיין ביקס, ווי פאַר אייערער..."

גאָדפריי האָט געזאָגט:

„שיסט בעסער נישט..."

„פֿאַרוואָס?"...

„איר וועט פֿאַרלירן דעם פּרעסטיזש בײַ דעם ווילדן. איר שיסט דאָך שלעכט..."

דער אַלטער האָט זיך באַלד אָנגעצונדן.

„גאָט אין הימל," — האָט ער זיך אָנגערופֿן מיט אַרויסגעשפּאַרטע אויגן, — „אין דער באַרימטער שלאַכט, וואָס האָט זיך נישט לאַנג אָפּגעשפּילט אויף דידאָזיקע ערטער, בין איך אויך געווען אַזאַ קנאַקער, ווי איר, מײַן ליבער גאָדפֿרײַ... איר האָט אַוועקגעלייגט איינעם און איך האָב אַוועקגעלייגט איינעם. מען דאַרף דאָך זײַן ערלעך, מײַן ליבער גאָדפֿרײַ, און מען דאַרף נעמען אין אַכט נישט בלויז די אייגענע געשיקטקייט, נאָר אויך יענעמס... יענער איז אויך אַ מענטש."

גאָדפֿרײַ האָט אים רויִק געענטפֿערט:

„איר זענט גערעכט, הער טאַרטעלעט. אָבער איר האָט דאָך געטראָפֿן אין ציל גאַנץ אומגערן און צופֿעליק... איר האָט דען געזען, צו וועמען איר שיסט? איך ראַט אײַך איצט נישט צו שיסן בלויז דערפֿאַר, ווײַל איך וויל נישט, איר זאָלט דורכפֿאַלן און דערמיט פֿאַרלירן דעם פּרעסטיזש בײַ דעמדאָזיקן נעגער..."

טאַרטעלעט האָט געשוויגן. ער האָט זיך אונטערגעצעבן מיט פֿאַרביסענע ליפּן.

גאָדפֿרײַ האָט געזאָגט:

„נו, און איצט וועלן מיר גיין אַהיים. איך מיין, אַז עס איז שוין צײַט."

מיט די ביקסן אויף די אַקסלען (טאַרטעלעטן איז עס געווען שווער) איז מען אַוועק אין „ווילי-פּאַלאַץ", מיטנעמענדיק מיט זיך דעם נעגער.



## קאַפּיטל זיבעצן.

קאַרעפּינאָטו אין „ווילי-פּאַלאַץ".—ער ווערט אַ היימישער מענטש.—דאָס אינדזעלע איז גאָרנישט אַזאַ שטילס, ווי מען האָט פֿריער משער געווען.—ווידעראַמאָל פּאַסירונגען אויף פּאַסירונגען.

דער נעגער האָט געהאַט כּסדר זיך צו חידושן. דערזען דעם „ווילי-פּאַלאַץ" מיט דער טיר און פֿענסטער, מיט די שאַנקען, מיט די בעטן, טישן און שטולן, האָט ער אויסגעשטעלט אַזאַ פּאָר אויגן, אַז טאַרטעלעט האָט זיך איבערגעשראָקן און האָט זיך תּיכּף ומיד אָפּגערוקט.

מען האָט כּסדר פֿון אים געהערט דאָס איינציקע וואָרט:

„פּאַלאַפּיטאַ!"

און דאָס וואָרט, חאָט קענטיק, אויסגעדריקט דעם העכסטן גראַד פֿון אַנטציקונג.

ער איז אַרומגעגאַנגען און האָט אַלץ באַטאַפּט און באַקוקט און באַטראַכט, און אַז עס איז געקומען צום שפּיגעלע, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט, איז ער אָפּגעשפּרונגען

מיט אַ קוויטש, פּונקט ווי עמעץ וואָלט אים אַ שטאָך געטאָן מיט אַ נאָדל.

אין שפּיגל האָט ער דערזען נאָך אַ נעגער, פאַר וועלכן ער האָט זיך שטאַרק איבערגעשראָקן. ער האָט לאַנג אַרומגעזוכט דעמדאָזיקן נעגער אין אַלע ווינקלען פונם „ווילי-פּאַלאַץ", און אַז ער האָט אים נישט געפונען, איז ער דאָך צוגעגאַנגען אַ צווייט מאָל צום שפּיגעלע. ער האָט מורא געהאַט פאַרן צווייטן מענטשעלע, וואָס ווייזט זיך דאָרט באַלד אויפן גלאָז...

אַ חיה געוויינט זיך אָבער גיך צו — וועגן אַ מענטשן איז דאָך אָפּגערעדט.

קאַרעפּינאָטו האָט זיך ביסלעכווייז צוגעוויינט צו די נייע מענטשן און צו די נייע אומשטענדן. ער האָט פאַרשטאַנען מיטן אינסטינקט, אַז זיי וועלן אים קיין שום בייז נישט טאָן, נישט געקוקט אויף זייער שרעקלעך בליציק געווער.

אַ טאָג נאָך אַ טאָג איז אַוועק, און קאַרעפּינאָטו איז אינגאַנצן געוואָרן אַ היימישער מענטש, פּונקט ווי ער וואָלט זיין גאַנץ לעבן פאַרבראַכט צווישן ווייסע.

ער איז נישט געווען פויל און האָט געטאָן אַלץ, וואָס מען האָט אים געהייסן. געפילט האָט ער זיך אויסגעצייכנט. ער האָט נאָך אוודאי אין זיין לעבן נישט געגעסן אַזוינע געשמאַקע זאַטע מיטאָגן, ווי אין „ווילי-פּאַלאַץ" און האָט נאָך אַזוי רויק אין גוט נישט געשלאָפן, ווי דאָ.

קיינער האָט אים קיינמאָל אַ שלעכט וואָרט נישט געזאָגט, און מען האָט אים באַהאַנדלט כמעט ווי אַ חבר.

בלויז די ערשטע צייט האָט זיך טאַרטעלעט טיילמאָל געקרימט אויף אים און געוואָרנט גאָדפרייען, אַז דער שוואַרצער שד האָט אַ ביסל צו שטאַרקע, צו שפּיציקע און צו ווייסע ציין... אָבער גאָדפריי האָט אים יעדעס מאָל באַרויקט און האָט



אים אויפגעוויזן, אַז ער האָט אַ טעות, אַז דער נעגער איז בטבע אַ שטיל מענטשל, וואָס האָט אַזאַ נשמה און אַזעלכע אינסטינקטן, ווי אַלע מענטשן. נישט מער, ער איז ווילד, באַדאַרף מען אים אויסבילדן און אַרומהובלען.

דערזען, אַז גאָדפריי איז גערעכט, האָט טאַרטעלעט געפּרוווט אים אָנגרייפן פון אַן אַנדער זייט.

ער האָט געזאָגט:

„אָבער ער עסט צופיל..."

„וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן?" — האָט גאָדפריי געפרעגט.

„אָט, איך מיין דערמיט צו זאָגן, אַז ער איז אַ פרעסער און נעמט אונדז אַוועק אַ סך פּראָוויאַנט..."

גאָדפריי האָט געשמייכלט.

„ערשטנס," — האָט ער געזאָגט, — „אַרבעט ער דאָך ביי אונדז און דעריבער מעג ער עסן, וויפל ער וויל. פאַרן פּראָוויאַנט שרעק איך מיך נישט — סאיז דאָ גענוג. און צווייטנס, עסט איר דאָך אויך אַ סך און קיינער מאַכט אייך דערפאַר קיין באַמערקונג נישט... די פּשוטע לאָגיק זאָגט: עסט אַליין און לאָזט דעם אַנדערן אויך עסן. ביי אייך, זע איך, שטימט עס עפּעס נישט..."

טאַרטעלעט האָט אויך פון דער זייט פאַרלאָרן דעם אָנגריף.

מען מוז מודה זיין, אַז גאָדפריי האָט זיך מיט גרויס ליבע באַצויגן צו דעמדאָזיקן שוואַרצן מענטשל. ער האָט אין אים געזען בעסערע מאָראַלישע אייגנשאַפטן, ווי אין דעם ווייסן טאַרטעלעטן, וואָס נעמט זיך אַזוי איבער מיט זיין קולטור און קענטשאַפט.

דער נעגער, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, איז געווען זייער אַ פעיקער. ער האָט אַלץ זייער לייכט תופס געווען און האָט גע-

שווינט נאָכגעמאַכט די ווייסע. בלויז אויף איין געביט איז ער געווען זייער שוואַך — אויף דעם געביט פון שפּראַכן. ער האָט זיך בשום אופן נישט געקענט אויסלערנען רעדן ענגליש.

נישט האָבנדיק לגמרי וואָס צו טאָן, האָט טאַרטעלעט געוואָלט ווערן זיין לערער. ער האָט אים געוואָלט אויסלערנען רעדן ענגליש, אָבער עס איז נישט געגאַנגען. דער נעגער איז געשטאַנען אויף איין אָרט. זיין צונג האָט בשום אופן נישט געקענט אַרויסברענגען אַן ענגלישן קלאַנג. פאַרשטיין אָבער ענגליש האָט ער שוין יאָ געקענט צו ביסלעך.

אין „ווילי-פּאַלאַץ" האָט מען ווידער געלעבט רויִק און נאָרמאַל. מען האָט גוט געגעסן, גערוט, געשפּאַצירט און געגאַנגען אויף יאַגד. אויף אַלץ איז געווען אַ באַשטימטע צייט. מען האָט געאַרבעט און גערוט מיט אַ חשבון.

ווען גאָדפריי איז געגאַנגען אויף יאַגד, האָט ער יעדעס מאָל מיטגענומען דעם נעגער, וואָס האָט שוין אויך גאָרנישט שלעכט געשאָסן. ביידע יעגערס האָבן אַדורכגעשפּאַנט די אינדזל פון אַלע זייטן און האָבן אָנגעפילט דעם קעלער מיט רויב.

דער 3-טן אָקטאָבער איז גאָדפריי מיט קאַרעפינאָטון אַוועק צום „דרים"-ברעג און דאָרט האָבן זיי באַמערקט, ווי דער ים-צופלוס טרייבט צום ברעג אַ גרופּע קליינינקע שווימענדיקע אינדזעלעך, און איבער זיי דרייען זיך אַרום שרייענדיקע בלוט-דורשטיקע שפּאַרבערס.

גאָדפריי האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז אַזוינס. עפּעס אַ ווילד אויסטערליש בילד, וואָס האָט פאַרכאַפּט דאָס אויג.

קאַרעפינאָטו האָט זיך אָבער אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד און האָט גענומען באַוועגן מיט די הענט און פיס און צוזאַפּען שטאַרק מיט דער נאָז. גאָדפריי האָט זיך געבראָכן



דעם קאָפּ איבער דעם נעגערס באַוועגונגען, וואָס זענען אייגנטלעך געווען זיין לשון, ביז ס'איז אים מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן:

„טשערעפּאַכעס!"

דאָס זענען געגאַנגען הונדערטער טשערעפּאַכעס, געטריבן דורכן ים-צופלוס, און שפּאַרבערס זענען געשטאַנען אויף זיי. ווען די טשערעפּאַכעס האָבן זיך אונטערגעטונקט, האָבן זיך די שפּאַרבערס אויפגעהייבן אינדערלופטן און גענומען שרייען מיט ווילדע בלוטדורשטיקע קולות.

אַ הונדערט טשערעפּאַכעס זענען באַלד אַרויף אויפן ברעג.

גאָדפריי מיטן נעגער האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו די-דאָזיקע געבעטענע אורחים, פון וועלכע מען האָט געקענט מאַכן גאַנץ פיינע קאָטלעטן, אויסדריקנדיק זיך מיטן לשון פון דעם אַלטן טאַרטעלעט.

פאַנגען זיי האָט מען אָבער געקענט נאָר אין דעם פאַל, ווען מען זאָל זיי איבערקערן מיט די פיס אַרויף. מען קען נישט זאָגן, אַז דאָס איז געווען זייער לייכט. מען האָט געדאַרפט גוט שוויצן דערביי און מען האָט טאַקע געשוויצט. מען האָט איבערגעקערט אַ פופציק שטיק און מען איז אַוועקגעלאָפן אין „ווילי-פּאַלאַץ" נאָך שטריק.

עס איז איצט געווען צו עסן און צו עסן. דריי טעג צייט האָט געדויערט דאָס איבערשלעפּן די טשערעפּאַכעס אין קעלער.

טאַרטעלעט האָט געפּאַטשט מיט די הענט פון גרויס נחת און הנאה. אַ גרויסער פרעסער פון אייביק אָן, האָט ער זייער גוט געוווּסט דעם טעם פון טשערעפּאַכע-פלייש.

„הערט איר", — האָט ער זיך געשמאָלצן פון תאווה צו דער אכילה, — „מיר האָבן נאָך אַזאַ מאכל נישט געהאַט ביז אַהער! דאָס איז דאָס בעסטע פלייש אין דער וועלט!.. עס איז

צאַרט אויף דער צונג און זיס אונטערן גומען... זיסער פון הוניק, פון טויב... מיר וועלן קומען צו די כּוחות פון אַזאַ מין פלייש, וואָרים ס'איז אַ היילונג אין די ביינער"...

דער נעגער האָט געגעסן אַ סך, ער האָט אָבער געגעסן מער פאַרן נעגער. אַן אַלטער מאַן אָן ציין האָט זיך מוראדיק געשטאָפּט און ס'האָט אים נישט פאַרשאַדט.

גאָדפריי האָט, איבעריקנס, נישט געקענט זען, ווי ער עסט און האָט תּמיד ביים טיש אַוועקגעקוקט אין אַ זייט.

דרויסן איז געווען זייער שיין. עס איז געווען שפּעטער זומער. דער ווינטער האָט, קענטיק, גאָרנישט געהאַט בדעה צו קומען. אַ הייסע זון האָט אַלע טאָג באַגאָסן די אינדזל מיט ליכט און וואַרעמקייט, דער ים האָט אויסגעווייכט די לופט.

אין זייער שטיל רויק לעבן האָט זיך אָבער ווידער געמאַכט אַ בהלה און ווידער איז עס געשען אין דער צייט פון יאַגד, ווען גאָדפריי איז געגאַנגען צוזאַמען מיטן נעגער.

עס איז געווען אַ שלים-מזלדיקער יאַגד-טאָג. די גרויסע פייגל האָבן זיך ערגעץ פאַרבאָרגן, די פירפיסיקע ברואים זענען געלעגן אין די נאָרעס. זיי האָבן געזוכט אַנטילאָפּעס און האָבן זיי אין ערגעץ נישט געזען.

זיי זענען שוין געגאַנגען אַהיים מיט ליידיקע יאַגדזעקלעך. גאָדפריי האָט געשוויגן. אין אַזאַ מינוט האָט ער ליב געהאַט צו טראַכטן פון סאַן-פראַנציסקאָ, פונם פעטער קאָלדערופ און, דער עיקר — פון פינאַ, פונם מיידל מיט די גאָלדענע האָר און שוואַרצע אויגן. ער האָט זי געזען, ווי זי זיצט ביים קלאַוויר און פון אירע דינע פינגער טאַנצט אַרויס אַ צאַרטע מעלאָדיע. אין צימער איז שטיל, קיינער שטערט זיי נישט און זי איז זיין כּלה. זי האָט אים ליב, זי האָט אים אַזוי ליב, כאָטש זי רעדט נישט דעריבער, אָבער ער שווייגט און טראַכט



פון ווייטע נסיעות, פון וועלטטיילן און פאָלן... אָט האָט ער איצט אַ ווייטע נסיעה... דאָס גליק האָט זיך געבעטן ביי אים: „נעם מיך!" ער האָט עס אָבער נישט פאַרשטאַנען און האָט זיך אָפּגערוקט פון גליק אויף אַזאַ ווייטן מהלך, אַז איין גאָט ווייס, צי ער וועט זיך אַמאָל דערנענטערן צו אים.

גאָדפריי האָט נישט געליטן פון אַ חרטה-געפיל. דאָך אָבער האָט ער זיך געפייניקט ביי דידאָזיקע רעיונות.

ער איז געגאַנגען מיטן ליבן נעגער און האָט אַלץ געזען פאַר די אויגן דעם פעטערס פאַלאַץ.

פלוצלונג האָט אים קאַרעפינאָטו אַ כאַפּ געטאָן פאַרן אָרעם און האָט גענומען לויפן מיט אים אין איין אָטעם. פאַרשטייענדיק, אַז דאָ מוז זיין עפּעס אַ סכנה, האָט גאָדפריי זיך נישט געוועהרט, אָבער אַז זיי זענען אָפּגעלאָפן ביי אַ צוואַנציק טריט, האָט מען זיך אָפּגעשטעלט און גאָדפריי האָט זיך אַרומגעקוקט.

דער נעגער האָט אים אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף אַ גרויסער חיה. דאָס איז געווען אַ גרויער בער.

ער איז געשטאַנען אויף די הינטערשטע צוויי פיס מיט אַן אָפענעם פּיסק און מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג, פונקט ווי ער וואָלט געלאַכט.

גאָדפריי האָט נישט געטראַכט.

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן די ביקס און האָט אויסגעשאָסן.

דער בער האָט אויסגעצויגן די לאַפּעס און איז אַנידערגעפאַלן.

מען האָט אָבער נישט געקענט וויסן, צי ער איז טאַקע טויט, צי בלויז פאַרוווּנדעט. איין זאַך איז געווען קלאָר, אַז מען מוז באַלד מאַכן פּליטה. מיט אַ גרויען בער שפּילט מען זיך נישט.

די געניטע יעגערס אין קאַליפאָרניע מיידן אים אויס, ווי אַ שרפה. דער קאַמף מיט אַ גרויען בער איז איינער פון די געפערלעכסטע קאַמפן אין דער מלוכה פון חיות, און קאַרעפינאַטו, וואָס איז געווען זייער פּראַקטיש אין אַזוינע ענינים, האָט גאָדפריי'ען אַוועקגעשלעפּט אַהיים כמעט איבערגעוואַלד.

ער האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין דורך רמזים, אַז דער בער לעבט און אַז מען דאַרף זיך וואָס גיכער אויסבאַהאַלטן פון אים.

אין „ווילי-פּאַלאַץ" האָט זיך ערשט אָנגעהייבן אַ לאַנגער שמועס וועגן בער. טאַרטעלעט האָט זיך אויך באַטייליקט אין דעמדאָזיקן שמועס.

גאָדפריי האָט אייגעפונען, אַז מען איז איצט נישט זיכער מיטן לעבן אויף דער אינדזל פינאַ, קוים בלאָנקעט דאָ אַרום אַ גרויער בער. מען וועט נישט קענען גיין אויף יאַגד און מען וועט נישט קענען שפּאַצירן. בכלל ווערט דער „דרויסן" אַזוי ווי אָפּגעשניטן פאַר די מענטשן פון „ווילי-פּאַלאַץ".

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך טאַרטעלעט אַזוי איבערגעשראָקן, אַז ער האָט געמוזט באַלד לויפן אויף באַדערפעניש און צולייגן אַ וואַרעמען קאָמפּרעס צום בויך.

ער האָט גענומען שעלטן און קרעכצן, קרעכצן און שעלטן.

„מיר האָבן שוין גאָט צו דאַנקען אַ גרויען בער אויך דאָ, וואָס זאָגט איר?" — האָט ער גענומען רעדן, האַלטנדיק די הענט אויפן בויכקאָמפּרעס. — פריער האָבן זיך באַוויזן מענטשנפרעסער, איצט אַ בער... אָבער ווער וועט עס מיר קענען גאַראַנטירן, אַז מיר האָבן דאָ בלויז איין בער? פאַרוואָס זאָל דערדאָזיקער בער נישט האָבן דאָ קיין ווייב און קיין קינד און קיין ברידער און קיין שוועסטער? מיר זענען אומגליקלעך, הער גאָדפריי, און מיר וועלן דאָ זייער מיאוס אָפּשניידן... אין סאַן-



פראַנציסקא איז שוין בעסער, צו אַלדי שוואַרץ יאָר!.. דאָרט דאַרף איך מיך, לפּחות, נישט שרעקן. האָט דאָך אָבער דערדאָזיקער קאַלדערופּ, איינגעזונקען זאָל ער ווערן, נישט פאַרגונען מיר דאָס שטיקעלע מנוחה, וואָס איך האָב דאָרט געהאַט און האָט מיר אַרויפגעזעצט אויף דערדאָזיקער אינדזל... צען מאָל נישט געדאַכט זאָל ער ווערן!.. איר וועט זיך דאָך נישט באַליידיקן פאַר דידאָזיקע ווערטער, הער גאָדפריי, וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין אַ מאָמענט פון פּאַניק און פּחד... בשעת עס שטייט מיר אַ גרויער בער אונטער דער נאָז, וואָלט איך געקענט באַליידיקן מיט ווערטער אַפילו דעם מלך אַליין"...

ער האָט זיך אָפּגעבלאָזן, צוגעדריקט בעסער דעם קאָמפּרעס צום בויך און צוגעגעבן:

„וואָס אַרט אייך, איר מעגט שוין זיין זיכער, אַז מיר וועלן דאָ נאָך האָבן לייבן און טיגערס און לעמפּערטן און שלאַנגען און היענעס מיט אַ הוספה פון מענטשנפרעסער, וואָס וועלן אַוודאי קומען זיך אָפּרעכענען מיט אונדז... גוטע צייטן וואַרטן אויף אונדז, נישטאָ וואָס צו רעדן..."

גאָדפריי האָט זיך אָבער נישט צוגעהערט צו זיינע ווערטער. ער האָט נאָר געזאָגט, אַז טאַרטאַלעט איז אַזאַ פּחדן, אַז דער בער איז שוין פאַרוואַנדלט געוואָרן ביי אים אין לייבן, טיגערס און שלאַנגען. די לאַגע איז אָבער דאָך אַ געפערלעכע און דעריבער דאַרף מען זיין זייער פאָרזיכטיק.

„וואָס הייסט ביי אייך פאָרזיכטיק?" — האָט דער אַלטער געפרעגט מיט אַ בייסיקער איראָניע.

„פאָרזיכטיק הייסט ביי מיר, אַז מען האַלט אָפן די אויגן, מען איז נישט קיין בטלן און מען זעט וואָס אַרום טוט זיך. מען דאַרף נישט אַריינקריכן דעם בער אין פּיסק אַריין, הער טאַרטעלעט."

דער נעגער האָט אויך געוואָלט עפעס זאָגן. ער האָט אָבער געקענט רעדן נאָר דורך רמזים, און דעריבער האָט ער געשוויגן.

פון דעם טאָג אָן האָט זיך אָנגעהייבן פאַר אונדזער בידנעם טאַרטעלעטן אַ ביטער לעבן. דער פחד פאַרן גרויען בער האָט אים לגמרי פאַרדאָרבן דעם מאָגן און אַוועקגעהרגעט דעם אַפעטיט.

דער אַלטער האָט געוויינט אויף זיינע יאָרן און טעג.

ער האָט געזען, ווי מען עסט און האָט נישט געקענט נעמען אַ ביסן אין מויל אַריין. מען האָט געגעסן טשערעפאַכע, אַנטילאָפע, געפליגל. עס האָט פאַרשמעקט איבער דער גאַנצן אינדזל. אָבער ער האָט געמוזט זיצן מיט אַ קראַנקן מאָגן און האַלטן וואַרעמע קאָמפרעסן אויפן בויך...

ביינאַכט האָט זיך אָנגעהייבן אַ סדרה מיט פאַרהאַקן די טיר און די לאָדנס. טאַרטעלעט האָט גענומען ציטערן פאַר יעדן שאָרך, פאַרן קלענסטן קראַך.

ער האָט אומעטום געזען דעם בער, וואָס איז מיט גרויס אכזריות געגאַנגען אויף זיין לעבן.

קאַרעפינאָטו האָט אויף זיך גענומען אַ שווערע פונקציע: אַ גאַנצע נאַכט איז ער געזעסן ביי דער טיר פון אינעווייניק און האָט זיך צוגעהערט, צי גייט נישט דער בער. גאָדפריי האָט אים אפילו געהייסן גיין שלאָפן, אָבער דער ווילדער האָט אים דערקלערט מיט די הענט, אַז איינער מוז וואַכן און זיך גוט צוהערן, און דערדאָזיקער איינער קען זיין נאָר ער.

דערמיט האָט ער אויך געוואָלט אויסדריקן זיין דאַנקבאַרקייט צו די ווייסע מענטשן, וואָס האָבן אים געראַטעוועט דאָס לעבן.

אַזוי איז אַדורכגעלאָפן אַ גאַנצע וואָך, און נישט דער בער



און נישט עמעץ פון זיין משפחה האָט זיך נישט באַוויזן אויף די נאָענטע שטחים פון „ווילי-פאַלאַץ“. עס איז געווען שטיל, און מען האָט נישט געזען קיין לייבן און קיין טיגערס, ווי טאַרטעלעט האָט פאָרגעזאָגט.

קאַרעפינאָטו, וואָס האָט אַלע טאָג מיט אַ לאַנגן מעסער אין גאַרטל געפיטערט די הויז-חיות אויף דער לאָנקע, נישט ווייט פונם „ווילי-פאַלאַץ,“ האָט געזאָגט, אַז ער זעט נישט און הערט נישט דעם בער. מעגלעך, אַז דאָס איז געווען אַן איינציקער בער, וואָס האָט נאָך דער קויל פאַרלאָזט די אינדזל.

גאָדפריי האָט אָנגעהייבן אַרויסצוגיין פון „ווילי-פאַלאַץ“, דער בער איז ביסלעכווייז אויסגעמעקט געוואָרן פון זכרון. עס האָט זיך צוריק אָנגעהייבן דאָס אַלטע לעבן. טאַרטעלעט האָט אַראָפגענומען די קאָמפרעסן פון בויך און האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער אכילה מיט אַזאַ אימפעט, אַז דער ווילדער קאַרעפינאָטו איז נשתומם געוואָרן. ער, דער ווילדער, האָט קיינמאָל נישט געזען, אַז אַ מענטש זאָל קענען עסן אַזויפיל.

און טאַרטעלעט האָט געזאָגט:

„פון פחד האָב איך געפאַסט תעניתים. דער מאָגן האָט נישט געקאָכט. איך מוז איצט פאַרגיטיקן דעם מאָגן...“

דעם אַלטן טאַנצפראָפעסאָר האָט אָבער אָנגעהייבן צו ווערן אַ ביסל לאַנגווייליק. די ביימער האָבן זיך בשום אופן נישט געוואָלט לערנען טאַנצן. אַ גאַנצן טאָג האָט ער נישט געהאַט וואָס צו טאָן און עס איז אויך נישט געווען מיט וועמען צו רעדן, צו פלוידערן.

אָט איז אים איינמאָל איינגעפאַלן: קאַרעפינאָטו איז אַ שלעכטער תלמיד. ער קען זיך נישט אויסלערנען קיין ענגליש, כאָטש צעהאַק אים דעם קאָפ. אפשר וועט אָט דער שלעכטער

תלמיד זיין אַ גוטער לערער און וועט לערנען מיט טאַרטעלעטן די יסודות פון זיין ווילדן לשון?

אָדפריי האָט זיך אַפילו אַריינגעמישט. ער האָט געפרעגט:

„צו וואָס טויג עס אייך. וואָס וועט אייך געבן זיין ווילדער לשון?"

דער אַלטער האָט אָבער געטענהט:

„פאַרוואָס? צייט האָב איך גענוג. וואָס אַרט עס מיך, אַז איך, דער באַרימטער פּראָפעסאָר פון סאַן-פראַנציסקא, וועל ווערן דער תלמיד ביי אַ שלעכטן שילער... עס ווערט מיר לאַנגווייליק, מיין ליבער גאָדפריי."

אַזוי־אַרום איז דער טאַנצפּראָפעסאָר געוואָרן קאַרעפינאַטוס שילער.

דער למוד איז געווען זייער אַן אייגנאַרטיקער. דער שילער פלעגט אָנווייזן מיטן פינגער אויף עפּעס אַ געגנשטאַנד און דער שוואַרצער לערער פלעגט אים זאָגן, ווי עס הייסט דערדאָזיקער געגנשטאַנד אויף זיין לשון.

אין פופצן טעג האָט דער אַלטער טאַנצפּראָפעסאָר זיך אויסגעלערנט פופצן ווערטער. איצט האָט ער געוווּסט, אַז אויף קאַרעפינאַטוס לשון הייסט פייער — „בירסי", הימל — „אַראַקו", האָלץ — „דוראַ", ים — „מערווירא" א. אַז. וו.

דער אַלטער איז געווען אַנטציקט פון דעם איינפאַל. ער האָט געזאָגט צו גאָדפרייען:

„מענטש, זייער גאַנצער לשון באַשטייט פון אַ פערציק־פופציק ווערטער. נאָך אַ צוויי וואָכן — און איך ווער באַרייכערט מיט אַ שפּראַך, וואָס וועט מיר זיכער פאַרשאַפן גרויס כבוד אין די סאַלאָנען פון סאַן-פראַנציסקאָ... איך ווייס אָבער נישט, צי עס וועט מיר באַשערט זיין צו זען נאָכאַמאָל דידאָזיקע



סאַלאָנען... דאָס איז דאָך אַ געטלעכע שפּראַך, מיין טייערער, נאָר לידער צו שרייבן אויף איר..."

פון גרויס דאַנקבאַרקייט צו זיין שוואַרצן לערער, האָט אים טאַרטעלעט גענומען לערנען טאַנצן און די ערשטע עלעמענטאַרע כּללים פון „שיינע מאַנירן..."

דאָ האָט זיך שוין דער שטילער געהאָרזאַמער שילער פאַרוואַנדלט אין אַ בייזן רבין. דער אָרעמער קאַרעפינאָטו איז, נעבעך, אויסגעריסן געוואָרן און האָט נישט געוווּסט, ווי אַזוי צופרידנצושטעלן זיין בייזן מלמד פון טענץ.

ער האָט זיך געבויגן און געדרייט און געפלאָכטן, ווי אַ שלאַנג און דער אַלטער האָט אַלץ געשריען, אַז דאָס טויג אויפן פייער.

טאַרטעלעט האָט אים פשוט פאַרמוטשעט.

אין „ווילי־פאַלאַץ" האָבן געהילכט דעם אַלטנס געשרייען און ווי שווערע שטיינער זענען געפאַלן זיינע זידלווערטער:

„אין אַ פּאָזיציע שטעל דיך, דו כּלב איינער! די פיס רוק פאַנאַנדער, ברענען זאָלסטו, ווי אַ פייער! דעם בויך צי איין, וואָס ביזטו מעוברת, צו אַלדי שוואַרץ יאָר! דעם קאָפּ הייב אויף, אָט אַזוי, געמיינע בריאה, וואָס דו ביזט!"

דעם גאַנצן רבי־פולווער, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין אים, זינט ער איז געבליבן זיצן אויף דער אינדזל פינאַ אָן אַ שטאָך מלאכה, האָט ער איצט אויסגעשאָסן אויף דעם אָרעמען קארעפינאַטון.

גאָדפריי, וואָס האָט נישט געקענט צוזען דידאָזיקע אינקוויזיציע, האָט זיך אָנגענומען פאַרן ווילדן.

„איר מוטשעט אים," — האָט ער זיך אָנגערופן צו טאַרטעלעטן. — „איר באַגייט אַן עוולה דערמיט, וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף אים!"

טאַרטעלעט איז אַריינגעפאַלן אין גרויס גרימצאָרן.

„די טעמפּקייט,“ — האָט ער געשריען, — „איז נאָר גוט, כל זמן זי שווייגט, אָבער אַז זי שפּרינגט אַרויס, מוז מען איר אָפּהאַקן דעם קאָפּ... איך מיין דאָ קיינעם נישט צו באַליידיקן, הגם איך רעד אַ ביסל צו שאַרף... איר מישט אייך און איר זעט אַליין נישט, וואָס דאָ קומט פאָר... איך וויל דאָך דעמדאָזיקן שוואַרצן שד מאַכן פאַר אַ מענטשן... איך וויל אים ציוויליזירן...“

„אָבער די מיטלען אייערע געפעלן מיר נישט,“ — האָט גאָדפריי געזאָגט.

דער אַלטער האָט געברענט פון כעס. ער איז צוגעגאַנגען נענטער צו גאָדפרייען און האָט גראָב געפרעגט:

„וואָס מיינט די טעמפּקייט מיטן וואָרט „מיטלען?“ עס זועט, נאַטירלעך, קיינעם נישט איינפאַלן, אַז איך בין דאָ אויסן עמעצן צו באַליידיקן... מען רעדט נאָר אַזוי...“

ער האָט אַ ווײַלע אָפּגעוואַרט און געזאָגט:

„אַז מען לערנט, טעמפּקייט, מוז מען שטרענג, בפרט נאָך, אַז מען לערנט מיט אַזאַ שוואַרצער בריאה, וואָס פאַרשטייט נאָך ווייניקער פון אַ הונט... איך מוז אים אַרײַן גוט אַריינשלאָגן אין קאָפּ אַריין, ער זאָל וויסן און געדענקען...“

„אָבער ער בעט עס אייך נישט און פאַרלאַנגט עס נישט!“

„ניין, ער מוז עס פאַרלאַנגען!“ — האָט דער אַלטער געשריען.

דאָ איז שוין גאָדפריי צום ערשטן מאָל פלוצלונג אַריינגעפאַלן אין אַ העכערן טאָן:

„און איך וועל אייך, הער טאַרטעלעט, נישט לאָזן מוטשען דעמדאָזיקן עלנטן מענטשן! איך וואָלט אייך בכלל געבעטן, איר זאָלט זיך האַלטן, איך וועל נישט זאָגן העפלעכער, נאָר פּשוט



אָנשטענדיקער, ווען איר רעדט מיט אַ מענטשן... איר ווערט שוין אומדערטרעגלעך, הער טאַרטעלעט!“

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, און באַזונדערס דעם טאָן, מיט וועלכן דידאָזיקע ווערטער זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן, האָט זיך דער ציטריקער טאַרטעלעט אינגאַנצן פאַרלאָרן.

זיך אָנגעכאַפּט מיט איין האַנט פאַרן בויך, האָט ער די אַנדערע האַנט אַרויפגעלייגט אויפן האַרץ און האָט אָנגעהייבן רעדן זיס און נאָכגיביק:

„אָ, מיין טייערער, מיין גוטער גאָדפריי, איך מיין, חלילה, קיינעם נישט צו באַליידיקן... זייט איך האָב אויף אַן אומגליקלעכן אופן פאַרלאָזט סאַן-פראַנציסקאָ, האָב איך פאַרלאָרן פון דער צונג דאָס שיינע איידעלע וואָרט... אמת, איך רעד צו שאַרף און אַמאָל אפשר צו גראָב... אָבער איך בין קיינמאָל נישט אויסן עמעצן צו באַליידיקן... גאָט זאָל מיך אָפּהיטן! איך בין אַן אַלטער פּראָפעסאָר פון שיינע מאַנירן און איך ווייס דעם ווערט פון אַ באַליידיקונג...“

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. אַ מוטנע טרער האָט אים אויסגעלאָשן דעם ציטערדיקן גלאַנץ פון די אויגן. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

גאָדפריי האָט אויך געשוויגן. דער אַלטער האָט אָבער לאַנג נישט געקענט אויסהאַלטן און האָט זיך אָנגערופן מיט אַ וואַרעם חניפהדיק שטימעלע:

„אָבער דעם נעגער מעג איך ווייטער לערנען?... ס'איז דאָך אַ שאָד, ער וועט האָבן אַ גרויסע פעולה ביי מיר...“

„צו וואָס דאַרף ער עס?“ — האָט גאָדפריי געפרעגט. — „אין זיין לעבן וועט ער נישט האָבן צו טאָן מיט קיין סאַלאָנען...“

„מען קען דאָך נישט וויסן“, — האָט זיך דער אַלטער געבראָכן פון חניפה פאַר גאָדפרייען. — קיין מענטש, אפילו אַ

שוואַרצער, קען נישט זאָגן פֿאָרויס, וואָס איז זיין גורל. אָט איז ער גראָד אַריינגעפֿאַלן צו אונדז, ווייסע מענטשן, אין די הענט, און איינער פֿון דידאָזיקע ווייסע מענטשן איז דווקא אַ באַוווּסטער פּראָפֿעסאָר פֿון טענץ און שיינע מאַנירן... קען מען דען עפּעס פֿאָרויסזען? דער גורל האָט זיינע וועגן, און קיין ילוד אשה קען זיי נישט וויסן.״

ער האָט אַרויסגעקריגן פֿון גאָדפֿרייען אַ דערלויבעניש צו לערנען ווייטער מיטן נעגער, און כּדי צו ווייזן, אַז ער האָט נישט בדעה צו פּייניקן זיין תּלמיד, האָט ער גענומען שפּילן אַ פֿריילעכס, אַ לעבעדיקס, און געוויזן קאַרעפֿינאָטון, ווי אַזוי צו באַוועגן מיט די שוואַרצע פֿיס לויטן טאַקט פֿון די קלאַנגען.

דער נעגער האָט שוין איצט געטאַנצט און געלאַכט. די לעבעדיקע קלאַנגען פֿונעם פֿידעלע האָבן אים דערוואַרעמט די ווילדע בלוטן.

פֿון דעמאָלט אָן איז דער אַלטער זיך ווייכער באַגאַנגען מיט זיין שילער.

גאָדפֿריי האָט פֿונדעסטוועגן פֿון צייט צו צייט זיך דערמאנט אין בער. ער האָט נישט געקענט פֿאַרשטיין, ווו איז עס נעלם געוואָרן מיטאַמאָל אָט דאָס גרויסע געפֿערלעכע באַשעפֿעניש. זאָל ער זיין טויט, האָט מען באַדאַרפֿט געפֿינען זיין גוף; זאָל ער, ווידער, לעבן, טאָ ווו איז זיין נאָרע? ווו באַהאַלט ער זיך אויס?

עפּטער האָט אים גאָדפֿריי אַרומגעזוכט אין די שטילע וועלדער פֿון דער אינדזל פֿינאַ, אָבער ער האָט ערגעץ קיין זכר נישט געפֿונען פֿון אַ בער אָדער אַ בערישער משפּחה.

סוף אָקטאָבער האָט זיך געענדערט דער קלימאַט אויף דער אינדזל.



די זון האָט זיך אָפּגעקערט העכער, עס זענען אַרויסגעפֿאַלן קאַלטע רעגנס. שאַרפֿע צפֿון-ווינטן האָבן געטרייסלט די בלעטער פֿון די ביימער. אין „ווילי-פּאַלאַץ״ איז געוואָרן קאַלט.

גאָדפֿריי האָט געטראַכט פֿון אַן אויוון. אָפּקצושטעלן אַן אויוון איז נישט געווען פֿון די שווערע זאַכן. שווער איז נאָר געווען אויסצוקאָמבינירן דעם קוימען. ווי אַזוי וועט מען אַרויסלאָזן דעם רויך — אָט דאָס איז געווען אַ האַרבע פֿראַגע.

דער יונגער מיליאָנער האָט זיך לאַנג געבראָכן דעם קאָפּ איבער דעם, ביז ער האָט באַשלאָסן, צו מאַכן דעם קוימען פֿון אַ לאַנגן דיקן באַמבוקשטעקן, וואָס זאָל אַרויספֿירן דעם רויך דורך דער קאָרע-וואַנט פֿון בוים.

האָט ער עס נאָר באַשלאָסן, האָט מען זיך גלייך גענומען צום אויוון. געאַרבעט האָט ער מיט קאַרעפֿינאָטון. טאַרטעלעט איז נאָר געשטאַנען ביי דער זייט און האָט גאָר אָנגעקוואָלן פֿון דעם געדאַנק, אַז מען בויט דאָ עפּעס אַזוינס, פֿון וואָס עס וועט ווערן וואַרעם אין „שטוב״.

אויפֿגעשטעלט דעם אויוון האָט מען פֿון מיטעלע צוגעקליבענע שטיינדלעך, וואָס זענען באַהעפֿט געוואָרן איינער מיטן אַנדערן דורך פֿעסטן ליים.

אַזוי־אַרום איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן אַ גאַנץ אַנשטענדיקער אויוון, נישט ווייט פֿון די בעטן. נאָכדעם האָט מען אַריינגעשטעלט דעם באַמבוקענעם קוימען, וואָס איז פֿריער גוט אויסגעהוילט געוואָרן פֿון אינעווייניק.

אין דעם אייגענעם טאָג, פֿאַרנאַכט, האָט מען געפּרוּווט צום ערשטן מאָל איינהייצן דעם נייעם אויוון.

אַ פֿריילעך פֿייער האָט אויפֿגעהייבן רויטע צונגען. עס איז געווען אַנגענעם צו קוקן אויף זיי. אַ וואַרעמקייט האָט זיך צעשפּרייט אין „ווילי-פּאַלאַץ״.

טאַרטעלעט האָט זיך גאָר צעגאָסן פון התפּעלות.

ער האָט געכאַפּט אַ טענצל מיט זיינע צרהדיקע פיס און האָט אַוועקגעשלעפּט אין טענצל דעם שוואַרצן קאַרעפינאָטו.

„עס איז דאָך אַ מחיה!" — האָט דער אַלטער געשריען. — „נישטאָ קיין בעסער ווינקעלע אויף דער גאַנצער וועלט, ווי דאָ, ווען נישט דער איינציקער חסרון, וואָס קאָסט מיר אַ סך געזונט..."

„וואָסער חסרון," — האָט גאָדפריי געפרעגט.

„דער פּחד!" — האָט טאַרטעלעט געזאָגט. — „אַלע ווייטיקן קען איך פאַרטראָגן, אָבער נישט דעם ווייטיק פון מאָגן... איך מוז עסן, מיין ליבער גאָדפריי, אָבער בשעת איך לייד אויפן מאָגן, קאָן איך נישט עסן..."

ער האָט זיך געוואָלט אַריינלאָזן אין אַ לאַנגן שמועס וועגן פּחד און וועגן דער אומבאַקוועמלעכקייט און פיינלעכקייט פון דעמדאָזיקן געפיל, אָבער דערזעענדיק דאָס פריילעכע פייער, וואָס האָט געקנאַקט אין אויוון און פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ געמיטלעכע וואַרעמקייט, האָט דער אַלטער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און ווייטער גענומען טאַנצן, שלעפּנדיק דעם נעגער אויך מיט זיך.

צוליב די רעגנס און דעם שלעכטן וועטער איז מען געווען געצוווּנגען צו זיצן אין שטוב, ווו עס איז געווען וואַרעם און געמיטלעך. אָבער אַז עס האָבן גענומען אויספעלן די קאַמאַס-וואָרצעלעך, איז גאָדפריי אַוועק מיטן נעגער ווייט אין וואַלד אַריין, און דער אַלטער טאַרטעלעט, וואָס האָט מורא געהאַט פאַר אַ ווינט, איז געבליבן זיצן אין שטוב.

עס איז געווען שווער צו גיין. די רעגנס האָבן קאַליע געמאַכט דעם באָדן. די שאַרפע ווינטן האָבן געשמיסן אין פּנים אַריין און פאַרקראָכן אין האַלדז, אין די אַרבל.



אָנגעקליבן אַ פּאָר זעק מיט קאַמאַס-וואָרצעלעך, איז מען אַוועק צוריק אַהיים. ביידע זענען געווען באַוואָפנט. דער נעגער איז געגאַנגען פאָרויס, גאָדפריי הינטער אים.

עס איז געווען שטיל, נאָר דער ווינט האָט פון צייט צו צייט אַ ריס געטאָן די בלעטער פון די ביימער און האָט זיי שאָרכנדיק צעשפּרייט אינדערלופטן.

ביידע זענען געגאַנגען און געשוויגן.

זיך אַריבערגעפּעקלט איבער אַ קליין טונקל טייכל, וואָס איז געלאָפן פאָרויס מיט אָנגעברוגזטע כוואַליעסלעך, איז גאָדפריי פּלוצלונג געבליבן שטיין, אַ צוגעשמידטער צו דער ערד.

„אַ טיגער!" — האָט ער שאַרף אַ שעפּטשע געטאָן צו זיין שוואַרצן חבר.

נישט ווייט, לעבן אַ בוים, איז געזעסן אַ גרויסע חיה און פון אירע אויגן איז געפאַלן עפּעס אַן אויסטערליש ליכט, פונקט ווי עס וואָלטן איר געברענט אונטערן שטערן צוויי קליינטשקע געלע לעמפּלעך...

גאָדפריי האָט זיך גאָרנישט פאַרלאָרן. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד און האָט אויסגעשאָסן.

דער טיגער האָט אַ שפּרונג געטאָן אינדערהויך, אָפּגעטרייסלט מיטן גרויסן קאָפּ, זיך אָפּגענאָסן און האָט גענומען פּאַוואָליע אָפּטרעטן.

אין דער מינוט האָט קאַרעפינאָטו אַרויסגעכאַפּט זיין לאַנגן מעסער פון גאַרטל און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום אַוועקגייענדיקן טיגער.

גאָדפריי האָט אים געוואָלט פאַרהאַלטן, דער נעגער האָט אים אָבער נישט געהערט. ער איז געלאָפן פאָרויס מיטן מעסער אין האַנט.

איז אים גאָדפריי נאָכגעלאָפן

קאַרעפּינאָטו האָט אָבער באַוויזן צו כאַפּן דעם טיגער פאַרן גאָרגעל. עס האָט זיך אָנגעהייבן אַ קאַמף צווישן מענטש און חיה...

דער ווילדער קאַרעפּינאָטו איז אָבער אַליין געווען אַ שטיק חיה. ער האָט ווילד אַ בליץ געטאָן אינדערלופטן מיטן מעסער און האָט אים אַריינגעזעצט דעם טיגער אין האַלדז.

דער טיגער האָט זיך אָנגעהייבן קוילערן באַרג אַראָפּ (דאָס איז געשען אויף אַ בערגל) און, אַ טויטער, האָט ער זיך אריינ-געקוילערט אין טייכל אַריין. די בייזע שנעלע שטראָמען האָבן אים באַלד אויפגעכאַפּט און אַוועקגעטראָגן אין ים אַריין...

נאָכדעם האָט קאַרעפּינאָטו זיך אַרומגעווישט דעם שווייס און גענומען שמייכלען מיט זיינע בלענד-ווייסע ציין.

ער האָט געגעבן צו פאַרשטיין גאָדפּרייען, אַז אויפן אינ-דזעלע, וואָס זעט אויס צו זיין גאָר אַן אומשולדיקס, שווימלט און גריבלט פון בייזע פאַרצוקערס, פון בלוטדורשטיקע חיות.

גאָדפּריי האָט זיך ערנסט פאַרטראַכט און ער איז אַפילו נישט אַרויסגעקראָכן פון זיינע רעיונות, ווען ער איז געקומען מיט די קאַמאַס-וואָרצעלעך אין „ווילי-פּאַלאַץ."

דערהערט פון דער געשיכטע מיטן טיגער, האָט זיך דער טאַנצפּראָפעסאָר תיכּף ומיד אַ כאַפּ געטאָן פאַרן בויך. דער מיטאָג איז שוין געווען אַ פאַרפאַלענער פאַר אים. אָבער דאָס גאַנצע לעבן איז אים שוין נמאס געוואָרן.

„דער פּחד וועט מיך אויפעסן, און איך וועל שטאַרבן פאַר דער צייט!" — האָט ער זיך געקלאָגט. — „ווּהין האָט מיך דער גראָבער קאַלדערופּ, זאָל ער איינעמען אַ מיתה משונה דאָרט, ווּ ער איז, פאַרשיקט און פאַרשטויסן! וואָס האָט ער געהאַט צו מיר, דערדאָזיקער גראָבער פּעמפּיק?... למאי האָט ער מיט נישט



פאַרגונען דאָס ביסל יאָרן, וואָס איך האָב געהאַט צו לעבן אין סאַן-פראַנציסקאָ?

דער אַלטער האָט אויפגעהייבן מיט אַ טאָן העכער, נאָכ-דעם, ווי ער האָט צוגעלייגט אַ קאָמפּרעס צום בויך.

ער האָט שוין געשריען:

„הער גאָדפּריי, איר וועט זיך באַליידיקן פאַר אייער פּע-טער, ס'איז מיר שוין אַלצאיינס... איך האַלט שוין בכלל נישט פון אַ קאָנטראָל איבער דער צונג... סיי ווי סיי וועלן מיר אַלע שטאַרבן, נישט היינט, איז מאָרגן, און אויב נישט מאָרגן, איז איבערמאָרגן... עמעץ וועט אונדז שוין פאַרצוקן, איר קענט זיין זיכער. צי אַ לייב, צי אַ טיגער, צי אַ בער, צי גאָר אַ ווילדער מענטש פון קאַרעפּינאָטוס משפחה... טאָ צו וואָס זאָל איך ציילן די ווערטער און היטן די צונג און שאַנעווען דעם מערדער און דעם רוצח פון סאַן-פראַנציסקאָ..."

„אייגנטלעך, וואָס ווילט איר?" — האָט אים גאָדפּריי אַ פרעג געטאָן. — „איך פאַרשטיי אייך נישט."

דער טאַנצפּראָפעסאָר איז אַרויס פון די כּלים און האָט גענומען שאַרף אָנגרייפן דעם יונגן מיליאָנער.

ער האָט געזאָגט:

„מיט דער טעמפּקייט רעדט מען קלאָרע דבורים, מיט דער טעמפּקייט צאַצקעט מען זיך נישט... און ווען זי פאַרשטייט נישט און פרעגט מיך, וואָס איך וויל, זאָג איך איר, אַז איך וויל דורכאויס אַנטלויפן פונדאַנען... איך קען, טעמפּקייט, (באַ-ליידיקט אייך יאָ, באַליידיקט אייך נישט! אַז עס טוט מיר ווי דער בויך פון פּחד, טראַכט איך נישט פון אַזוינע זאַכן!) שטאַרבן פון אַלע טויטן אין דער וועלט, איך וויל אָבער נישט שטאַרבן אין פּיסק ביי אַ טיגער, צי ביי אַ בער אָדער גאָר ביי קאַרעפּינאָטוס

אַ ברודער... איך טאָר נישט דערלאָזן דערצו. איך מוז אַנט־לויפן פונדאַנען!"

ווּהין וועט איר אָבער לויפן, הער טאַרטעלעט?" — האָט האָט גאָדפריי רויִק געפרעגט.

ער האָט איצט רחמנות געהאַט אויפן אַלטן טאַנצפּראָפעסאָר, פּילנדיק, ווי יענער ליידט שטאַרק פון בויכווייטיק.

„אָט דאָס איז טאַקע די פראַגע!" — האָט דער אַלטער געזאָגט מיט גרויס פאַרצווייפלונג און זיך שיער נישט צעוויינט.

וואָס אַן אמת, איז אַן אמת, אויף דער אינדזל איז טאַקע געוואָרן זייער שלעכט.

פון איין זייט — דאָס שלעכטע וועטער, פון דער אַנדערער זייט — די חיות.

גאָדפריי האָט נישט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט מען זיי ביזאַהער נישט געזען און פאַרוואָס האָבן זיי זיך איצט פּלוצלונג באַוויזן.

עפּעס זעט עס מיר אויס, ווי אַ כּישוף," — האָט ער זיך געזאָגט. — „פּלוצלונג, מיטאַמאָל, גאָר אומגערכיט, האָבן זיך באַוויזן ווילדע בלוטדורשטיקע חיות אויף דער אינדזל פינאַ. פונוואַנען קומען זיי אַהער, וווּ האַלטן זיי זיך אויף, וווּ זענען זייערע נאָרעס? פאַרוואָס האָב איך קיינמאָל נישט געפונען קיין נאָרע פון אַ בלוטדורשטיקער חיה?"

וואָס האָבן אים אָבער געהאָלפן דידאָזיקע פראַגן — קיין ענטפער האָט ער אויף זיי נישט געפונען.

ער פּחד פאַר די חיות איז אין פלוג געווען אַ טאָפּעלער: אי פאַר זיך, אי פאַר די הויז־חיות און עופות. ווען זייער לעבעדיקער פּראָוויאַנט זאָל, אַ שטייגער, פאַרצוקט ווערן, וועלן זיי שטאַרבן פון הונגער. דאָ מוז מען כּסדר היטן נישט בלויז זיך, נאָר אויך דעם לעבעדיקן פּראָוויאַנט. צי קען מען זיך



אָבער איינהיטן פאַר אַ טיגער אָדער אַ לייב? איינמאָל, צוויי־מאָל קען עס געלינגען, אָבער אַ דריט מאָל מוז מען אומבאַדינגט אַריינפאַלן צו זיי אין פּיסק אַריין, אויך קיין שום געווער וועט דאָ נישט העלפן.

קעגן די חיות איז אייגנטלעך געווען בלויז איין מיטל: אַרומצוימען מיט אַ הויכן פּאַרקאַן דעם גאַנצן שטח אַרום דעם „ווילי־פּאַלאַץ."

דאָס איז אָבער געווען זייער אַ גרויסע און זייער אַ שווערע אַרבעט. מען האָט געדאַרפט אויסהאַקן אַ מאַסעביימער און נאָכדעם זיי צעזעגן אויף איינציקע קלעצער. די לאַגע איז אָבער געווען אַזאַ, אַז מען האָט זיך געמוזט נעמען פאַר דער־דאָזיקער אַרבעט.

אַפילו טאַרטעלעט האָט אויך איינגעפונען, אַז דאָס איז דאָס איינציקע מיטל און עס איז אים לייכטער געוואָרן אין בויך, ווען ער האָט דערהערט, אַז מען האַקט די ביימער אין וואַלד. אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַזויאַרום איז ער פאַרזיכערט פון די געפערלעכע פאַרצוקערס.

אַרבעטנדיק אינדרויסן, איז מען איצט געווען געוואַלדיק אָנגעשטרענגט. מען האָט מורא געהאַט פאַר די שטילע גנבישע טריט פון אַ טיגער, אָדער אַ לייב, אָדער אַ בער...

מען האָט אויך געאַרבעט מיט שווייס, ווי עס אַרבעטן טאָגאַרבעטער ערגעץ אין אַ האַפן.

זעקס טעג האָט געדויערט, ביז מען האָט אָנגעהאַקט גענוג ביימער און ביז מען האָט זיי אָפּגערייניקט פון די צווייגן. איצט האָט מען געדאַרפט אויפשטעלן דעם פּאַרקאַן.

דידאָזיקע אַרבעט האָט זיך פונדאָסניי אָנגעהייבן. אין „ווילי־פּאַלאַץ" האָט טאַרטעלעט געהערט, ווי מען קלאַפּט און מען זעגט נישט ווייט אינדרויסן. ער איז דאָך געווען בייז און

יעדעס מאָל, ווען די האַק האָט אַ צו שטאַרקן קלאַפּ געטאָן אינדרויסן, איז אים אומגערן אַראָפּגעפּאַלן פון דער צונג אַ קללה אויפן אַדרעס פון קאַלדערופן.

„זאָל אים אַזוי דאָרטן האַקן אין קאָפּ, דעם גראָבן פּעמפּיק, ווי עס האַקט מיר אין בויך, גאָטעניו...”

די אַרבעט איז אָבער אינמיטן פּלוצלונג איבערגעריסן געוואָרן. קאַרעפינאָטו, וואָס האָט געהאַט עפּעס אַן אַרבעט אויפן שפּיץ פון אַ הויכן בוים, האָט גענומען שרייען נישט מיט זיין קול.

דערהערט דידאָזיקע מאוימדיקע קולות, האָט גאָדפריי אַ כאַפּ געטאָן זיין פעלדשפּאַקטיוו און האָט גענומען קריכן אויפן בוים — אַרויסהעלפן דעם נעגער. און דאָרט, אויבן, אויפן שפּיץ, האָט אים דער נעגער אָנגעוויזן אויף אַ רויך, וואָס האָט זיך געצויגן פון דער ערד צום הימל.

גאָדפריי האָט בלויז אויסגעשריען:

„שוין ווידער אַ רויך?!”

און האָט באַלד אַריינגעקוקט אין פעלדשפּאַקטיוו.

ער האָט דייטלעך געזען אַ רויך. קענטיק, אַז דאָס פייער איז נישט ווייט פאַנאַנדערגעלייגט געוואָרן: ביי אַ פינף קילאָמעטער פון „ווילי-פּאַלאַץ”.

גאָדפריי האָט אַראָפּגענומען דעם שפּאַקטיוו פון די אויגן און האָט אָנגעקוקט דעם נעגער. דער נעגער, ווידער, האָט אָנגעקוקט דעם יונגן מיליאָנער. ביידע האָבן געשוויגן אַ ווײַלע.

צולעצט האָט גאָדפריי געזאָגט:

„מען דאַרף קיין פּחדן נישט זיין און מען דאַרף גיין אַ קוק טאָן, ווער וואַרעמט זיך עס דאָרטן ביים פייער? אַ פריינט, צי אַ פיינט?”



דורך. רמזים האָט ער דעם נעגער איבערגעגעבן דידאָזיקע ווערטער.

דער נעגער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — ער איז מסכים מיט גאָדפרייען.

„בעבע-טע!” — האָט ער געזאָגט.

דאָס הייסט: מען דאַרף גיין.

ביידע האָבן אַוועקגעוואָרפן די אַרבעט ביים פאַרקאַן און זענען אַריין אין „ווילי-פּאַלאַץ”. גאָדפריי האָט דערציילט טאַרטעלעטן, פון רויך. דער טאַנצפּראָפעסאָר האָט גענומען פאָכן מיט די הענט, ווי מיט פליגלען.

„דערציילט בעסער נישט!” — האָט ער געשריען. — „איך קען שוין דעם רויך פון דידאָזיקע אינדזלען, פאַרכאַפּט זאָל ער ווערן! עס שמעקט מיט פולווער און מיט טויט. עס הייבט זיך שוין ווידער אָן!...”

„מען מוז אָבער גיין אַ קוק טאָן. מען מוז מאַכן אַ קליינע אויספאָרשונג,” — האָט גאָדפריי געזאָגט. — „אויף אַזאַ אינדזל קען מען נישט רוען, הער טאַרטעלעט. עס מאַכן זיך כסדר פאַסירונגען... ראָבינזאָן האָט אויך נישט גערוט...”

„יאָ, וואָס וויל מען אָבער פון מיר?” — האָט זיך דער אַלטער געקלאָגט.

גאָדפריי האָט געזאָגט:

„קיינער פאַרלאַנגט פון אייך גאָרנישט. איך פרעג אייך נאָר, צי ווילט איר אויך גיין מיט אונדז?”

דער אַלטער האָט ווידער גענומען פאָכן מיט די הענט, ווי מיט פליגלען.

„גייט אייך געזונטערהייט אָן מיר! גייט אייך! גייט אייך! איך האָב פיינט די שיסערייען מיט די קולות. איך האָב שוין אַזוי אויך נישט קיין מאָגן פון דעם...”

„וועט איר וואַרטן דאָ אויף אונדז?" — האָט גאָדפריי געפרעגט.

„וועל איך וואַרטן דאָ אויף אייך!" — האָט דער אַלטער בייז געענטפערט.

גאָדפריי מיט קאַרעפּינאַטון זענען אַוועק צום רויך, מיט־נעמענדיק מיט זיך ביקסן און קוילן. דער נעגער האָט נאָך אויך מיטגעשלעפּט מיט זיך זיין לאַנג יעגערמעסער, מיט וועלכן ער האָט זיך נישט געקענט צעשיידן אפילו אין שלאָף.

דאָסמאָל זענען זיי נישט געגאַנגען פאָרזיכטיק און פּאַ־וואָליע, ווי אַלעמאָל, נאָר זענען ממש געלאָפן אין איין אָטעם, און איינער האָט געהערט, ווי עס קלאַפּט ביים צווייטן דאָס האַרץ.

זיי זענען געגאַנגען גלייך צום רויך. פריער האָבן זיי געזען זיין אויבערשטן טייל, שפּעטער דעם מיטלשטן, און אָט זענען זיי כמעט ביים סאַמע אונטערשטן טייל — דאָס הייסט ביים פייער...

גאָדפריי האָט אומגעדולדיק אַ קלאַפּ געטאָן קאַרעפּינאַטון מיטן עלנבויגן. דאָס האָט געהייסן, אַז מען דאַרף גיין גיכער. קאַרעפּינאַטו האָט טיף איינגעאָטעמט, און ביידע האָבן גענומען לויפן פאָרויס, ווי בשעת אַן אַטאַקע.

זיי זענען צוגעשפּרונגען צום רויך, ווי די מחבלים. אויף דער ערד האָט נאָך געטליעט דאָס פייער. עטלעכע טרוקענע צווייגן האָבן צוגעקנאַקט. אָבער קיין איין מענטש איז דערביי נישט געווען...

„עמעץ איז דאָ נאָר וואָס געווען און איז אַנטלאָפן גע־וואָרן..." — האָט גאָדפריי געזאָגט און געקוקט אַרום זיך אַ מבולבלער. — „אָט אָקאָרשט געווען... איך פיל נאָך זיין אָטעם... וואָס קען עס זיין?.. ווי דערקלערט מען זיך עס?"

דער נעגער האָט אַ וואָרט נישט פאַרשטאַנען פון דעם,



וואָס גאָדפריי האָט גערעדט. אָבער ער איז אויך געווען זייער צעמישט און צעטראָגן. אין זיין שוואַרצן קאָפּ האָט זיך אויך אַרומגעבאָמבלט די פראַגע:

„וואָס קען עס זיין?"

דאָס פייער האָט געטליעט לעבן אַ הויכן שטיין אויף אַ בערגל. ביידע האָבן גענומען נישטערן מיט די אויגן די אַרומיקע שטחים. זיי האָבן געמאַכט אַ מין „אָבלאַווע", געזוכט, געפאָרשט, געגראָבן אפילו אין דער ערד, אָבער גאָרנישט געפונען.

עס איז נישט געווען קיין זכר פון מענטשן.

שטאַרק אַנטוישטע און פאַרביטערטע, זענען זיי אַוועק צוריק אין „ווילי־פּאַלאַץ".

אין וועג האָט גאָדפריי דערהערט עפּעס אַ מאָדנעם קלאַנג, וואָס האָט זיך געצויגן ערגעץ פון דער ערד.

קאַרעפּינאַטו האָט אים אָנגעדריקט ביים אָרעם. דער ווילדער האָט נישט גערעדט. גאָדפריי האָט זיך אומגעקוקט: אין דעם מאָמענט האָט זיך האַסטיק אַוועקגעגליטשט אַ גרויסע שלאַנג...

„יאָ, נאָר שלאַנגען האָבן דאָ געפעלט!" — האָט שוין גאָדפריי געוואָרטשעט, ווי דער אַלטער טאַרטעלעט. — „אַ רויִק אינדזעלע, נישטאָ וואָס צו רעדן..."

דאָס איז געווען אַ ריזנגרויסע קלאַפּערשלאַנג, איינע פון יענע שטאַרקע גיפטיקע שלאַנגען, וואָס אין אירע אייזערנע רינגען געפינט דעם טויט אפילו דער שיינער מלך פון די חיות— דער לייב...

גאָדפריי האָט זי דערקענט פון אירע פאַרבן, פון אירע קלאַפּעדיקע באַוועגונגען.

„אַנטלויפן!" — האָט ער אַ ווונק געטאָן קאַרעפּינאַטון און

נערוועיִש אַ ווייז געטאָן מיט דער האַנט אין דער ריכטונג צו דעם „ווילי־פּאַלאַץ”... — גיכער, גיכער לאָמיר לויפן!...

זיי זענען איצט געלאָפן אַ היים, ווי משוגעים, מיט אַרויסגעשטאַרצטע אויגן, מיט סאַפּענדיקע נעז...

אָבער אַז זיי זענען אַרויפגעלאָפן אויפן בריקל, וואָס איז געווען איבערגעוואָרפן איבער אַ קליינעם טייכל, האָבן זיי זיך נישט ווילנדיק צוגעשטעלט אויף אַ רגע: פונם „ווילי־פּאַלאַץ” האָבן זיך דערטראָגן מוראדיקע געשרייען, שרעקלעכע געוואַלדן, האַרצרייסנדיקע קולות און יללות, אַזוי, אַז אין דער גאַנצער לופט האָט זיך דערפילט עפּעס אַן אימה און אַ פּחד.

„דאָס איז טאַרטעלעט!” — האָט גאָדפריי אויסגערופן און איז באַלד בלאַס געוואָרן. — לאָמיר לויפן, לויפן!!” — האָט ער געשריען צום נעגער.

ביידע האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן מיט איין אָטעם צום „ווילי־פּאַלאַץ”.

זיי האָבן אָבער פאַרשפּאָרט צו לויפן. פון בוים איז אַרויסגעשפּרונגען טאַרטעלעט, אַ באָרוויסער, מיט אַן איבערגעדרייטן פּנים פון טויטשרעק, מיט שטייענדיקע שיטערע האָר אויפן קאָפּ, ווי טשוועקעס, און הינטער אים איז געלאָפן אַ קראָקאָדיל מיט אַן אָפענעם רויטן פּיסק, וואָס האָט געקענט איינשלינגען אַ גאַנץ הויז...

דערדאָזיקער קראָקאָדיל איז, אַפּנים, געקומען אַהער מיטן וואַסער פון טייכל.

דער טאַנצפּראָפעסאָר האָט, קענטיק, נישט געזען וווהין ער לויפט און נאָך וואָס ער לויפט. ער איז געווען משוגע, דעת קאָפּ האָט אים געברענט, און אָט האָט ער גענומען און איז גאָר אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד — דער קראָקאָדיל זאָל אים טאַקע דאַ אויפן אָרט איינגעשלינגען...



עס איז געווען די געפערלעכסטע מינוט. דער טאַנצפּראָ־פעסאָר האָט באַדאַרפט ווערן אַ „קאָטלעט” ביים קראָקאָדיל.

אין דעם טראַגישן מאָמענט אָבער האָט זיך גאָדפריי, דער יונגערמאַן, גאָדפריי, דער מענטש פון ספּאָרט און גימנאַסטיק, געשטאַרקט. דאָס האַרץ האָט אים נאָר עטוואָס געציטערט, אָבער נישט די הענט. און, אַ געשטאַרקטער, מיט פאַרביסענע ליפּן, האָט ער אויפגעהייבן די ביקס און האָט אויסגעשאָסן דעם פאַרזעעניש אין די אויגן אַריין.

דאָס פאַרזעעניש האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און האָט זיך איבערגעקערט...

קאַרעפינאָטו האָט באַלד אויפגעהייבן דעם אַלטן טאַנצ־מייסטער.

דער לעצטער איז נאָך געווען גוט משוגע, וואָרים ער האָט צעצויגן די בלויע ליפּן און האָט איבער דער גאַנצער אינדזל אויסגעקרייעט, ווי אַ האָן:

„קוקערעקו!”...

רעדן מיט אים האָט מען נישט געקענט. מען האָט אים געמוזט פירן ביים אָרעם, ווי אַ חתן־בחור, אין „ווילי־פּאַלאַץ”.

דאָרט האָט מען געגאָסן אויף אים קאַלט וואַסער, געריבן אים ביי די שלייפן, געגעבן אים צו שמעקן טראָפּנס, און אין אַ שעה אַרום האָט ער זיך באַרויִקט. און נאָכמער ווי באַרויִקט: ער האָט זיך אַוועקגעזעצט פרעסן מיט אַזאַ קנאַק און מיט אַזאַ מאָלן מיט די קינבאַקן און מיט די דזיאָסנעס, אַז אפילו דער נעגער איז אַרויסגעשפּרונגען פון טיש.

דאָסמאָל האָט זיין מאָגן נישט געליטן פון פּחד.

נאָכן עסן האָט ער זיך אָנגערופן מיט געציילטע ווערטער:

„ניין, די וועלט מעג אונטערגיין, און מיר מוזן אַוועק־פאָרן פונדאַנען!...”

# קאַפּיטל אכצן.

קאַרעפּינאַטאָ גיט מאָדנע דערקלערונגען.—מען ענדערט די וווינונג.—נייע פּלענער.—דער געוואַלדיקער קאַמף מיט בלוטדורשטיקע חיות.—אַ מוראדיקע שׂריפה. —

עס האָט זיך געשטאַרקט דער ווינטער. דרויסן איז אַרויסגעפאַלן דער ערשטער פראָסט. מאַנכע טייכלעך זענען איינגעפראָרן.

דער הויכער פּאַרקאַן, וואָס באַדאַרף זיין אַ שוץ פאַר די ראָבינזאָנס, איז דאָך פאַרענדיקט געוואָרן, און דאָס איינציקע טירל פאַרן פּאַרקאַן איז פאַרהאַקט געוואָרן מיט אַן אייזערנעם פּרענט.

מען האָט איצט גוט געהיט די ביינער. אָבער עס איז סיי ווי געווען רויִק. דאָס רוב איז מען געזעסן אין בוים. אינדרויסן איז געווען שרעקלעך קאַלט און ווינטיק — די נאָז בישט אַרויסצושטעקן.

מען האָט זיך אָנגעפּעלצט וואַרעם און מען האָט זיך געסטאַרעט גוט צו עסן. אָבער פון דעם צו גוטן עסן איז מען



געקומען צו זייער אַ טרויעריקן סך-הכל: דער פּראָוויאַנט האָט זיך אויסגענומען...

עס האָט גענומען טאָגן אין קעלער. דאָס פלייש פון די טשערעפּאַכעס איז אויפגעפרעסן געוואָרן... עס זענען געווען צוויי מענטשן, וואָס האָבן געקענט עסן ממש פאַר צען מענטשן. דאָס איז געווען דער טאַנצפּראָפעסאָר מיטן נעגער. אַ גליק איז געווען, וואָס ביי דעם אַלטן טאַנצמייסטער פלעגט אָפט קאַליע ווערן דער מאָגן פון פחד, אַנישט, וואָלט שוין לאַנג געווען אַ סוף פון גאַנצן פּראָוויאַנט...

צו אַלע צרות און שלעק איז גאָדפריי נאָך אויך קראַנק געוואָרן. ער האָט געפּאַקט אַ שווערן פיבער, איז געלעגן אין היץ, און נאָר אַ דאַנק די רפואות, וואָס מען האָט געפונען אין טשעמאָדאַן, איז דער יונגער מיליאָנער געזונט געוואָרן.

דער גאַנצער דאָקטאָר אָבער איז געווען קאַרעפּינאָטאָ. דער נעגער האָט אָפּגעהיט דעם חולה, ווי דאָס אויג אין קאָפּ, און האָט צוליב אים קיין נעכט נישט געשלאָפן.

וועגן טאַרטעלעטן קען מען עס, ליידער, נישט זאָגן. דער אַלטער טאַנצמייסטער, וואָס האָט זיך פאַר אַלץ געשראָקן, האָט מורא געהאַט פאַר אַן אָנשטעקונג און האָט זיך אַזוי ווי אויסבאַהאַלטן פון חולה...

אין „ווילי-פּאַלאַץ" איז איצט געווען זייער נישט היימלעך. עס איז געווען קאַלט און אומעטיק און פּאַסקודנע. דער דעצעמבער האָט געבראַכט אַזוינע פרעסט, וואָס וואָלטן זיך גיכער געפּאַסט פאַרן צפון-פּאָל, איידער פאַרן „שטילן" אינדזעלע אין שטילן אָקעאַן.

גאָדפריי איז געזונט געוואָרן, אָבער מען האָט נישט געהערט קיין געלעכטער אין „ווילי-פּאַלאַץ". די קעלט האָט אַלעמען געלייגט אין דר׳ערד. טאַרטעלעט האָט פאַראומערט דאָס

לעבן מיט זיין אָיקען און קרעכצן. דערדאָזיקער העסלעכער עגאָאיסט האָט נאָר געטראַכט פון זיך און פון זיין מאָגן. ווייטער איז אים גאָרנישט אָנגעגאַנגען. איצט האָט ער געהאַט לאַנגע טענות צו דער וועלט און צו גאָדפּרייען, למאי עס איז קאַלט, למאי מען קען נישט דערהייצן דעם בוים, למאי עס איז צרות מיטן פּראָוויאַנט...

„די טעמפּקייט קומט אַלעמאָל צו אַ וואַנט און בלייבט שטיין," – האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ שטאָך צו גאָדפּרייען.– „איצט איז אַלץ אין דר'ערד!.. כאָטש נעם און הענג זיך אויף! אָבער איך וויל דאָך נאָך לעבן און קיינער טאָר מיר נישט שטערן דערין! דער, וואָס שטערט מיר צו לעבן, באַגייט דעם גרעסטן חטא אין דער וועלט! איך וויל, עס זאָל זיין וואַרעם, עס זאָל זיין גענוג וואָס צו עסן! פאַרוואָס האָב איך נישט דאָס, וואָס איך וויל! יאָ, אַ גוטער געשוויר מעג זיך אַנידערזעצן קאַלדערופּן אין גראָבן בויך!.. אַי, דידאָזיקע קללה איז נישט אַזאַ ליטעראַרישע און נישט אַזאַ שיינע, אַרט עס מיך אויך נישט. איך זוך שוין דאָ נישט קיין שיינע ווערטער און אויסדריקן, און טאָמער וועט איר מיר, גאָדפּריי, נישט מוחל זיין, גייט עס מיר אויך זייער ווייניק אָן! איך האָב אייך שוין אַלעמען גענוג! איר האָט מיר דאָס לעבן פאַרסמט, און מיט גזלנים רעדט מען נישט מיט פּאָעטישע ווערטער. סוף כּל סוף האָב איך אייך אַלע-מען אין דר'ערד!"

גאָדפּריי האָט אים נישט געענטפערט.

אין „ווילי-פּלאַץ" איז געווען קאַלט און וויסט און אוּ-מעטיק. דאָס איינציקע שטיקל טרייסט איז געווען דער נעגער מיט זיין קינדערישן שמייכל און שניי־ווייסע ציין. דערדאָזיקער שוואַרצער שד איז געווען גוט און ליב און האַרציק, ווי אַ ווייסער מלאך...



אין אַ שווערער שטימונג איז אַדורכגעגאַנגען דער גאַנצער חודש דעצעמבער.

צולעצט האָט זיך גאָדפּריי געשטאַרקט און האָט גענומען טראַכטן פון עפּעס אַ תּכלית. סוף כּל סוף איז ער געקומען צום רעיון, אַז דער פּאַרקאַן איז אויך נישט קיין גרויסע חזקות.

דער לעצטער רויך האָט אים ווידעראַמאָל באַוויזן, אַז די געפאַר פון די ווילדע שבטים עקזיסטירט נאָך, אַז זיי קומען אויף דער אינדזל און אַז מען וועט זיך מוזן פריער, צי שפּעטער, פאַרוויקלען מיט זיי אין אַ געפערלעכן בלוטיקן קאַמף. און אויב אַזוי, איז דער פּאַרקאַן זייער אַ שוואַכע פעסטונג קעגן זיי. עס איז פּשוט צום לאַכן. די ווילדע זענען געשיקט, ווי קעץ, און אַזאַ מין צוים קען זיי בשום אופן נישט אָפּהאַלטן.

ביי גאָדפּרייען איז ביסלעכווייז געבוירן געוואָרן אַ פּלאַן– פּאַוואָליע זיך אַריבערצופּעקלען אין שפּיץ פון בוים. קודם איז דאָרט וואַרעמער – ס'איז פּאָרט אַ שמאָלער שטח, און, צווייטנס, וועט מען זיך דאָרט קענען בעסער פאַרטיידיקן אין דער צייט פון אַן אָנפאַל.

וועלן קומען די ווילדע, וועט מען אומגעשטערט קענען פון אויבן פייערן אין זיי פון די ביקסן און עס וועט זיי זיין נישט לייכט זיך אַרויפצודראַפּען אינדערהויך צו די שיסער. די אָנגעלאָדענע ביקסן וועלן נישט דערלאָזן דערצו.

ער האָט זיך שטאַרק גענומען פאַר זיין פּלאַן. קאַרעפינאטו האָט אים, נאַטירלעך, צוגעהאָלפן. מען האָט געמאַכט טרעפּ פון ברעטער און גאָר אינדערהויך האָט מען פאַרענדיקט די הילצערנע טרעפּ מיט געפלאָכטענע טרעפּלעך פון שטריק.

דער אַלטער טאַרטעלעט האָט זיך זייער סקעפּטיש צוגע-קוקט צו דערדאָזיקער אַרבעט און געוואָרטשעט:

„איר מעגט אייך מאַכן, וואָס איר ווילט, מיך וועט איר שוין נישט דערפרייען דערמיט. איך זע נאָר, אַז ווען דאָ זאָל זיך גיסן ממש גאָלד, טאָר מען דאָ אויך אַן איבעריקע שעה נישט פאַרברענגען. מען מוז אַנטלויפן פונדאַנען, ווי פון אַ גיהנם, וואָרים ס'איז סכנות נפשות... גאָט ווייס, וואָס עס גייט אויף אונדז אָט אין דעם מאָמענט, וואָס איך וואָרטשע דאָ לעבן אייך... עס איז רעכט אַ לייב און עס איז רעכט אַ טיגער און עס איז רעכט אַ קראָקאָדיל און עס איז רעכט אַ מענטשנפרעסער... און טאָמער איז עס אייך ווייניק, האָט איר אַ ווינטערל מיט אַזוינע פרעסט, אַז מען קען דעם אָטעם נישט אָפציען פון קעלט, און טאָמער, ווידער, איז דאָס אייך אויך ווייניק, וועלן באַלד אָנקומען טעג, ווען מען וועט אַרומגיין מיט איינגעצויגענע ליידיקע מאָגנס און מען וועט שטאַרבן פון הונגער, מען וועט אויסגיין, ווי אַ ליכט... איך האָב מיך פיין דערלעבט, אַ מיתה משונה זאָל אַריין אין דעם גראָבן פעמפיק, וואָס זיצט זיך, ווי אַ שררה, אין סאַן-פראַנציסקאָ... הער גאָדפריי, זענט יאָ באַליידיקט, זענט נישט באַליידיקט, ס'איז מיר, כלעבן, אַלצאיינס...“

ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און האָט גענומען קרעכצן:

„אוי, סאַן-פראַנציסקאָ!.. סאַן-פראַנציסקאָ!..“

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אַ פרעג געטאָן גאָדפרייען:

„און וואָס, מיינט איר, וועט זיין אונדזער סוף?“

אין אַז גאָדפריי האָט געשוויגן, האָט ער אַליין געענטפערט [...]ר אים:

„און דער סוף וועט זיין, אַז דערדאָזיקער קאַרעפינאָטו, [...] קרעטשיפאָטו, צי קארעלאַמבראָטו וועט אונדז ביידן אויפרעסן [...]ין אַ שיינעם פרימאָרגן... ער וועט גיין צום קעלער און וועט [...]רזען, אַז דאָרט איז נישטאָ קיין פּראָוויאַנט, וועט ער זיך



פלוצלונג דערמאָנען, אַז ער איז אַ מענטשנפרעסער, און ביינאַכט, בשעת מיר וועלן ביידע שלאָפן, וועט ער מאַכן אייך כיק איבערן האַלדז און נאָכדעם מיר כיק איבערן האַלדז און דאָס שפּיל, וואָס הייסט „ראָבינזאָן“ (זאָל דאָרט גוט ראָבינזאָנען אין בויך קאַלדערופּן!), איז געענדיקט...“

מען האָט אָבער נישט געהערט דעם אַלטן טאַנצפּראָפעסאָר און מען האָט געטאָן, וואָס מען האָט געדאַרפט.

אין אַ וואָך צייט זענען פאַרענדיקט געוואָרן די שטיגן צום שפּיץ פון בוים.

דער ווינטער האָט זיך אָבער געצויגן ווי פון פעך, אַ שווערער, אַ פינסטערער, אָן זון און אָן ליכט.

עס איז טאַקע נמאס געוואָרן דאָס לעבן אין „ווילי-פאַלאַץ“.

אַזוינע טריבע שווערע צייטן, ווי איצט, האָט מען דאָ נישט איבערגעלעבט.

דער טאָג איז געווען טונקל און גרוי, ענלעך צו נאַכט און דער בייזער פראָסט האָט אַלץ פאַרקאָוועט אונטער זיך, פונקט ווי פאַרצויגן מיט אייזערנע פרענטן.

כדי עס זאָל זיין עטוואָס ליכטיקער אין דעם קאַלטן חשך פון בוים, האָט מען אָנגעצונדן לאַנגע קנויטן, אויסגעפלאָכטן פון געטריקנטער סמאָלע. דאָס פייער פון דער סמאָלע האָט געוואָרפן אַ רויטן שיין אַרום זיך, און די מענטשן פון „ווילי-פאַלאַץ“ האָבן אויסגעזען, ווי שדים...

דער אַלטער טאַרטעלעט האָט פשוט מורא געהאַט זיך אַרומצוקוקן...

אין מאָגן האָט אים אָבער אַזוי געפייפט און געזעצט, אַז ער האָט, נעבעך, נישט געקענט איינזיצן אויף איין אָרט, ווי ער האָט געוואָלט.

פונדעסטוועגן האָט מען געלעבט. מען האָט זיך געלייגט

שלאָפֿן, מען איז אויפֿגעשטאַנען, מען האָט געגעסן, געטרונקען און זיך כּסדר געריבן אַ האַנט אָן אַ האַנט — עס זאָל ווערן אַ ביסל וואַרעמער.

דעם 21־סטן יאַנואַר אינדערפֿרי האָט מען פּלוצלונג דער־הערט עפּעס אַן אויסטערלישן גערויש. און אַז דערדאָזיקער גערויש האָט זיך דערנענט, האָט מען דערהערט דעם אימהדיקן ברום פֿון אַ לייב, דאָס ריטשען פֿון אַ טיגער, דעם געשריי פֿון אַ לעמפּערט און דאָס איבלדיקע וואָיען פֿון אַ היענע...

דער אַלטער טאַרטעלעט האָט זיך תּיכּף ומיד אַרויפֿגע־כאַפּט מיט די פֿיס אויף זיין געלעגער און האָט זיך איינגע־טוליעט אין דער וואַנט. ער האָט פֿאַרמאַכט די אויגן און זיך געסטאַרעט נישט צו אָטעמען...

גאָדפֿריי מיטן נעגער האָבן זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר מיטן געווער אין די הענט.

דער יונגער מיליאָנער איז נישט געווען איבערגעשראָקן. מיט אַ קלאָרן ניכטערן קאָפּ האָט ער באַרעכנט, אַז היינט, דעם 21־סטן יאַנואַר, ענדיקט זיך דאָס לעבן פֿון דריי מענטשן. עס איז דאָך קלאָר אַפֿילו פֿאַר אַ קינד, אַז מיט אַזוינע חיות וועט ער נישט זיין בכּוח צו קעמפֿן. דער וויסטער סוף רוקט זיך טריט ביי טריט צו דעם אומגליקלעכן „ווילי־פּאַלאַץ“.

קאַרעפֿינאָטו האָט אָבער אַזוי ווי פֿאַרשטאַנען גאָדפֿרייס רעיונות און האָט אים געפּרוווט דערקלערן דורך רמזים עפּעס אַזוינס, וואָס גאָדפֿריי האָט עס איצט בשום אופֿן נישט פֿאַרשטאַנען. דער ווייסער האָט נישט פֿאַרשטאַנען דעם שוואַרצן.

דערווייל האָבן זיך דערהערט נייע קולות. קוויטשערייען און יללות האָבן פֿאַרהילכט די לופֿט אַרום „ווילי־פּאַלאַץ“.

גאָדפֿריי האָט זיך בעסער צוגעהערט און האָט עטוואָס געעפֿנט די טיר. דאָס האָבן געשריען און געמעקעט מענגעס



ציגן, שעפּסן, אַנטילאָפּן און אַנדערע שוואַכע פֿירפֿיסיקע, וואָס זענען אין גרויס פּאַניק הענדום־פּענדעם געפֿלויגן צום „ווילי־פּאַלאַץ...“

„מען דאַרף עפֿענען די טיר!“ — האָט גאָדפֿריי אַ געשריי געטאָן נישט מיט זיין קול.

דער ווילדער האָט צוגעשאָקלט מיט זיין שוואַרצן קאָפּ.

ביידע זענען תּיכּף ומיד אַרויסגעשפּרונגען און האָבן געעפֿנט די טיר פֿון פּאַרקאַן.

אין הויף האָבן זיך באַלד אַ שאָט געטאָן, שטויסנדיק און דריקנדיק איינאַנדער, הונדערטער ווילדע ציגן, שעפּסן, אַנטילאָפּעס, קליינע עקסעלעך...

גאָדפֿריי האָט דערזען אַ פּאָר בייזע ברענענדיקע אויגן, ענלעך צו לעמפּעלעך, וואָס האָבן שטאַרק דערמאָנט די אויגן פֿונם טיגער. ביידע, גאָדפֿריי און דער נעגער, האָבן מיט איין שפּרונג זיך אַריינגעכאַפּט אין בוים.

די שוואַכע חיות האָבן געשריען מיט די לעצטע כּוחות. אין זייערע קולות האָט זיך געשפּירט דער פּיין און אַנגסט פֿון טויט. קענטיק, אַז די פֿאַרצוקערס האָבן שטאַרק געאַרבעט מיט די ציין און נעגל.

גאָדפֿריי און קאַרעפֿינאָטו האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו די פֿענסטער. טאַרטעלעט, וואָס האָט פֿאַרלאָרן דעם קלאָרן גע־דאַנק, האָט גענומען קרייען, ווי אַ האָן. נאָכדעם איז ער אַראָפּ־געשפּרונגען פֿון בעט, האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ ביקס און האָט געוואָלט שיסן אויף די מענטשן אין „שטוב“.

גאָדפֿריי האָט אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט.

„וואָס טוט איר?“ — האָט גאָדפֿריי ווייך געפֿרעגט. — באַ־רויִקט אייך, הער טאַרטעלעט!“

„קוקערעקו!" — האָט טאַרטעלעט אויסגעקרייעט, ווי אַ האָן און האָט זיך צעלאַכט.

עס איז געוואָרן פינסטערלעך. דער ווינטערדיקער טאָג איז דערשטיקט געוואָרן מיט זיין אָרעם ביסל ליכט.

אָבער אין פענסטער האָט נאָך גאָדפריי געקענט זען די אימהדיקע שחיטה אין הויף. בלוטדורשטיקע חיות, מיט גרויסע ציין-געפּאַנצערטע פּיסקעס באַפאַלן שוואַכע פירפיסיקע באַשעפענישן און מען רייסט זייטן און קעפּ און עס גיסט זיך בלוט און עס כאָרכלען העלדזער אין גסיסה און עס טשאַמקען מיט הנאה די בלוטדורשטיקע פּיסקעס, און פון דעם אַלעם הייבט זיך אויף אַ וואַרעמער נעבל אינדערלופטן.

נאָכדעם איז צוגעפאַלן די נאַכט. איינציקע קולות האָבן נאָך אָפּגעקלונגען אינדרויסן: שטאַרקע ברומענדיקע קולות פון זיגער און האַלב דערשטיקטע יללות פון באַזיגטע...

אינדערפינסטער האָבן ווו נישט ווו געברענט און געפינקלט לעמפּעלעך-אויגן און עס האָבן זיך נעהערט לייכטע גנבישע קעצישע טריט.

אומבאַוועגלעך איז גאָדפריי געשטאַנען ביים פענסטער און פאַרגליווערט איז געשטאַנען לעבן אים קאַרעפינאָטו. עס איז געווען טויטשטיל אין „ווילי-פאַלאַץ". און אין דערדאָזיקער שטילקייט איז גאָדפרייען איינגעפאַלן, אַז די איצטיקע אימהדיקע שחיטה האָט ביי אים אוודאי צוגענומען די לעצטע שיריים פון זיין לעבעדיקן פּראָוויאַנט. אַזוי־אַרום האָבן זיי פאַרלאָרן דעם באָדן פון זייער עקזיסטענץ.

ער האָט אָבער לאַנג נישט געקענט טראַכטן. זיינע רעיונות זענען איבערגעריסן געוואָרן פון אַ שאָס. דאָס האָט טאַרטעלעט אַ כאַפּ געטאָן דעם גרויסן רעוואָלווער, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, און האָט אויסגעשאָסן



גאָדפריי האָט אַ ציטער געטאָן. אַ קאַלטער שווייס האָט זיך אים אַנידערגעזעצט אויפן שטערן.

טאַרטעלעט האָט ווידער אויסגעקרייעט ווי אַ האָן און האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן בעט. קאַרעפינאָטו האָט אים אַרויסגעריסן פון דער האַנט דעם רעוואָלווער.

באַלד נאָכן שאָס האָט זיך דערהערט אַ קראַצן פון האַרטע נעגל אין דער קאָרעוואַנט. עפּעס אַ פּיסק פון אַ חיה האָט געריסן די טיר...

אַפּנים, אַז זיי איז נאָך ווייניק געווען די איצטיקע סעודה: זיי האָבן געזוכט נאָך בלוט.

„מען דאַרף זיך פאַרטיידיקן!" — האָט גאָדפריי אַ זאָג געטאָן און האָט זיך אַנידערגעשטעלט ביים פענסטער מיט דער ביקס אין דער האַנט.

קאַרעפינאָטו האָט זיך אַנידערגעשטעלט ביי דעם צווייטן פענסטער.

עס האָט זיך אָנגעהייבן אַ שיסעריי אויף טויט און אויף לעבן.

ביים פייער פון די שאָסן האָבן די צוויי מענטשן דערזען זייערע פיינט. דאָס זענען געווען לייבן, טיגערס, לעמפּערטן און היענעס. עס איז געווען אַזאַ געברילעריי און אַזאַ ווילד אָטעמען און אַזאַ געשפּרינגעריי, אַז דער גיגאַנט — דער בוים האָט עטוואָס אויפגעציטערט מיט זיינע טיפע וואָרצלען...

טאַרטעלעט האָט זיך געקלאַפּט אין האַרצן אַריין על חטא און האָט געשריען מיט איין אָטעם:

„ווער עס האָט מיך פאַרשיקט אַהער, יענעם זאָל נישט גוט ווערן! ווער עס האָט מיך געבראַכט אַהער, יענער זאָל אַ כּפּרה איינעמען! ווער עס האָט אויסגעפונען אָט דעם „ווילי-פאַלאַץ", יענער זאָל באַקומען וואַסער אין זייט און אַ לונגען

זאָל אים פוילן! און ווער עס שטייט איצט ביים פענסטער און שיסט אין די שדים, וואָס ברילן און ברומען אינדרויסן, זאָל צעזעצט ווערן אויף שטיקער! און איך אַליין, דער גרויסער פּראָפעסאָר פון טענץ און שיינע מאַנירן אין סאַן-פראַנציסקאָ, וואָס האָט דערוואָרבן אַזאַ שיינעם נאָמען ביי דער דאָרטיקער באַפעלקע-רונג, זאָל פגרן, ווי אַ הונט אָדער ווי אַן אַלטע קאַץ אָט דאָ, אויפן בעטל, דערפאַר, וואָס איך האָב קיין מוט נישט געהאַט צו זאָגן דעם גראָבן פּעמפּיק קאַלדערופן, אַז איך וויל נישט און קען נישט באַגלייטן דעם יונגן צוציק גאָדפרייען, וואָס איז טעמפּ, ווי אַ שטעקן און נאַריש, ווי אַ האָז...״

קיינער האָט אים אָבער נישט געהערט. עס איז געגאַנגען אַ קאַמף אויף טויט און אויף לעבן. ביידע, דער ווייסער און דער שוואַרצער, האָבן פלאַגמעסיק און מעטאָדיש געשאָסן. פון צייט צו צייט האָט זיך דערהערט אַ פאַרשטיקט אָטעמען און אַ קוויטש פון אַ חיה — קענטיק, אַז די קויל האָט געטראָפן, ווו מען דאַרף.

די סכנה איז אָבער געווען זייער גרויס, באַזונדערס צוליב דעם, וואָס עס איז געווען פינסטער און מען האָט נישט געקענט זען דעם שונא.

שיסן גלאַט אין דער וועלט אַריין האָט מען אויך נישט געטאָרט. אין „ווילי-פאַלאַץ״ איז גאָרנישט געווען אַזאַ אוצר פון קוילן.

די אמתע סכנה און די רעכטע צרה האָט זיך אָבער אָנגעהייבן ביי דער טיר. אַ חיה האָט תמיד אַ ריכטיקן אינ-סטינקט, וואָס קומט איר צוהילף אַמאָל בעסער, ווי דער שכל קומט צוהילף דעם מענטשן.

די אָנפאַלער האָבן דערשפּירט, אַז די שוואַכקייט פון



דעמדאָזיקן פעסטונגל, פון וועלכן די מענטשן פייערן מיט אַזאַ אימפּעט, איז די טיר.

און מען האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער טיר.

גרויסע מעכטיקע לאַפּעס, געפּאַנצערט מיט אימהדיקע נעגל, האָבן אַטאַקירט די טיר, וואָס האָט זיך טאַקע באַלד גענומען אונטערגעבן...

גאָדפריי האָט דערזען די סכנה און האָט גענומען פאַר-באַריקאַדירן דעמדאָזיקן שוואַכן פונקט מיט טישן, שטולן און בעטן. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. די לייבישע מעכטיקע לאַפּע האָט אַלץ צעשמיסן, ווי שפּענער.

וואָס טוט מען איצט?

גאָדפריי איז געבליבן שטיין, אינגאַנצן אַ באַגאָסענער מיט קאַלטן שווייס. עס איז געווען די שוואַכסטע און אומבאַ-האָלפנסטע מינוט אין זיין לעבן. ער האָט זיך געקווענקלט און זיך געוואָלט אונטערגעבן.

דורך די שפּאַלטן פון דער האַלב איינגעפאַלענער טיר האָט ער שוין געזען די גרויליקע לעמפלעך פון די חיהשע אויגן.

ער האָט זיך אָבער פלוצלונג אַ כאַפּ געטאָן פאַרן שוויי-סיקן קאָפּ און האָט אויסגעשריען:

„אויף די שטיגן! אינדערהויך! געלאָפן זאָל ווערן! דאָרט וועלן מיר זיך ראַטעווען!״

אָבער איידער גאָדפריי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו די שטיגן, האָט ער גענומען זוכן דעם אַלטן טאַנצמייסטער. גע-זוכט, געזוכט — אָבער ער האָט אים נישט געפונען.

מיט זיינע צעמישטע רעיונות האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער אַלטער האָט זיך נאָך פריער מסתמא פאַרבאָרגן אינדער-הויך, און ער איז מיטן נעגער אַרויפגעלאָפן אויף די שטיגן.

חען זיי קלערן נאָך איין מאָמענט, וואָלט שוין געווען צו שפעט, וואָרים די חיות האָבן זיך אַריינגעריסן אין בוים...

אונטן האָט זיך אָנגעהייבן אַ וואָרפן און אַ שליידערן.

דער עולם חיות האָט גענומען באַלעבאַטעווען מיט די מעכטיקע לאַפּעס. עס האָט זיך דערהערט אַ שמעקעריי און אַ קלאַפּן מיט די נעגל אין דער פּאָדלאָגע, ווי מיט שטאָלענע טשוועקעס.

גאָדפריי מיט קארעפינאָטון זענען געקראָכן אַלץ העכער און העכער. זיי זענען געלאָפן זיך מציל זיין פון אַ פיינלעכן טויט. ביים שפיץ פון בוים אָבער זענען זיי אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט אַן אימהדיקער קוויטשעריי, ווי מיט הייסן וואַסער.

דאָס האָט געקוויטשעט טאַרטעלעט, וואָס האָט משער געווען, אַז דאָס קריכן לייבן צו אים. אַ משוגענער און אַן אויסגעפייניקטער (וועגן לייגן קאָמפּרעסן צום בויך האָט, נאַטירלעך, אין אַזאַ מאָמאַנט קיין שום רייד נישט געקענט זיין!), האָט ער זיך אַוועקגערוקט פון שפּיץ בוים, ווו ער איז פריער געזעסן, האָט זיך א וואָרף געטאָן אויף אַ דין צווייגל און איז געבליבן הענגען אינדערלופטן...

דער טאַנצמייסטער האָט אַ ליאַדע מינוט געקענט אַראָפּפאַלן פון אַ שווינדלדיקער הוכקייט און צעקלאַפּט ווערן, ווי אַ שטיק גלאָז.

דער נעגער האָט אים אָבער געראַטעוועט. ער האָט אים מיט דער געשיקטקייט פון אַ קאַץ אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָפּ, צוגעשלעפּט אים צו זיך, אַוועקגעזעצט אויפן שפּיץ בוים און איינגעבונדן אים מיט רימענס, אַזוי, אַז ער האָט פאַרלאָרן יעדע זעלבסשטענדיקע באַוועגונג.

דאָ, אויפן שפּיץ פונם ריז, האָבן אַלע דריי עטוואָס אָפּגעצויגן דעם אָטעם.



די נאַכט האָט זיך אָבער געצויגן אַ קאַלטע (הגם מע האָט די קעלט נישט געפילט), אַ גרויליקע און אַ שוואַרצע, און מען מוז מודה זיין, אַז גאָדפריי האָט זיך זייער שלעכט געשפּירט.

דאָס איז ביי אים נישט געווען קיין טראַגישער פינאַל, ווי עס האָט זיך אייגנטלעך געפּאַסט פאַר אַן אומגליקלעכן ראָבינזאָן, נאָר אַ קאָמישער, אַ נאַרישער, און אויף אַזאַ סוף האָט ער זיך נישט גערעכנט.

בכלל האָט ער זיך נישט געקענט פאַרטיידיקן. דאָס איז נישט געווען זיין אייגנשאַפט. ער האָט ליב געהאַט אָנצופאַלן. אָבער ווי אַזוי פאַלט מען דאָ אָן און ווי אַזוי ראַנגלט מען זיך מיט לייבן און מיט טיגערס?

אַלע דריי זענען געזעסן און געשוויגן, און די נאַכט האָט זיך געצויגן, געצויגן...

פאַרטאָג, אַ זייגער פיר, האָט גאָדפריי, וואָס האָט עפּטער אַראָפּגעקוקט אין דעם טיפן ברונעם פונם אויסגעהוילטן בוים, דערזען אונטן פייער.

הויכע פייערדיקע צונגען האָבן, ווי מכשפים, אַרומגעטאַנצט אויף דער פּאָדלאָגע.

„וואָס איז דאָס אַזוינס?" — האָט גאָדפריי הויך אַ פרעג געטאָן, נישט ווייסנדיק צו וועמען ער רעדט.

קארעפינאָטו האָט אים נישט געקענט ענטפערן און טאַרטעלעט, דאַרף מען האַלטן, איז געווען נישט ביים זינען.

גאָדפריי האָט אָבער באַלד פאַרשטאַנען, פונוואַנען עס שטאַמט די ליכטיקייט אין „ווילי-פּאַלאַץ." די ווילדע חיות האָבן אומגעוואָרפן דעם אויוון, וואָס האָט זיי, קענטיק, אויסגעזען, ווי אַ לעבעדיק באַשעפעניש, מיט וועלכן מען דאַרף זיך ראַנגלען.

עס זענען צעפּאַלן געוואָרן די ברענענדיקע קוילן און עס האָט זיך אָנגעהייבן אַ שׂריפֿה...

עס ברענט דער „ווילי-פּאַלאַץ...״

אַזוי־אַרום איז די לאַגע נאָך ערנסטער געוואָרן. פֿון בלוט־דורשטיקע חיות — אין פֿלאַמען, און ביי די פֿלאַמען — דער סוף פֿון דער עקזיסטענץ, דער טויט...

די שׂריפֿה האָט זיך געשטאַרקט. דער רויך איז דער־גאַנגען צו די דריי זיצער און האָט זיי געפּרעסן די אויגן און די לונגען. דאָס לעצטע ביסל שוץ ווערט זיי אויך אַוועק־גענומען...

פּלוצלונג האָט דער גאַנצער בוים, דערדאָזיקער אַלטער ריז, אויפֿגעציטערט פֿון אַן אויפֿרייס און באַלד דערויף האָט זיך דערהערט, ווי עס פֿאַלן שטיקער קאָרע פֿון די ווענט.

גאָדפֿריי האָט פֿאַרשטאַנען וואָס דאָס איז... דאָס האָט אויפֿגעריסן דער פּולווער־רעזערוו, וואָס איז געלעגן אין קאַסטן, נישט ווייט פֿון די בעטן.

עס האָט זיך דערהערט, ווי שווערע פֿאַרווונדעטע חיות הינקען אַוועק און וואָיען מיט אַ גסיסה־געיאָמער.

דער בוים האָט זיך אָבער שטאַרק צעברענט פֿון אויפֿרייס. ווי אַ ריזיק ליכט האָט ער איצט באַלויכטן מיט אַ רויטן פֿייער די אַרומיקע שטחים און דעם שוואַרצן הימל.

אַ טאַנצנדיקער האָגל פֿון פֿונקען האָט זיך צעשפּרייט אינדערלופֿטן...

דער בוים האָט זיך גענומען אַרומוויגן און אַרומשאָקלען...

דער נאַכטווינט האָט אים אַ כאַפּ געטאָן, אַ ליכטיקן, אין זיינע אָרעמס און האָט זיך גענומען שפּילן מיט אים.

און אָט האָט ער אים גענומען בויגן, בויגן צו דער ערד...



דער אַלטער ריז האָט זיך געלאָזט. ער האָט שוין קיין כּוח נישט געהאַט, דאָס פֿייער האָט אויפֿגעפֿרעסן זיינע ווענט.

פּלוצלונג האָט עמעץ קלאָר און דייטלעך אַ געשריי געטאָן:

„דער איינאונצוואַנציקסטער יאַנואַר!״

גאָדפֿריי האָט אויפֿגעציטערט.

ווער האָט עס געזאָגט? ווי קומט אַהער דידאָזיקע ציפֿער. וואָס איז איצט אַזוי דייטלעך אַרויסגעזאָגט געוואָרן?

שוין זשע קאַרעפֿינאָטו?

„רעדט ער דען ענגליש? ער קען דאָך קיין ענגליש נישט. אַז עס קומט צו אַן ענגלישן וואָרט, ווערט ער דאָך פּשוט שטום ווי די וואַנט.

גאָדפֿריי האָט אים אָבער אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט.

„קאַרעפֿינאָטו, האָסטו עס דען אָנגערופֿן דידאָזיקע ציפֿער?״— האָט ער אַ פֿרעג געטאָן דעם נעגער.

און קאַרעפֿינאָטו האָט ווידער קלאָר און דייטלעך געזאָגט:

„דער איינאונצוואַנציקסטער יאַנואַר!״

„קאַרעפֿינאָטו, דו רעדסט דאָך ענגליש?״ — האָט זיך גאָד־פֿריי דערנענט צו אים מיט די אויגן.

און דער נעגער האָט געזאָגט:

„יאָ, איך רעד!״

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבן שאַרף און דייטלעך, ווי אַ זייגער:

„היינט דאַרף קומען דער פּעטער ווילי־אַם... ער דאַרף קומען אַהער... יאָ, הער גאָדפֿריי, ווען ער נישט קומען, איז אַ סוף צו אונדזער אָרעם לעבן...״

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט גאָדפֿריי געגליוערט:

פון גרויס חידוש און דער אַלטער טאַרטעלעט האָט גענומען קלאַפּן מיט די פיס, און מען האָט נישט געקאָנט וויסן, צי ער טוט עס פון קלאָרער שמחה, צי ער טוט עס פון טיפער שוואַרצער משוגעת...

אַלע דריי האָבן זיך געהאַלטן פאַר פאַרלאָרענע מענטשן.

די שריפה האָט זיך אַלץ געשטאַרקט, דער בוים האָט זיך געבראָכן און געבויגן צו דער ערד...

„קוקעריקו!״ — האָט דער אַלטער טאַרטעלעט פון צייט צו צייט געגעבן צו וויסן פון זיך.

און גאָדפריי האָט נישט געוווּסט, וואָס איז שרעקלעכער: צי די שריפה פון בוים, וואָס איז זייער נעסט אין דעם עלנט פון דער אינדזל, צי דאָס קרייען פון דעם אַלטן טאַנצמייסטער, וואָס האָט פאַרלאָרן די קלאָרע געדאַנקען אין דעם גרויסן אומגליק.

איין זאַך האָט גאָדפריי געוווּסט, אַז דער אַלטער האָט אָנגעהייבן קרייען, ווי אַ האָן, ערשט נאָכדעם, ווי ער איז באַפאַלן געוואָרן פון קראָקאָדיל...

## קאַפּיטל נײַנצן.

אַלץ ווערט אויפגעקלערט. — אַלע סודות ווערן אַנטפּלעקט. — דער פינאַל פון אַ פאַרוויקלטער און העכסט אינטערעסאַנטער קאָמבינאַציע.

דער ווינט האָט געשלעפּט דעם שפּיץ בוים צו דער ערד. אינלופטן האָט זיך געשפּרייט אַ פייערדיקער האָגל פון פונקען. אַ רויטער רויך האָט פאַרשטעלט דעם הימל. דאָס לעבן פון די דריי מענטשן איז געהאָנגען אויף אַ האָר.

און אָט אין דער מינוט פון פחד און סכנה האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ מונטערע שיסעריי פון ביקסן.

גאָדפרייען האָט זיך געדאַכט, אַז ער רירט זיך אויך פון געזונטן זינען, ווי טאַרטעלעט. ער האָט אַזויפיל איבערגעלעבט אין דערדאָזיקער נאַכט, אַז ער האָט אָנגעהייבן צו פאַרלירן זיין גלייכגעוויכט.

ווי קומט קאַרעפינאָטו צו ענגליש? און וואָס איז עס פּלוצלונג פאַר אַ שיסעריי, פאַר אַ זאַלפּן פון ביקסן?

דער מוח האָט אים געבּרענט פון פראַגן און אין דערזעלבער צייט האָט דער שפּיץ פון בוים זיך אַלץ מער און מער געבּויגט צו דער ערד.

אָט ליגט ער שוין אויף דער ערד און גאָדפריי, באַלאַנסירנדיק מיט די הענט, איז אַראָפּגעשפּרונגען אויפן פעסטן באָדן. נאָך אים שפּרינגט דער נעגער און נאָכן נעגער — דער טאַנצמייסטער, אַן אָפּגעבּונדענער.

אין רויטן ליכט פון דער שריפה זעט גאָדפריי שוואַרצע סילועטן פון מענטשן. איין סילועט, אַ הויכער, אַ בּרייטער דערנענט זיך צו אים, ציט אויס די הענט און רופט זיך אָן:

ך, מיין ליבּהאַרציקער פלימעניקל, געזונט זאָלסטו מיר זיין, ווו דו בּיזט!... וואָס מאַכסטו?"

און גאָדפריי דערקענט זיין פעטערס שטימע. דאָס רעדט ווילִיאַם קאָלדערופּ פון סאַן־פראַנציסקאָ...

און אָט הערט ער פלוצלונג אַ ווייך שטימעלע, אַ דינס, אַ צאַרטס, און עס פאַלן גוטע ווערטער:

„אַך מיין ליבּער, מיין טייערער גאָדפריי!..."

און גאָדפריי פינטלט מיט די בּרייט־אויפגעריסענע אויגן אין רויטן ליכט.

אַ צעמישטער איז ער און אַ צעטרייסלטער, און קוים וואָס ער כאַפּט מיטן ציטערדיקן רעיון דאָס אַלץ, וואָס דאָ קומט פאָר.

אָבער ער שטאַרקט זיך און פאַלט אַריין אין וואַרעמע אָרעמס: פריער אין די בּרייטע בּערישע אָרעמס פונם פעטער און דערנאָך אין די צאַרטע אָרעמס פון אַ יונג מיידל.

„פינא..." — שעפּטשעט ער. — „פינא... איך פאַרשטיי גאָרנישט... מיין מוח האָט זיך אָפּגעשטעלט..."



און פינא שעפּטשעט אים צוריק מיט אַזאַ ווייכקייט און מוטערלעכקייט, פון וועלכער ער איז שוין לאַנג אָפּגעוויינט געוואָרן אויף דערדאָזיקער פאַרשאָלטענער אינדזל:

מען דאַרף זיך נישט אנשטרענגען, מיין טייערער... עס וועט אַלץ קלאָר ווערן און עס וועט זיין גוט... גוט..."

און דעם פעטערס שטימע דונערט:

„מען דאַרף זיך בּארויִקן! די זאַך איז געענדיקט!"

בּאַפרייט זיך גאָדפריי פון פינאס אָרעמס און קוקט אָן דעם הויכן פעטער, וואָס שטייט ווי אַ סטאַטוע, אין רויטן ליכט און ער פרעגט אים מיט אַ קול פון אַ מענטשן, וועלכער גלויבּט נישט דערין, וואָס ער זעט מיט די אייגענע אויגן:

„פעטער, דאָס זענט איר?.. יאָ, דאָס זענט איר דאָך, פעטער..."

ער וואַרט נישט אויף אַן ענטפער און חידושט זיך און זעט סילועטן פון בּראַווע מאַטראָזן, וואָס שמייען אַרום אונטער דעם האָגל פון פונקען.

און דער פעטער זאָגט:

„דאָס זענען מ י ר, גאָדפריי, און מיר זענען געקומען דיר ווייזן, אַז מיר האָבּן נישט פאַרגעסן אין דיר..."

פון מינוט צו מינוט האָט זיך גאָדפריי געשטאַרקט. ער האָט געפרעגט:

„אָבער ווי קומט איר אַהער אויף דער אינדזל פינאַ? פונוואַנען האָט איר געוווּסט, אַז מיר געפינען זיך דאָ?"

לאַכט דער פעטער און שאָקלט מיט זיין גרויסן קאָפּ.

„פאַרוואָס עפּעס פינא?" — פרעגט ער. — „דאָס איז דאָך נישט דער נאָמען פון דערדאָזיקער אינדזל... די אינדזל הייסט ספּענסער און זי איז מיין אייגנס. איך האָב זי אָפּגעקויפט בּיי דער אַמעריקאַנישער רעגירונג!"

„איז עס גאָר די אינדזל ספּענסער?" — האָט גאָדפריי געפרעגט אַ צעמישטער.

און אנשטאָט אַן ענטפער, שניידט זיך אַריין פינאַס צאַרט שטימעלע:

„גאָדפריי טייערער, די אינדזל טראָגט ביי דיר מיין נאָמען?”

גאָדפריי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, רעדן האָט ער נישט געקענט. אין די אויגן און אין האַרץ זענען אים אָנגעלאָפן טרערן.

און דער הויכער פּעטער האָט ווידער געבאַסעוועט:

„עס געפעלט מיר דערדאָזיקער נאָמען... אַזוי ווי די אינדזל איז מיין אייגנס, טאָ זאָל זי בלייבן ביי דעמדאָזיקן נאָמען.”

און אין אַ ווייַלע אַרום האָט ער פייערלעך צוגעגעבן:

„און איצט וועל איך דיר, גאָדפריי, אַנטפּלעקן דעם גאַנצן סוד. דאָס איז געווען מיינע אַ קאָמבינאַציע... דאָס האָב איך געמאַכט אַזוי, אַז דו זאָלסט דאָ דורכגיין די נייערע שולע פון אַ ראָבינזאָן און זאָלסט זיך אָנזעטיקן מיט פּאַסירונגען... נאָך אַזוינע פּאַסירונגען באַרויִקט זיך אַ מענטש, און אָט וועסטו זיך אויך באַרויִקן און וועסט חתונה האָבן”...

דער פּעטער האָט זיך הויך צעלאַכט.

אַ שאַרפער ווינט האָט צעטראָגן זיין געלעכטער, ווי אַ שיסעריי, איבער דער גאַנצער אינדזל.

און דער פּעטער האָט ווייטער געזאָגט:

„דאָ איז קאַלט, מיינע טייערע. לאָמיר אַריינגיין אין געצעלטל.”

נישט ווייט פון „ווילי-פאַלאַץ” איז געשטאַנען אַ קליין געצעלטל פון דיקן לייוונט. די מאַטראָזן, וואָס זענען אָנגעקומען מיט קאָלדערופן, האָבן עס אויפגעשטעלט.



אין געצעלטל איז געשטאַנען אַ טיש מיט שטולן און אַ ליכטיק לעמפּל האָט געברענט אויף אַ הויכן ניקעלירטן פוס.

אַריין אין געצעלטל, ווו די קעלט האָט זיך נישט געשפירט (אין אַ ווינקל האָט געברענט אַ קליין אייזערן אויוועלע), האָט דער מיליאָנער קאָלדערופּ געזאָגט:

„אָט דאָ, זע איך, איז נישט שלעכט. אָט דאָ וועלן מיר ערשט כאַפּן דעם ריכטיקן שמועס.”

ער האָט אַ ווונק געטאָן צו אַ מאַטראָז. יענער האָט דערלאַנגט אַ פּאָר פלעשער ווייַן. דער עולם האָט זיך דערוואַרעמט מיט דער שמעקעדיקער פליסיקייט. בלויז איין טאַרטעלעט האָט זיך אָפּגעזאָגט צו טרינקען. ער האָט געקוקט אויף קאָלדערופן מיט בייזע שפּיציקע אויגן און האָט אים איבערגעקרימט און אַרויסגעשטעקט די צונג, ווען יענער האָט נישט געזען.

זיך דערוואַרעמט און באַלד געקומען צו די כוחות אין געצעלטל, האָט גאָדפריי געפרעגט:

„ווי שיקט זיך עס, פּעטער, אַז איר זאָלט צוטראַכטן אַזאַ קאָמבינאַציע? ערשטנס, איז זי אַ ביסל צו האַרב... איר פאַרשטייט?... דאָס לעבן איז דאָך דאָ געהאַנגען אויף אַ האָר... אַזויפיל יסורים און אַנגסט... כאָטש איך האָב עס אפשר כשר פאַרדינט... יאָ... און, צווייטנס, איז דאָך די שיף אונטערגעגאַנגען... אַ קאָמבינאַציע, אַז אַ שיף זאָל אונטערגיין?..”

דער פּעטער האָט זיך פריילעך צעלאַכט.

„דו ביזט נאָך אַ ביסל צו נאַיִוו, מיין ליבער פּלימעניק”,— האָט ער געזאָגט. — „קיין שיפן גייען נישט אונטער סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין. מען וואַרפט נישט קיין טויזנטער דאָלאַר אין ים אַריין. קיין שום קאָמבינאַציע וועט זיך נישט שטיצן אויף אַזאַ מין נאַרישקייט... איך וועל עס דיר באַלד דערקלערן. האָב נאָר אַ ביסעלע געדולט און זיי אַ מענטש, מיין ליבער.

אַ יונגנמאַן, וואָס מען גיט אים אַ גאָלדענע כלה און מען הייסט אים לעבן אַ גוטן טאָג, און ער וויל נאָך נישט און זוכט פּאַסירונגען — אַזאַ יונגנמאַן דאַרף מען אָנלערנען! יאָ, אָנלערנען!"

דער פעטער האָט ביי דידאָזיקע ווערטער אָנגעפילט דאָס געצעלטל מיט געדיכטן באַסיקן געלעכטער. נאָכדעם האָט ער פּאַוואָליע אויסגעזופּט אַ גלעזל ווײַן און האָט ווייטער גערעדט:

„די מעשה דערפון איז אַזאַ, מײַן ליבער. די שיף איז גאָרנישט אונטערגעגאַנגען. דער „דרים" איז גאָרנישט אַזאַ נאַר, אַז ער זאָל אונטערגיין און דער קאַפּיטאַן, מײַן איך, געהערט אויך נישט צו יענע לייט, וואָס האָבן ליב אַ קאַלטע ים-וואַנע, אין וועלכער מען קען דערטרונקען ווערן... עס איז געווען נישט מער, ווי אַ טעאַטערשפּיל... מען האָט פאַרגעשטעלט, ווי עס גייט אונטער אַ שיף, מען האָט פאַרגאָסן מיט וואַסער דעם דעק, און נאָכדעם, ווי דער קאַפּיטאַן האָט דיך און דעם בידנעם פּראָפעסאָר אַרײַנגעשטויסן אין די אמתע ים-כוואַליעס און נאָכדעם ווי ער האָט זיך איבערצייגט, אַז איר האָט בשלום דערגרייכט דעם ברעג, האָט ער געמאַכט פליטה מיטן „דרים" און איז באַלד געקומען קיין סאַן-פראַנציסקאָ... דאָס אינדזעלע ליגט אינגאַנצן ביי אַ צוויי טעג רייזע פון סאַן-פראַנציסקאָ. איך האָב באַשטימט, אַז דו דאַרפסט ליידן זעקס חדשים צייט, און היינט זענען מיר געקומען דיך אויסלייזן... דײַן ראָבינזאָן-קורס דאַרף געדויערן זעקס חדשים... פאַרשטייסט? אַזוי האָב איך באַרעכנט און האָב מסתמא קיין טעות נישט געמאַכט אין חשבון. איך בין דאָך עפּעס אַ גוטער סוחר און אַ גוטער בעל-חשבון..."

גאָדפריי דאָס געפרעגט:

„און די פעלדזן ביי דער אינדזל?"

„וואָסערע פעלדזן? בלויז בוטאַפאָרן, אָנגעשטעלטע מעשיות..."



„און די ווילדע?"

„אַ נעכטיקער טאָג! אַ טעאַטערשפּיל! און דערצו מוז איך דיר מודה זיין, אַז דו האָסט גאָר קיינעם נישט דערשאָסן, כאָטש דו ביזט אַן אויסגעצייכנטער שיסער. מען איז כלומרשט אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד, ווי דערשאָסענע... אָבער עס הייבט זיך גאָרנישט אָן! מען האָט געלעבט און מען האָט באַלד געמאַכט פליטה..."

און קארעפינאַטו?"

„בוידעם מיט פּאָליצע! וואָסער קאַרעפינאַטו? וואָסער ווילדער, וואָסער געפאַנגענער? אַן אונטערגעשטעלטע מעשה!.. דאָס איז גאָר אונדזער ליבער דזשאָן בראָס, וואָס האָט זיך שטאַרק באַטייליקט אין מײַן קאָנספּיראַציע אָדער קאָמבינאַציע, רוף דאָס, ווי דו ווילסט!"

גאָדפריי האָט זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ. ער איז אויפגעשפּרונגען און האָט געזאָגט:

„אָבער דערדאָזיקער קארעפינאַטו אָדער דזשאָן בראָס, ווי דער פעטער זאָגט, האָט דאָך מיר צוויי מאָל פשוט געראַטעוועט דאָס לעבן!.. איינמאָל איז געווען אַ מעשה מיט אַ בער און איינמאָל אַ מעשה מיט אַ טיגער..."

דער פעטער האָט זיך געהאַלטן ביי די זייטן לאַכנדיק.

„וואָסער בער? וואָסער טיגער? וואָסער בעזעם? וואָסער קאַצערע? אַ נעכטיקער טאָג! ס'איז נישט געווען קיין בער און נישט געווען קיין טיגער! דאָס זענען געווען אויסגעשטאָפּטע חיות מיט פּרוזשינעס, וואָס האָבן געקענט אָפּנאַרן אַ געניטערן מענטשן פון דיר... דער פחד איז, קענטיק, ביי אייך געווען אַזוי גרויס, אַז איר האָט זיך אַפילו נישט געקענט צוקוקן ווי געהעריק... דערצו האָב איך געהאַט צוויי אויסגעצייכנטע העלפער. אייגער — אונדזער ליבער דזשאָן בראָס, וואָס האָט זיין

ראָל געשפּילט אַזוי, אַז מען דאַרף אים דריקן די האַנט. ער האָט, ווי אַ מייסטער, געאַרבעט פֿאַרן פּחד, נו, און דער צווייטער... יאָ, דער צווייטער האָט שוין גאָרנישט געדאַרפֿט זיין קיין אַקטיאָר. טאַרטעלעט איז שוין אַזאַ מענטש, אַז ער דאַרף נישט שפּילן קיין פּחד... ע ר  א י ז  ד ע ר  פּ ח ד  אַ ל י י ן!.. עס איז גענוג צו זיצן מיט אים אַ שעה אויף דערדאָזיקער אינדזל, אַז מען זאָל זיך אָנשטעקן מיט טויטשרעק!..״

דערהערט זיין נאָמען, האָט טאַרטעלעט גענומען הוסטן.

נאָכדעם האָט ער אַרויסגעשטעקט אַ לאַנגע צונג און געמאַכט אַ מיאוסע גרימאַסע. דער מיליאָנער פֿון סאַן־פֿראַנציסקאָ האָט עס אָבער נישט באַמערקט.

גאָדפֿריי האָט נאָך אָבער אַלץ געצווייפֿלט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז מען לאַכט פֿון אים, אַז דאָס זיצן נישט קיין רעאַלע מענטשן קעגן אים און אַז ער איז נישט ביי די קלאָרע געדאַנקען.

ער האָט געזאָגט:

„אָבער די חיות האָבן דאָך געברומט! זיי זענען געלאָפֿן, געשפּרונגען!...״

דער פּעטער האָט זיך געריבן די הענט און געלאַכט.

„דאָס זענען אַלץ מאַשינעס, פּרוזשינעס, אַפּאַראַטלעך, מיין טייערער! יעדער בער־מאַשינקע אָדער טיגער־מאַשינקע האָט געקאָסט גענוג געלט, אָבער מען מוז מודה זיין, אַז זי האָט אויסגעצייכנט אויסגעפֿירט איר ראָל...״

„און דער טשעמאָדאַן?״ — האָט גאָדפֿריי נישט זיכער געפֿרעגט.

וויליאַם קאַלדערופֿ האָט נישט פֿאַרשטאַנען דידאָזיקע פֿראַגע.

„וואָסער טשעמאָדאַן?״ — האָט ער געפֿרעגט.



דאָס יונגע מיידל האָט זיך עטוואָס פֿאַרויטלט.

קאַלדערופֿ האָט זי אָנגעקוקט פֿון דער זייט, ווי ער וואָלט געוואָלט, אָן ווערטער, פֿון איר פּנים אַליין, אַראָפּלייענען די מעשה מיטן טשעמאָדאַן.

קאַפּיטאַן טירקאָט, וואָס איז בעת מעשה אַריין אין געצעלט און האָט באַלד פֿון טיש אויפֿגעהייבן אַ גלעזל ווײַן און אַראָפּגעשלונגען, האָט אָפּגעווישט די וואָנסן און געזאָגט:

„רעדט נישט קיין סך וועגן טשעמאָדאַן... דאָס איז אַ סוד, וואָס פֿאַרבינדט מיך מיט דער שיינער און איידעלער מיס פֿינאַ... עטוואָס פֿון דעמדאָזיקן סוד וועל איך אייך דאָך אויסגעבן. מיס פֿינאַ האָט נישט געוואָלט דערלאָזן דערצו, אַז דער יונגער גאָדפֿריי זאָל אַזויפֿיל ליידן, האָט זי קעגן פּעטערס ווילן און מיט מיין באַשיידענער הילף אַרויסגעשטעלט אויפֿן ברעג אַ גרויסן אַמעריקאַנישן טשעמאָדאַן, אָנגעלאָדן מיט זאַכן, אין וועלכע מען נייטיקט זיך אוודאי אויף אַזאַ איינזאַמער אינדזל... מיס פֿינאַ האָט זייער אַ גוט האַרץ!״

קאַלדערופֿ האָט זיך אָנגערופֿן:

„פֿינאַ האָט עס געטאָן קעגן מיין ווילן, אָבער איצט בין איך עס איר מוחל.״

און גאָדפֿריי איז צוגעפֿאַלן מיט די ליפּן צו איר האַנט.

„טייערע, דער טשאָמעדאַן האָט אונדז געראַטעוועט...״ — האָט ער געשעפּטשעט. — „אַ דאַנק... פֿון טיפֿן האַרצן...״

דער אַלטער טאַרטעלעט האָט זיך געוואָרגן מיטן אָטעם פֿון רציחה און כּעס. ער האָט געהאַלטן די גאַנצע מעשה פֿאַר אַ ליגן. ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס, וואָס דער פּעטער פֿאַרציילט, זענען נאַרישע אויסגעטראַכטע זאַכן, פּוסטע באַרימערייאון לצנות, וואָס מען קען עס גאָרנישט הערן. דער בער איז

שאַקע געווען אַן אמתער בער און דער טיגער איז געווען אַן אמתער טיגער און דער לייב איז געווען אַן אמתער לייב.

עס האָבן אים געפּייצרט די אויערן פון אַזאַ מין שקרות און ער האָט זיך אַרויסגערוקט פון זיין ווינקל און האָט זיך אָנגערופן בייז און האַרב:

„הער וויליאַם קאַלדערוף, ווי איך וואָלט נישט געוואָלט זיין העפלעך און עלעגאַנט, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אַלטן פּראָפעסאָר פון טענץ און שיינע מאַנירן, דאָך פיל איך אַזאַ געזאַלצנקייט אויף דער צונג, אַז איך מוז אייך אַ וואָרף טאָן אין פּנים אַריין דעם אמת און זאָגן, אַז איך גלויב אייך קיין איין וואָרט נישט! ניין, קיין איין וואָרט נישט! וואָס וועט איר, אַ שטייגער, זאָגן וועגן דעם קראָקאָדיל, וואָס האָט מיך געוואָלט פאַרצוקן, אַזוי, אַז איך האָב מיך קוים געראַטעוועט מיטן לעבן?"

„וואָס פאַר אַ קראָקאָדיל?" — האָט וויליאם קאַלדערוף געפרעגט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. — „איך ווייס נישט פון אַזוינע זאַכן."

„און איך ווייס יאָ!" — האָט טאַרטעלעט שאַרף אַ זאָג געטאָן. — „דאָ שווימלט און גרימלט מיט די געפערלעכסטע חיות אין דער וועלט! מען האָט אונדז דאָ פאַרמוטשעט, פאַרפּייניקט און מקצר געווען די יאָרן און טעג!.."

„דאָ זענען דאָך אָבער נישטאָ קיין בלוטדורשטיקע חיות אויף דער אינדזל," — האָט קאַלדערוף זיך רויִק אָנגערופן. — „אין די קניה-אַקטן ווערט דייטלעך געזאָגט, אַז אויף דער אינדזל ספּענסטער זענען נישטאָ קיין בלוטדורשטיקע חיות. דאָס איז אַ שטיל ווייל אינדזעלע, וווּ אַ מענטש קען זיך אויסלעבן גליקלעך זיין ביסל יאָרן!.."

און קאַלדערוף האָט זיך צעלאַכט.



טאַרטעלעט האָט זיך ווידער אַרויסגערוקט מיט צעשפּרייטע הענט און מיט שוים אויף די ליפּן.

ער האָט גענומען טרייסלען מיט די הענט אין לופטן און שרייען:

„יאָ, הער קאַלדערוף, מען קען זיך וויצלען און טרייבן חוזק, אָבער פאַראַן אַ מאָמענט, ווען מען דאַרף שווייגן און אַראָפּבויגן דעם קאָפּ פאַר מענטשלעכע יסורים און ווונדן... און מיר, וואָס האָבן פאַרבראַכט אויף דערדאָזיקער אינדזל, זענען מענטשן פון יסורים... און איך נאָכמער פון זיי. ערשטנס, בין איך אַ טיפערער מענטש פאַר זיי, און אַ קליגערער, און, צווייטנס, בין איך אַן אַלטער מאַן... איר האָט געשפּילט מיט מיר אַ מיאוס, אַ געמיין שפּיל, הער קאַלדערוף! איר האָט מיך אַריינגעוואָרפן אין אַ לייבנגרוב!... איר האָט... איר וועט זיך אָבער נישט באַליידיקן אויף מיר, נאַטירלעך, וואָרים די העפלעכקייט, וואָס איז בעצם מיין געגנשטאַנד, האָט אויך איר צייט און איר אָרט. מען קען דאָך נישט זיין העפלעך אין אַ לייבנגרוב!..."

קאַלדערוף מיט די מאַטראָזן האָבן זיך צעלאַכט און קאַפּיטאַן טירקאָט האָט אַ ווייז געטאָן מיטן פינגער אויפן שטערן.

מען האָט ווידער אויסגעטרונקען צו געזונטלעך ווייַן, און וויליאם קאַלדערוף האָט געזאָגט:

„הער נאָר, גאָדפריי, מיין טייערער שפּילפייגל, דו האָסט דאָך ליב נסיעות, פּאַסירונגען און אינדזלען. אפשר ווילסטו פאַרבלייבן אויף דערדאָזיקער אינדזל? איך שענק דיר זי אַוועק און דו קענסט דאָ מאַכן אַ שיין לעבן... קיינער וועט דיר נישט שטערן, חלילה! וועסט דאָ לעבן, ווי אַ מלך און וועסט דאָ אויסלעבן דיינע הונדערט און צוואַנציק יאָר אין גרויס תענוג און נחת!

„נאָר אָן מיר!" — האָט דער אַלטער טאַנצפּראָפעסאָר אַ בורטשע געטאָן פון זיין אָרט. — „איך דאַנק אייך פאַר אַזאַ לעבן!"

פינא, דאָס מיידל מיט די גאָלדענע האָר און שוואַרצע אויגן, האָט זיך שטאַרק פאַרויטלט. זי האָט אָנגענומען גאָדפריס האַנט און געזאָגט:

„דו וואָלסט דאָ געוואָלט פאַרבלייבן אויף דער אינדזל, גאָדפריי?"

„ניין, ניין, גאָט זאָל מיך אָפּהיטן!" — האָט זיך דער יונגער מיליאָנער אַ כאַפּ געטאָן פאַר דעם צעשויבערטן פאַרוואַקסענעם קאָפּ. — „ניין, ניין, ניין!"

אין אַ ווײַלע אַרום אָבער האָט ער זיך אַראָפּגענויגט צו פינאַן און זיך אָנגערופן ווייך און ציטריק:

„און אפשר וואָלט איך דאָ פאַרבליבן... אָבער נאָר מיט דעם תנאי, אַז דו זאָלסט דאָ פאַרבלייבן, מיין טייערע, אַז דער פעטער זאָל דאָ וווינען צוזאַמען מיט אונדז און אַז היינט, איצט, אָט דאָ אין געצעלטל, זאָל זיך אָפּשפּילן אונדזער חתונה... איך וויל קיין איין מינוט מער נישט וואַרטן. ביי אַזעלכע באַדינגונגען פאַרבלייב איך דאָ..."

אַלע האָבן געשוויגן.

וויליאַם קאַלדערופ האָט זיך אָפּגעבלאָזן און געזאָגט:

„דידאָזיקע באַדינגונגען לאָזן זיך נישט אָנעמען. איך זע שוין, אַז דו ווילסט דאָ נישט פאַרבלייבן און זוכסט שוין נישט נישט מער קיין פאַסירונגען... אפנים, אַז מיר וועלן מוזן אַרויספאָרן קיין סאַן-פראַנציסקאָ..."

און דער אַלטער טאַרטעלעט האָט בעת מעשה שטיל געשעפּטשעט אין זיין ווינקל:

„אויף דער וועלט לעבט בלויז די טעמפּקייט און דער שכל



און די טיפקייט ליגן אין דר'ערד... אָט גיט מען דער טעמפּקייט אַ כלה, איז זי שיין, ווי די זון, און איך, דער גרויסער פּראָפעסאָר פון טענץ און שיינע מאַנירן, האָב נאָך קיינמאָל נישט חתונה געהאַט... אים גיט מען אַלץ און איך האָב געהאַט אַ פייג סאַמע אונטער דער נאָז!... אַ קלאָג צו אַזאַ וועלט און אַזאַ לעבן!..."

* *
*

עס איז שוין געווען גרויסער טאָג. דער עולם איז אַרויס אינדרויסן. דער פראָסט האָט נאָכגעלאָזט. אַ וואַרעמע זון האָט דורכגעשניטן די קאַלטע הימלכמאַרעס.

פונם גאַנצן „ווילי-פאַלאַץ" איז פאַרבליבן אַ בערגל מיט אַש, אין וועלכן עס האָבן נאָך געטליעט עטלעכע קוילן.

קאַלדערופ איז געשטאַנען, אַ הויכער און אַ ברייטער, און האָט רויק באַטראַכט די אינדזל.

גאָדפריי האָט זיך אָנגערופן צו אים:

„פעטער, די אינדזל הייסט ביי אונדז „פינאַ" און דער בוים, אין וועלכן מיר האָבן געוווינט און וואָס פון אים איז איצט געבליבן אַ בערגל אַש, האָט געהייסן „ווילי-פאַלאַץ..."

„איך דאַנק דיר זייער פאַר דיין גוטן זכרון," — האָט דער פעטער געזאָגט, — „אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז דו ווילסט נישט פאַרבלייבן קיין ראָבינזאָן... דו ווילסט, זע איך, אַנטלויפן פונדאַנען!"

„דערווייל האָב איך עס גענוג," — האָט גאָדפריי שטיל געזאָגט.

„נו, אויב גענוג, באַדאַרף מען אַרויספאָרן קיין סאַן-פראַנציסקאָ..."

דער עולם האָט לאַנגזאַם שפּאַצירט. מען האָט באַטראַכט די אינדזל.

טאַרטעלעט האָט נאָכגעהונקען דער לעצטער. ער איז געגאַנגען מיט טויטע קללות אויף די ליפּן:

„אַ מכּה זיי אַלעמען אין בויך! אין די געדערעם! אין די קני! אין די אויגן! אין האַרץ!"

ער האָט זיך אָבער לאַנג נישט געקענט שעלטן. ער האָט מורא געהאַט פאַר די חיות אויף דער אינדזל און האָט געפילט גרויסע יסורים אין מאָגן, צו וועלכן ער האָט נישט געקענט צולייגן קיין קאָמפּרעס.

קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט.

שפּאַצירנדיק טיפער אין וואַלד, האָט מען באַמערקט ווילדע חיות פון ווייטן. אַ געשטרייפטער טיגער האָט געעפנט זיין פּיסק און האָט געמאַכט אַ פאַרדעכטיקע באַוועגונג, ווי ער וואָלט געוואָלט אַ שפּרונג טאָן צו די מענטשן, אָבער ער האָט זיך, משמעות, אינמיטן מיישב געווען, אַז עס איז צו גרויס די קאָמפּאַניע און איז, ווי אַ קאַץ, אַנטרונען געוואָרן צווישן די ביימער.

ערגעץ ווייט, ווייט האָט געברומט אַ הונגעריקער לייב און אַ היענע איז אַרויסגעשפּרונגען פון אַ קוסט...

טאַרטעלעט האָט העכדום-פּעכדום אַריינגעהונקען אין עולם מענטשן און האָט זיך צוגעטוליעט צו קאַרעפינאַטון, וואָס איז געגאַנגען און געשמייכלט מיט בלענד-ווייסע ציין. דערדאָזיקער גוטער און ליבער נעגער האָט סתם אָנגעקוואָלן פון דער גאַנצער מעשה...

אַ גרויער בער האָט ערגעץ נישט ווייט געבראָכן די צווייגן אונטער זיינע פיס און האָט זיך, קענטיק, אויך מיישב געווען, צי ער זאָל דאָ אָנפאַלן אויף די מענטשן, צי נישט.



און אויך ער האָט, משמעות, באַשלאָסן, אַז דער עולם איז דאָ אַ צו גרויסער.

גאָדפריי, וואָס איז געגאַנגען געאָרעמט מיט פינאַן, האָט זיך שטיל אָנגערופן צום פעטער:

„אָבער גאָט אין הימל! ווי קומען אַהער דידאָזיקע חיות? פונוואַנען האָבן זיי זיך גענומען? אַז מיר זענען געקומען אַהער, איז דאָ קיין זכר נישט געווען פון זיי. היינט ווי קומען זיי פאָרט אַהער? אויך דער קלימאַט איז דאָ גאָרנישט צוגעפּאַסט פאַר זיי. וואָס איז דאָס פאַר אַ רעטעניש?.. מילא, דער ערשטער גרויער בער און דער ערשטער טיגער, אין וועלכע איך האָב געשאָסן, זענען געווען, זאָגט איר, נישט מער, ווי אַן אָנשטעל — אויסגעשטאָפּטע חיות מיט פּרוזשינעס, מיט מאַשינקעס... אָבער דאָ זעט איר דאָך אמתע לייבן און אמתע טיגערס... דאָס איז דאָך שוין נישט קיין אָנשטעל, נישט קיין שפּיל, נאָר אַן אמת?"

קאָלדערופּ האָט אים אויך שטיל געענטפערט:

„דו ווייסט דאָך, מיין ליבער, אַז איך האָב ליב צו טאָן אַ זאַך בשלמות. איך האָב פיינט טאַנדעטנע אַרבעט... אַזוי בין איך אין געשעפט און אַזוי בין איך אין אַלץ — אפילו אין אַ שפּיל... איך האָב דיר געגעבן פאַלשע אויסגעשטאָפּטע חיות. איך ווייס אָבער נישט פון עכטע, פון לעבעדיקע... עס איז דאָך דאָ טאַקע אַ מורא אַרויסצושטעלן אַ פוס אינדרויסן... דו גייסט דאָ אַרום, ווי אין אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן... דער גאַנצער ענין איז מיר אומפאַרשטענדלעך. ווי קומען זיי טאַקע אַהער?"

„אָבער די חיות וועלן דאָך מאַכן אַ תל פון דער אינדזל? קיינער וועט דאָ אַ פוס נישט קענען אַראָפּשטעלן. דאָס לעבן איז דאָ געפערלעך, וואָס געפערלעך הייסט!"

דער פּעטער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. ער האָט געזאָגט:

„זיי וועלן דאָך אויך האָבן אַ וויסטן סוף. די טיגערס וועלן אויפֿרעסן די בערן און די בערן וועלן אויפֿרעסן די היענעס און די לייבן וועלן אַלעמען אויפֿרעסן און וועלן נאָכדעם אַליין אַוועקפּגרן פֿון הונגער און קעלט... זיי ליגן דאָ אויך גוט אין פּעקל, נאָך ערגער ווי די מענטשן...“

* * *

דער עולם האָט זיך נאָך אַ ביסל געוויילט אויף דער אינדזל, וואָס האָט אויסגעזען זייער מרה־שחורהדיק אין דעם ווינטערדיקן טאָג ביי דעם אויסטערלישן קאָנצערט פֿון די בלוט־דורשטיקע חיות.

עס האָבן געשריען לייבן, טיגערס, בערן און היענעס.

עס איז טאַקע געווען אַ פּחד צו גיין אין די וועלדער פֿון דער אינדזל פּינאַ.

טאַרטעלעט, אַן אויסגעפּייניקטער פֿון פּחד און פֿון מאָגן־יסורים, מיט אַ ציטערדיקער גאָמבע און מיט אַ בלויער נאָז, האָט זיך אַלץ מער און מער איינגעטוליעט אין קאַרעפּינאָטון.

ער האָט געשעפּטשעט און געשטאַמלט צו אים:

„דו וועסט מיך באַשיצן, מיין ליבער... דו וועסט מיך אַוודאי באַשיצן... וואָרים איך בין ווערט, מען זאָל מיך באַשיצן“...

נאָכדעם איז דער עולם אַוועק צום ברעג און איז אַרויף אויפֿן „דרים“, וואָס איז געשטאַנען אַן אויסגעפּוצטער און האָט געגלאַנצט מיט זיינע פּאָלוטירטע ווענט, מיט זיינע קוימענס און חויכע זעגלביימער.

דער לאַנגער טיש אין דער אַלגעמיינער קאַיוטע איז



געווען ווייס־געדעקט און אויף אים איז געשטאַנען פֿון כל טוב: פֿרוכטן, וויינען, פֿאַרשידענע מינים שאָקאָלאַד, פֿאַרצוקערטע פֿאַרביקע פּירות, קאַלטע מינים פֿליישן, קעזן, בלומען...

מען האָט זיך געזעצט צום טיש און מען האָט גענומען פּראַווען אַ סעודה, ווי עס קענען זיך פֿאַרגינען נאָר מיליאָנערן.

פֿאַר דער סעודה האָט גאָדפֿריי זיך אַרומגעוואַשן, זיך אַרומגעשאָרן (אויפֿן „דרים“ איז געווען אַ ספּעציעלער שערער) און זיך אויסגעפּוצט אין אַ שוואַרצן אַנצוג, וואָס פּינאַ האָט געבראַכט פֿון סאַן־פֿראַנציסקאָ. ער האָט זיך איצט געפֿילט מונטער און זיכער און האָט געטראַכט, אַז דער סוף איז דאָך אַ גוטער. ערשט נעכטן האָט ער איבערגעלעבט דעם גרעסטן פּחד אין זיין לעבן, און אָט זיצט ער ביי אַ רייַנגעדעקטן טיש און זעט פּינאַן און דעם פֿעטער און פֿילט די מחיהדיקע לופֿט פֿון סאַן־פֿראַנציסקאָ...

„איצט איז מיר אַלץ קלאָר,“ — האָט ער זיך אָנגערופֿן נאָך דער רייכער סעודה, וואָס איר זויבערקייט האָט אים פֿון אָנהייב אַזוי איבערראַשט. — „איך פֿאַרשטיי שוין אַלץ. איך האָב אויף אַלץ אַן ענטפֿער. אָבער צוויי זאַכן בלייבן נאָך פֿאַר מיר אַ גרויס רעטעניש... עס איז אַ סוד, וואָס איז נאָך פֿאַר מיר נישט אַנטפּלעקט געוואָרן...“

„וואָס אַזוינס?“ — האָט דער פֿעטער געפֿרעגט.

„דער רויך און די חיות!“

„וואָסער רויך?“

גאָדפֿריי האָט אים דערקלערט.

„דאָס איז פֿאַר מיר אויך אַ סוד,“ — האָט דער מיליאָנער געזאָגט. — טאַקע פֿונוואַנען נעמט זיך דאָ אַ רויך? איך קען דיר שווערן, אַז איך האָב דעם רויך נישט באַשטעלט אין די

כעמישע געשעפטן פון סאַן-פראַנציסקאָ... אַזוינס איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלן."

„פאַר מיר איז עס אָבער אַ וויכטיקע פראַגע," — האָט גאָדפריי געזאָגט.

„מיט וואָס איז עס אַזוי וויכטיק?"

„דאָס קען נאָר פילן דער, וואָס האָט דאָ, ווי איך, איבערגעלאָזט אַ שטיקעלע נשמה... זעקס חדשים האָב איך דאָ פאַרבראַכט, פעטער, און לויט די אינטענסיווע איבערלעבונגען, זענען עס געווען זעכציק יאָר... דער רויך האָט מיך אָן אויפהער געפייניקט אַלע טאָג."

קאַפּיטאַן טירקאָט האָט זיך אַריינגעמישט.

ער האָט געזאָגט:

„נו, מילא, אויף אַלץ האָט איר באַקומען אַ גענויען ענטפער, מעגן דאָך זיין אַ פּאָר זאַכן, וואָס זענען פאַרבליבן אומפאַרשטענדלעך פאַר אייך... חוצדעם, מיין איך, אַז איר וועט נאָכאַמאָל קומען אויף דער אינדזל פינאַ, און דעמאָלט וועט אייך אפשר געלינגען אויסצוגעפינען די אמתע סיבה..."

דער עולם האָט נאָך לאַנג געשמועסט. עס איז געווען געמיטלעך און וואַרעם אין קאַיוטע. בלויז איין טאַרטעלעט האָט זיך געדרייט ווי אַ שלאַנג פון מאָגן-יסורים. ער האָט נישט געקענט עסן, און דאָס אַליין האָט אים פאַרשאַפט גרויס אַנגסט און יסורים. אויסערדעם, האָט ער דאָ, אין דער קאַיוטע, נישט געקענט זיך צולייגן אַ קאָמפּרעס צום בויך, וואָס האָט אים על פי רוב געהאָלפן. ער האָט זיך נישט געקענט באַוועגן. ער איז געווען שמוציק, אָפּגעלאָזט, פאַרוואַקסן, און עס האָט פון אים געשמעקט חיה און נאָרע...

דער קאַפּיטאַן האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן צו זיינע מאַט-



ראָזן. עס האָט זיך דערהערט דאָס קלאַפּן פון מאָטאָר. אַ שוואַרצער רויך האָט אַרויסגעזעצט פון דעם שיף-קוימען.

דער „דרים" האָט זיך גראַציעז אויסגעדרייט אין וואַסער.

„מיר פאָרן!" — האָט קאַפּיטאַן טירקאָט געמאָלדן.

עס איז געווען דער 22-סטער יאַנואַר.

עמעץ האָט זיך פלוצלונג צעשריען:

„אַי-אַי-אַי!..."

אַלע האָבן זיך אומגעקוקט. דאָס איז געווען דער אַלטער טאַנצפּראָפעסאָר. ער האָט זיך איצט געשראָקן פאַר וואַסער.

קליינע דראָבנע טרערן זענען אים אַרויסגעפאַלן פון די אַלטע אויגן.

וויליאַם קאלדערופ האָט זיך אָבער צעלאַכט און געזאָגט:

„שעמען מעגט איר זיך!... אַ פּראָפעסאָר פון שיינע מאַנירן זאָל זיך האַלטן אַזוי נישט שיין, איר וועט דאָך פאַרלירן אַלע אייערע תלמידים..."

טאַרטעלעט האָט אים נישט געענטפערט. ער האָט נאָר אַ טרייסל געטאָן מיט דער קליינער פויסט אינדערלופטן, ווי ער וואָלט געדראָעט דעם מיליאָנער. ער האָט זיך געפונען אין אַזאַ שווערן צושטאַנד, אַז ער האָט אַפילו נישט געבעטן, מען זאָל אים מוחל זיין פאַר דערדאָזיקער באַוועגונג.

די שיף האָט זיך לייכט געגליטשט איבער די קליינע כוואַליעס פון אָקעאַן.

עס איז געווען אנגענעם אויפן „דרים", ווי אין אַ געמיטלעכן צימער. גאָדפריי האָט איצט איבערגעלעבט די גליקלעכסטע מינוטן אין זיין לעבן.

ער איז דורכגעגאַנגען אַ קורצע, אָבער אַ שווערע שולע פון נויט, אַ שולע פון אַ ראָבינזאָן, און דאָס, וואָס ער האָט איצט דערזען אויסער דערדאָזיקער שולע, האָט אים ממש פאַר-

כּישופט. עס האָט אים פאַרכּישופט די שיף, די זויבערקייט פון די קאַיוטעס, דער פעטער מיט זיין געזונטן פעטן שמייכל און פינאַס גאָלדן קעפל מיט די שוואַרצע אויגן.

ער האָט זיך געוואָלט פרייען, לאַכן, טאַנצן און ער האָט זיך געפרייט, געלאַכט און געטאַנצט.

און די שיף איז דערווייל געגאַנגען איר וועג און עס איז געווען טאָג און נאַכט, וואָס זענען אַזוי געפלויגן, אַז מען האָט זיי קוים באַמערקט, און אָט איז זי בשלום אָנגעקומען אין סאַן-פראַנציסקאָ.

סאַן-פראַנציסקאָ!

וואָס פאַר אַ כּישוף עס ליגט אין דעמדאָזיקן וואָרט פאַר די מענטשן, וואָס האָבן זיך אַזויפיל אָנגעליטן אויף דער אינדזל פינאַ.

גאָדפריי איז אַראָפּגעגאַנגען פון „דרים” מיט שווימענדי-קע טריט, ווי אין אַ חלום...

אַלץ האָט אים אויסגעזען אַזוי ניי און אומגלויבלעך.

ער האָט געזען הויכע שויפענסטער פון רייכע געשעפטן, קאַרעטן, לייכטע עקיפּאַזשלעך, עלעגאַנטע דורכגייער, פּאָרלעך, אויסגעפוצטע דאַמען און פאַרשמייעטע מענטשן, וואָס האָבן זיך אַזוי איילִיק געיאָגט איבער לאַנגע-לאַנגע גאַסן, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער זעט דאָס אַלץ צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן.

דאָס האַרץ איז אים געווען פול.

ער האָט גענומען פינאַן ביים אָרעם און האָט שטאָלץ און גליקלעך געשפּאַנט מיט איר איבער יענע גאַסן, ווו עס האָבן אַמאָל אָפּגעקלונגען די טריט פון זיין יוגנט.

דער פעטער האָט אים אָבער פלוצלונג אָפּגעשטעלט אין זיין גליקלעכן מאַרש.

גאָדפריי האָט זיך אומגעקוקט



קאַלדערופּ האָט געפירט עפּעס אַ מענטשל ביים אָרעם. דער מענטש האָט געהאַט אַ כינעזיש פּנים מיט קליינע קרומע לויפיקע אייגלעך.

גאָדפריי האָט געפרעגט:

„וואָס איז געשען, פעטער?”

ווילִיאַם קאַלדערופּ האָט געזאָגט:

„אָט דאָס מענטשל האָט זיך באַהאַלטן אין אונטערדעק פון „דרים” און איז מיט אונדז געקומען אַהער פון דער אינדזל פינא, ווי זי הייסט ביי אייך.”

„וואָס?”

גאָדפריי האָט זיך בעסער צוגעקוקט צו דעמדאָזיקן פּאַר-שוין און האָט אים באַלד דערקענט.

דאָס איז געווען דער כינעזישער קאָמיקער סען-ווו...

„אַ, וואָס מאַכט איר? ווי קומט איר אַהער?”—האָט אים גאָדפריי דערלאַנגט די האַנט און גענומען שמייכלען, אַ גליק-לעכער, וואָס אויך דער מענטש האָט זיך אָפּגעפונען.

סען-ווו האָט ערנסט געזאָגט:

„מיט מיר איז געשען אַ גרויס אומגליק. איך האָב תּחילת געמיינט, אַז אייער שיף גייט קיין שאַנכאַי און האָב מיך אַריינ-געגנבעט, ווי אייך איז באַקאַנט, אין אונטערדעק. ביי אָט דעם פייערלעכן מאָמענט וועט עס הער קאַלדערופּ געוויס מוחל זיין אַן אָרעמען כינעזער. דער „דרים” איז אָבער נישט געגאַנגען קיין שאַנכאַי. איך האָב געזען, אַז ער גייט גאָר אונטער... דעמאָלט בין איך אריינגעשפּרונגען אין די כוואַליעס און האָב מיך געראַטעוועט אויף דער אומבאַקאַנטער אינדזל...”

„זענט איר געווען אויף דער אינדזל צוזאַמען מיט אונדז?”— האָט גאָדפריי געפרעגט.

„יאָ, צוזאַמען מיט אייך.”

„שטאַמט עס, הייסט עס, דער רויך פון אייך?"

„יאָ, איך האָב עפּעס פאַנאַנדערגעלייגט אַ פייער..."

„פאַרוואָס האָט איר אייך נישט פאַרייניקט מיט אונדז?"

דער כינעזער האָט שטיל און העפלעך געשמייכלט.

ער האָט געזאָגט:

„אַ כינעזער האָט ליב איינזאַמקייט, בפרט אין אַן אומגליק..."

„אַ שאָד!"

„אַזוי איז עס אָבער."

„איז עס געווען אייער רויך?"

„יאָ, מיין רויך..."

„אויב אַזוי," — האָט גאָדפריי זיך אָנגערופן, — „איז מיר געבליבן איין זאַך נישט פאַרענטפערט.

„וואָס?" — האָט קאלדערופ געפרעגט.

„די חיות!"

קאלדערופ האָט געזאָגט:

„אייגנטלעך גייט מיר דער רויך נישט אָן. איך האָב גאָר פון אים נישט געטראַכט. אָבער די חיות, זעסטו, זענען טאַקע אַ רעטעניש פאַר מיר! ווי קומען זיי אויף דער אינדזל, ווען עס שטייט בפירוש אין קאָנטראַקט, אַז דאָרט זענען בלוטדורשטיקע באַשעפענישן נישט בנמצא. דאָס איז דאָך אַ געוואַלדיקער שווינדל, פאַר וועלכן איך קען אָנקלאָגן די רעגירונג, וואָס האָט מיר פאַרקויפט די אינדזל... איך פאַרשטיי עס נישט!"

„אפשר ווייסט איר דעם סוד פון די חיות?" — האָט גאָדפריי געפרעגט דעם כינעזער.

יענער האָט געענטפערט:

„איך האָב מיך אויך שטאַרק געחידושט אויף זיי. די גאַנצע צייט האָב איך זיי נישט געזען. אָבער די לעצטע טעג האָבן זיי מיך גוט איבערגעשראָקן..."



„נו, ווי האָט איר געלעבט אויף דער אינדזל?" — האָט אים גאָדפריי ווידעראַמאָל אַ פרעג געטאָן.

„אָט מען האָט געלעבט... נאַטירלעך, עס איז געווען אַ שווער ביטער לעבן."

„מיט וואָס האָט איר זיך גענערט?"

„מיט פיש, מיט קאמאס-וואָרצעלעך... טיילמאָל פלעג איך פאַקן אַ פייגל..."

„מיט וואָס?"

„מיט אַ נעץ פון שטריק..."

„עס איז דאָך אָבער שווער.

„אַז מען מוז, העלפט נישט קיין טענות. און אַזוי האָט מען געלעבט."

„וואָס האָט איר אייגנטלעך געטראַכט אויף דער אינדזל?"

דער כינעזער האָט געשמייכלט.

„איך האָב געטראַכט," — האָט ער געזאָגט, — „אַז איר וועט דאָ לאַנג נישט פאַרברענגען, און דעריבער האָב איך אייך שטענדיק נאָכגעהיט... איר האָט מיך נישט געזען, איך אייך — יאָ... איך האָב געוווסט, אַז איר וועט מוזן אַוועק פון דער אינדזל און איך האָב אָפּגעוואַרט אייער שיף... איך האָב עס אַלץ געמאַכט זייער פאָרזיכטיק און גוט..."

„און ווו האָט איר געוווינט?"

„אין אַן אויסגעהוילטן בוים, אַזוי ווי איר... איך האָב געזען אייער בוים... מיינער איז געווען אַ קלענערער און אַ באַקוועמערער... דאָרט האָב איך געהאַט אַ ווייך געלעגער. עס איז געווען שטיל און רויִק... אין בוים האָב איך מיר צוגעפּאַסט אַ טיר און אַ פענסטער... עס איז געווען ליכטיק..."

„און אַזוי האָט איר געלעבט?"

„יאָ, אַזוי האָב איך געלעבט. טיילמאָל האָב איך געזען

אייער אַלטן מאַן... ער הייסט, דאַכט זיך, טאַרטעלעט... פון ווייטן האָב איך געזען, ווי עס ציטערט אויף אים די הויט פון פחד... ווי ער קוקט זיך אַרום, ווי אַ האָז, וואָס איז אַרומגערינגלט פון וועלף... ער האָט זיך גוט געשראָקן, דער אַלטער...״

טאַרטעלעט, וואָס איז געשטאַנען דערביי, האָט זיך גאָרנישט צוגעהערט צו דעם כינעזערס ווערטער. דער מענטש האָט זיך געענדערט אין אַ שעה צייט.

די גרויע הויט פון זיין אויסגעטריקנטן פנים איז העלער געוואָרן, אין די אויגן האָט זיך באַוויזן אַ וואַרעמער גלאַנץ.

ער האָט זיך שוין נישט געהאַלטן פאַרן בויך. זיינע ליפּן האָבן ווייך געשעפּטשעט:

„סאַן-פראַנציסקאָ, געזונט זאָלסטו מיר זיין און געבענטשט זאָלסטו מיר זיין דערפאַר, וואָס מיינע אויגן זעען דיך... געבענטשט זאָל דאָ זיין יעדער שטיין, יעדער סלופּ, יעדעס הויז... סאַראַ זיכערקייט עס איז דאָ אין די גאַסן? מען גייט, מען פאָרט, מען שפּאַצירט... נישטאָ דאָ קיין לייבן, קיין בערן, קיין טיגערס, קיין קראָקאָדילן און קיין מענטשנפרעסער... פּאָליציי איז פאַראַן און פּאָליציי היט דאָ אָפּ דעם מענטשנס לעבן... אַך, סאַן-פראַנציסקאָ, סאַן-פראַנציסקאָ, געזונט זאָלסטו מיר זיין און געבענטשט זאָלסטו מיר זיין!״

דער אַלטער האָט כסדר געשעפּטשעט.

פינאַ, וואָס איז שטאַרק געוואָרן פון די שטילע ווערטער, וואָס האָבן זיך ווייך געפּלאָנטערט אויף זיינע ליפּן, האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין מאָגערער אויסגעבויגענער פּלייצע און זיך אָנגערופן צו אים:

„נו, הער טאַרטעלעט, איצט וועט איר קענען אָפּרוען... איר זענט, נעבעך, געווען אַ שלעכטער ראָבינזאָן... דערפאַר וועט איר איצט האָבן אַ שטילע רויִקע עלטער...״



דער אַלטער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געשטאַמלט מיט אַלטע אויגן, וואָס האָבן געקוקט ערגעץ ווייט, ווייט:

„יאָ, אין סאַן-פראַנציסקאָ וועל איך אָפּרוען, מיין טייערע... דאָס איז מיין ליבע שטאָט, ווו איך בין געבוירן געוואָרן, זיך אויסגעהאָדעוועט און דערוואָרבן זיך אַ נאָמען פון אַ באַרימטן פּראָפעסאָר... יאָ, דאָס איז מיין שטאָט, מיין גאָלדענע שטאָט... סאַן-פראַנציסקאָ... און וועגן ראָבינזאָנען, מיין ליבע, דערמאָנט מיר נישט. ראָבינזאָן איז געווען אַ נאַר און אַ טיפּש...״

* *
*

סען-ווו האָט זיך העפלעך פאַרנויגט פאַר דער קליינער גרופּע מענטשן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין גאַס, נישט ווייט פון האַפן.

ער האָט געזאָגט:

„איך וועל מיך דאָ צעשיידן מיט אייך... איך דאַנק באַזונדערס דעם הער קאָלדערופּ, וואָס דער טונקעלער אונטערדעק פון זיין שיינער שיף האָט מיך געבראַכט אַהער. איך מיין, אַז פאַר מיר וואָלט אויך נישט געווען קיין תכלית צו פאַרבלייבן אַליין אויף דער אינדזל אין דער ערנסטער געזעלשאַפט פון לייבן און קראָקאָדילן...״

ער האָט געשמייכלט, אַראָפּגעצויגן פאַר אַלעמען דעם הוט און איז מיט דראָבנע טריט אַוועק איבער דער לאַנגער גאַס.

קאָלדערופּ האָט געזאָגט:

„אייגנטלעך איז דער אמתער ראָבינזאָן געווען אָט דער כינעזער... ער איז געקומען אָן שום מיטלען אויף דער אינדזל פינא און אָן שום מיטלען און אָן זייטיקער הילף דורכגעמאַכט גאַנצע זעקס חדשים... און ער זעט גוט אויס, פונקט

ווי ער וואָלט געקומען פון אַ זומערוווינונג... דאָס באַווייזט, אַז דער יונג האָט אַ כאַראַקטער, און אַ כאַראַקטער, מיינע טייערע, איז אַלץ: געלט, אויפטו, לעבן!..."

„איך בין מסכים מיטן פעטער," — האָט גאָדפריי געזאָגט. — „נאָר איך מוז נאָך צוגעבן, אַז דאָס אינדזעלע פינא איז די בעסטע שולע צו דערציען אַ כאַראַקטער... איך בין שוין נישט דער, וואָס געווען. איך האָב מיך אויפגעהערט צו פיעסטען, איך קען שוין נישט שלאָפן לאַנג, ווי אַמאָל, איך האָב פיינט פוילקייט און עס ווילט זיך מיר עפעס טאָן... איך בענק נאָך אַ קלוג טעטיק לעבן. איך וויל אַרבעטן, פעטער!..."

וויליאַם קאַלדערופ האָט זיך הויך צעלאַכט.

„אָט אַזוי! אָט אַזוי! איך הער ווערטער!" — האָט ער געזאָגט און האָט אַרומגענומען דעם פלימעניק אינמיטן גאַס.

נאָכדעם האָט מען זיך אַרייַנגעזעצט אין לייכטע עקיפאַזשלעך און מען איז אַוועקגעפאָרן אין דעם מיליאָנערס פּאַלאַצל.

* * *

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט דאָס יונגע פּאָרל חתונה געהאַט.

עס איז געווען אַ פריילעכע חתונה. עס איז געווען פון כל טוב. ווייַן האָט זיך געגאָסן, ווי וואַסער. די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט יום-טוב און שמחה. אַ גרויסער אָרקעסטער האָט געשפּילט צו די טענץ. דאָס שענסטע איז אָבער געווען די ליבע, וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון דעם יונגן פּאָרל. ביידע זענען געווען שיכּור און פאַרכּישופט פון ליבע.



קאַלדערופ האָט זיי געקויפט אַ פּאַלאַץ אויף איינער פון די שענסטע גאַסן אין סאַן-פראַנציסקאָ, און דאָס פּאָרל האָט געלעבט אַ גליקלעך פריילעך לעבן.

געלעבט האָט אויך גוט דער אַלטער טאַרטעלעט. אויף אַזאַ עלטער האָט ער זיך גאָרנישט געריכט. ער האָט געוווינט אין דריי צימערן מיט אַ קאַמערדינער און אַ לאָקיי.

ער האָט זיך אויפגענייט אַ פראַק און האָט געטראָגן שניי-ווייסע וועש, און אויפן מיטלסטן פינגער האָט אים געבלישטשעט אַ טייערער ברילאַנט.

אויף די שיין-געקוועטשטע קאַרטלעך מיט מאַט-ראָזע ברעגן האָט ער געלאָזט אָפדרוקן מיט דיקע גאָלדענע אותיות:

> **טאַרטעלעט**
> באַרימטער פּראָפעסאָר פון טענץ
> און שיינע מאַנירן
> סאַן-פראַנציסקאָ

זיינע קראַנקע פיס האָבן שוין נישט באַדאַרפט גיין און אַרומקריכן איבער די לאַנגע גאַסן. טאַרטעלעט האָט געהאַט אַ וווּיל עקיפּאַזשל, געשפּאַנט מיט צוויי הייסע פערד.

און אַז ער איז געקומען ערגעץ מיט אַ וויזיט, האָט ער פאַרציילט פון דער אינדזל פינא. ער האָט אָבער פאַרציילט מיט גרויסע ליגנס און שקרים.

לויט זיינע מעשיות איז אויסגעקומען, אַז ער האָט דערהרגעט אויף דער אינדזל, כּמעט מיט דער בלויזער האַנט, גאָר אָן געווער: 3 לייבן, פיר טיגערס, פינף גרויע בערן און צוויי קראָקאָדילן. און דערביי פלעגט ער צוגעבן מיט זייער אַ שטרענגער און ערנסטער מינע:

24940

„ווען נישט איך, וואָלט דער יונגער גאָדפריי שוין לאַנג געווען טויט. איך האָב אים געראַטעוועט דאָס לעבן!...“

די מענטשן האָבן זיך זייער געוואונדערט, הערנדיק אים, און ער האָט ווידעראַמאָל צוגעגעבן מיט גרויס חשיבות און באַשיידענעם שטאָלץ:

„נאַטירלעך, דערצו מוז מען זיין זייער אַ דרייסטער מענטש!“

*

איינמאָל האָט וויליאַם קאַלדערופ באַקומען אַ קורץ בריוועלע. דער מיליאָנער האָט געלייענט:

„חשובער הער קאַלדערופ,

ווי געפעלן אייך, אַ שטייגער, די חיות אויף דער אינדזל ספענסער? האָבן זיי אייך עפעס גוט געשמעקט?

דזשאָן טאַסקינאַר, סטאָקטאָן.“

אַזוי־אַרום איז אויך דער לעצטער סוד אַנטפּלעקט געוואָרן. טאַסקינאַר, דער גראָבער מיליאָנער פון סטאָקטאָן האָט זיך נוקם געווען אין די ראָבינזאָנס פאַרן אינדזעלע, וואָס קאַלדערופ האָט אים דעמאָלט אויסגעקאָנקורירט.

אַלע האָבן איצט געלאַכט, און גאָדפריי האָט זיך אָנגערופן צו זיין יונג ווייבעלע:

„פונדעסטוועגן וועלן מיר אויף דער אינדזל פינא פאַרברענגען דעם קינפטיקן זומער.“

זי האָט אים אַרומגענומען, אַ קוש געטאָן און געזאָגט דערויף:

„און איך וועל דיר דאָרט זיין דאָס טרייסטע ווייב, וואָס אַ ראָבינזאָן קען זיך נאָר אַמאָל ווינטשן...“

אוןביידע האָבן זיך הייס צעקושט.



231132